STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07233

# DURKH FAYER UN BLUT

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מספרי
שלום און שפרה קרישטאלקע
ביבליאָטעק

# דורך פייער און בלוט

## געטאָ-בלעטער

געשריבן דורכן

אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט
און דער אידישער קאַמפס־
אָרגאַניזאַציע אין ווארשע

איבערגעשיקט צום אידישן וועלט־
קאָנגרעס און דער רעפּרעזענטאַנץ
פון פוילישן אידנטום אין ניו־יאָרק

ניו-יאָרק — נאָוועמבער, 1944

אידישער וועלט-קאָנגרעס
רעפּרעזענטאַנץ פון פוילישן אידנטום

**WORLD JEWISH CONGRESS**—***Representation of Polish Jewry***
**1834 Broadway, New York**

# אינהאלט:

זייט


*****  ............ משה פּאָליאַקעוויטש  I

באַריכט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט ........... 7

די טעטיקייט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין דעם
אַרישן טייל פון וואַרשע ............ 20

די ענטשטייאונג און די ענטוויקלונג פון דער אידישער
קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע ............ 27

ראַפּאָרט פון קעמפער שמחה ר. וועגן דער פאַרטיידיקונג
אין דער צענטראַלער וואַרשעווער געטאָ ........... 54

ראַפּאָרט פון קעמפער טוביה ב. וועגן די קאַמפן אין
דער צענטראַלער געטאָ ............ 65

די קאַמפן אויפן שטח פון די דייטשע וואַרשטאַטן פון
טעבענס און שולץ אין וואַרשעווער געטאָ............ 72

זעלנער אָן געווער ............ 77

סילועטן ............ 80

זכרונות פון אַ 13יעריקן אידישן אינגעלע ............ 89

אַ יאָר אין טרעבלינקע ............ 90



געזעצט און געדרוקט אין דער מאַרסטין פרעס, אינק., ניו-יאָרק,
אייגענטימער—ישראל לאָנדאָן.

גבורה און פּיין, העלדישקייט און טויט. טיפער, קרישטאָלריינער גלויבן — און פאַרצווייפלונג. אמונה און אויסדויער, אומדערשיטערלעכער גלויבן אין נצח-ישראל און דאָס טראַגישע בילד פון טויט, פון אומפאַרמיידלעכן טויט.

איבערמענטשלעכער העראָאיזם, איינגעוואָרצלטער און איינגעפונדעטער מוט — און קאַמפס-גרייטקייט און קאַמפס-לוסט. ראַנגלענישן מיטן טויט — און קאַמף פאַרן לעבן. זייער העלדיש לעבן און זייער גבורה׳פולער טויט האָט נישט קיין גלייכן ביי אַלע אונטערדריקטע און אונטעריאָכטע פעלקער און לענדער. דער טויט איז פאַר זיי — נאָר אַ צייכן, אַ שטאַרקער ווילן צום לעבן. און קאָן מען נישט לעבן פריי, קאָן מען נישט פילן זיך אַלס טייל, אינטעגראַלער טייל פון פאָלק, פון צבור, פון דער מענטשהייט — איז פאַר זיי דער איינציקער אויסוועג — דער קאַמף און דער אומפאַרמיידלעכער טויט — אַ נייע מגילה פון העלדישקייט, פון קאַמף, פון פאַלן אויפן שלאַכטפעלד. אַ נייער פאָלקס-עפּאָס פון היינטיקציטיקע מכבי׳ער.

אומקום, טויט, גאַז-קאַמערן, טויט-וואַגאָנען. נישט טויט, נאַטירלעכער-טויט, נישט-איבעראַל אפילו טויט אין קאַמף — נאָר מיתה-משונה. פאַרברענט, דערשטיקט, פאַרפּייניקט. אומבאַשרייבלעכע ליידן, אומבאַשרייבלעכע פּייניקונגען. אוממענטשלעכע ליידן, אוממענטשלעכע צרות. די ווילדסטע פאַנטאַזיע קאָן זיך נישט אויסמאָלן אַזאַ טויט, אַזאַ מאַסן-מאָרד. נישט טויזנטער, נישט צענדלי-

קער טויזנטער — נאָר הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען אומ־שולדיקע קרבנות, פאַרשניטענע פאַר דער צייט, דערשטיקטע אין פאַרלויף פון מינוטן. נישט אויסגעהויכט די נשמות — נאָר ארויס־געריסן דעם לעצטן אָטעם, אויסגעשפיגן צוזאַמען מיט דעם זייל פון רויך פון דעם טויט־אויוון. פאַרשיידענע לאַגערן, פאַרשיידענע גאַז־קאַמערן, פאַרשיידענע פאַבריקן פון טויט, פון מיתה־משונה. דאָס גרעסטע, דאָס שרעקליכסטע, דאָס שרייענדיקע פאַרשאָלטנסטע אָרט אויף דער וועלט — טרעבלינקע. אַ נאָמען פון שאַנד, בלוט און ווילדקייט — אויף אייביק, אויף דורות, וואָס קומען — ביז דעם לעצטן טאָג פון קיום־העולם.

א

אין אונטערערד, אין באַהאַלטענע קעלערן און באַפעס־טיקונגס־פונקטן גייט אָן דאָס לעבן פון די פוילישע אידן. יונגע און אַלטע אידן. אַלע שיכטן. חלוצים, שומרים, אַרבעטער. אַלע פאַר־טייען און אָרגאַניזאַציעס. דעם אויבן־אָן אין דעם אידשן נאַציאָ־נאַלן קאָמיטעט און אין דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאַר־נעמען די ציוניסטישע יוגנט און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. נייע צייטן, נייע מענטשן — פון פאָלק, פון דער ציוניסטישער פאָלקס־באַוועגונג. בלוט און פלייש פון די ברייטע אידישע פאָלקס־שיכטן. אָרגאַניזירן דעם קאַמף אין די געטאָס, אין די טויט־לאַגערן. גרייטן צו קאַמפּס־קאַדרען, באַוואָפענען זיי מיט גראַנאַטן, ביקסן, מאַשין־געווער און אַמוניציע. בויען באַפעסטיקונגס־פונקטן און בעטאָן־בונקערן. פירן אַ בלוטיקן קאַמף, אַ טראַגישן קאַמף. קעמפן ביזן לעצטן אָטעם. ראַנגלען זיך מיט טויט — גיבן זיך נישט אונטער, גיבן זיך נישט איבער אין דעם תליונ׳ס הענט. בעסער נעמען זיך דאָס לעבן, איידער אַריינצופאַלן צום שונא. אַ נייע מסדה. אַ נייער ביתר — און דער טויט, אַ העראָאישער טויט. געלעבט, געקעמפט, געפאַלן — אויף אייביק, אויף דורות — אַ זכרון, אַ דענקמאָל פון בלוט און פייער.

**אָרגאַניזירן** די הילפס-אַקציע. דערגרייכן איבעראַל, אין די פאַרוואָרפנסטע פונקטן, אין די געטאָס, אין די טויט-לאַגערן, רייסן אַרויס אידן און קודם-כל אַלטע לייט, פרויען און קינדער פון די נעגל פון טויט. באַהאַלטן זיי אין די „אַרישע" טיילן, אין די וועלדער און בערג. באַזאָרגן זיי מיט ברויט און מעדיצין, טויזנטער, צענדליגער טויזנטער. גיבן זיי צו מוט, האַלטן אונטער דעם גייסט, גיסן אַריין אמונה. דערהאַלטן אַ פאָלק, אַ פאַר'משפט פאָלק צום טויט — ביים לעבן.

**גנב'ענען אַרויס אידן** קיין אויסלאַנד. זיינען פאַרבונדן מיט ארץ-ישראל, מיט חלוצים — שליחים. ראַטעווען נפשות. זיינען באַהאַפטן מיט זייער היים, מיט ארץ-ישראל מיט לייב און לעבן. טרוימען וועגן ארץ-ישראל נישט פאַר זיך, נאָר פאַר קומענדיקע דורות.

**רייניקן דאָס אידישע לעבן** פון אינעווייניק. רייסן אַרויס די ווילדע גראָזן, די ווילדע געוויקסן פון דער בלוטיקער צייט. באַזייטיקן דעם אָפּפאַל פון אידישן לעבן. אָן רחמנות, אָן וואַקלענישן. עס גייט דאָך אָן אַ בלוטיקער געראַנגל פון אידישן פאָלק. זיי לעבן פאַרן אידישן עתיד. פאַר דעם ריינעם הייליקן אידישן נאָמען. פאַרן פאָלק, פאַר גאָט, פאַר אַ ליכטיקן מאָרגן.

**אַלע ראַפּאָרטן**, באַריכטן, בריוו, זכרונות, אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן אין וואַרשע אין די באַפעסטיקונגען, אין די קעלערן, און די בונקערן, סיי אין געטאָ און סיי אין דעם „אַרישן" טייל אין וואַרשע. אַלע די דאָזיקע באַריכטן און דאָקומענטן קומען פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע. זיי זיינען אַרויס-געשיקט געוואָרן פון וואַרשע דעם 24-טן מאַי 1944 און זיינען דורך

אונטערערדישע קאַנאַלן דערגאַנגען דורך דר. יצחק שוואַרצבאַרט, דעם מיטגליד פון נאַציאָנאַל-ראַט פון דער פוילישער רעפובליק צום אידישן וועלט-קאָנגרעס און דער רעפרעזענטאַנץ פון פוילישן אידנטום אין ניו יאָרק. אַלע דאָקומענטן זיינען געשריבן געוואָרן אין דער פוילישער שפּראַך. מיר האָבן זיי איבערגעזעצט ווערטלעך. מיר גיבן זיי איבער אַזוי ווי דער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט זיי געשריבן. מיר לאָזן גאָרנישט אַדורך אויסער נעמען פון אָנפירנדע מיטגלידער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דער אידישער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. מיר לאָזן דורך זייערע נעמען צוליב זיכער-הייטס-סיבות. אין מאַי 1944 האָבן זיי נאָך געלעבט, און לאָמיר האָפן, אַז זיי לעבן און אַרבעטן און קעמפן.

מיר גיבען איבער דעם אידישן לעזער די דאָזיקע טראַגישע דאָקומענטן. דאָקומענטן פון געראַנגל און קאַמף. דאָקומענטן פון קדוש-השם. דאָקומענטן פון דער אידישער גבורה. דאָקומענטן פון אידישן פיין און צער. דאָקומענטן פון קאַמף און טויט. זיי — די דאָקומענטן — רעדן זייער אייגענע שפּראַך. אַזוי פשוט, אַזוי טראַגיש, אַזוי בלוטיק. זיי זיינען הייליקע בלעטער. געהייליקט דורך זייער בלוט און זייער טיפער אמונה אין נצח ישראל. זאָלן זיי וואַנדערן, די דאָזיקע הייליקע בלעטער; זאָלן זיי דורכדרינגען אונזערע הערצער, אונזערע נשמות. זאָלן זייערע ווערטער און מעשים איינגעקריצט ווערן אין אונז, אין אונזערע טיפענישן, אין אונזער זכרון — אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן — אויף אייביק. די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען דער געשריי, דער רוף, די שטים פון דעם פאַרפייניקטן און קעמפנדיקן פוילישן איד.

משה פּאָליאַקעוויטש

# באַריכט פון אידישע נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פּוילן

## צו דר. יצחק שוואַרצבאַרט, אינזשיניער אַנזעלם רייס, דר. אריה טאַרטאַקאָווער

טייערע פריינד:

אַלע דאַנקן פאַר אייערע באַמיאונגען און אָנשטרענגונגען וואָלטן נישט געווען אויפן אָרט, זיי וואָלטן נישט אָפּגעשפּיגלט אונזערע טיפע געפילן פון דאַנקבאַרקייט פאַר אייך און פאַר אַלע אַקטיווע אידישע עסקנים אין דער גאַנצער וועלט, וועלכע באַטייליקן זיך אין דער הילפס-אַקציע. פאַרשטענדיקט זיי, אַז מיר שאַצן ווי געהעריק אָפּ די באַדייטונג פון זייער אַרבעט און אַז אַ דאַנק זיי אַלע קאָנען מיר ווייטער פירן אונזער טעטיקייט.

דער יאָרצייט פון די קאַמפן אין דער וואַרשעווער געטאָ איז פאַר אונז אַלע — די אנטיילנעמער און די עדות פון די קאַמפן — געווען אַ גרויסער טאָג. די אָפּקלאַנגען פון די גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציעס און יאָרצייט-פייערונגען אין ארץ ישראל, אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין ענגלאַנד האָבן דערגרייכט צו אונז. זיי האָבן אונז אויפריכטיק גערירט. אויך דאָ ביי אונז אין לאַנד איז דער יאָרצייט געפייערט געוואָרן. די אונטערערדישע פּרעסע האָט געווידמעט דעם אויפשטאַנד אַרטיקלען און נאָטיצן. די אונטערערדישע ראַדיאָ-סטאַנציעס האָבן אויפגעגעבן ספּעציעלע אווידיציעס. די אונטערערדישע פּוילישע אָרגאַניזאַציעס מיט דעם „ראַט צו העלפן די אידן אין פּוילן" בראש, האָבן אָנגענומען אַנט-שפּרעכנדע רעזאָלוציעס. מיר אַליין האָבן באַערט דעם יאָרצייט-טאָג מיט פייערונגען אין אונזער אונטערערד און מיט פאַרשטאַרקטער אַרבעט.

מיט עטלעכע טעג צוריק, דעם 10טן מאַי, ה. י., האָט אַ הייפעלע לעבן-געבליבענע קעמפער פון געטאָ-אויפשטאַנד געפייערט אַן אַנדערן יאָרצייט — דעם ערשטן יאָרצייט פון זייער ראַטעווען זיך. מיט אַ יאָר צוריק, אין דעם טאָג, האָבן די פאַרשטייער פון דער אידישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן זיך געפונען מחוץ דער געטאָ, אין אַרישן קוואַרטאַל מיט צוויי געלונגענע עקספּעדיציעס, אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט 80 חברים-קעמפער, וואָס האָבן זיך ביז דאַן געפונען אין די חורבות פון געטאָ. דאָס זיינען געווען העלדישע אָנשטרענגונגען פון

קעמפער, וועלכע האבן דערפילט זייער אויפגאבע, ארויספירנדיק זייערע חברים פון די געטא־חורבות דורך די אונטערערדישע קאנאלן. דאס איז געווען א קאשמארנער און א געפארפולער וועג. אין מיטן העלן טאג, כמעט פאר די אויגן פון דער דייטשער זשאנדארמעריע און פאליציי, האבן זיי, שוין אויף דער ארישער זייט, ארויסגעשלעפט פון די קאנאלן די 80 קעמפער. אונטער א באוואפנטער באגלייטונג פון די אידישע קעמפער האט מען די 80 גרעטעוועטע געטא־קעמפער אויפגעלאדען אויף לאסט־אויטאמאבילן, דורכפירנדיק זיי דורך א סך ווארשעווער גאסן און דייטשע וואך־פאסטנס, האט מען זיי געבראכט אין די קעמפינאווער וועלדער. מיט עטלעכע טעג שפעטער, א טאג פאר דער דייטשער אבלאווע אין די דאזיקע וועלדער, האט מען זיי פון דארט אין אויטאס אוועקגעפירט אין די וועלדער פון דער בוג־געגנט. אויך די דאזיקע אויסערגעוויינלעכע עסקאפאדע האט זיך איינגעגעבן. דאס וואלד־לעבן פון אונזערע קעמפער — דאס איז א באזונדער קאפיטל. א סך פון זיי זיינען שוין אומגעקומען, בעת א טייל פון זיי שטעקן נאך אין די וועלדער און אין די דערפער. 20 פון זיי האבן זיך אויסגעקערט קיין ווארשע און זיי זיינען מיט אונז.

א נייער פרואוו צו ראטעווען דורך די קאנאלן נאך א גרופע, די לעצטע אין די געטא־חורבות, האט זיך געענדיקט טראגיש. די ארויסגאנגען פון די קאנאלן אויף דער ארישער זייט זיינען אין לעצטן מאמענט ארומגעשטעלט געווארן מיט א שטארקער דייטשער וואך און עטלעכע צענדליק פון אונזערע קעמפער זיינען אומגעקומען מיט געווער אין זייערע הענט אין די גאסן־קאמפן מיט דער דייטשער זשאנדארמעריע. דער דאזיקער הערואישער פראגמענט פון ראטעווען די קעמפער פון דעם געטא־גהינום ווארט נאך אויף זיין באזינגער.

די ערשטע דריי חדשים פון ה. י. זיינען געווען דער שווערסטער צייט־אפשניט פון אונזער טעטיקייט. מיר האבן באקומען איין קלאפ נאכן אנדערן. אין די ערשטע טעג פון יאנואר ה. י. האבן געשטאפא־אגענטן געכאפט אויף דער גאס אדאלפן — פרעזידיום מיטגליד פון אידישן נאציאנאלן קאמיטעט און פארשטייער פון נאציאנאלן קאמיטעט אינם פוילישן הילפס־ראט צו העלפן אידן. עס האט אים געמסרט אימיצער, וואס האט געוואוסט פון זיין טעטיקייט. די געשטאפא־אגענטן האבן זיך גוט אריענטירט ווער ער איז און וואס פאר א ראל ער שפילט. געראטעוועט אים פון א זיכערן טויט האט אים אבער זיין גייסטיקע רואיקייט און זיין באהערשן זיך. אויף א געוויסער צייט האט ער פארלוירן זיין באוועגונגס־מעגלעכקייט און געמוזט ארבעטן שטרענג געהיים. מיר האבן ידיעות, אז מען זוכט אים ווידער.

אין פעברואר איז די געשטאפא געקומען אויף די שפורן פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע. אויף דער פעריפעריע פון דער אידישער

קאמפ־אָרגאַניזאַציע איז פאַרגעקומען אַ מסירה, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַ גרעסערן אַרעסט און קנאַפּע 20 מענטשן זיינען אומגעקומען. נאָכדעם האָט די געשטאַפּאָ אָנגעהויבן צו זוכן יצחקן — דעם איצטיקן קאָמאַנדאַנט פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — און אויך ער האָט געמוזט זיך אויף אַ צייט פאַרשטעקן. צום סוף יאַנואַר איז אויף דער גאַס געכאַפּט געוואָרן אונזער יונגער און ענערגישער מיטאַרבעטער אברהם וואַרמאַן, אַ השומר־הצעיר־ניק פון מזרח־גאַליציע. ער איז אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

אין מערץ איז אומגעקומען איינער פון אונזערע אָנגעזעענסטע מיטאַרבעטער, דער שעפער און לייטער פון אונזער אַרכיוו, דער פּיליאַריקער קולטור־טוער פון די לינקע פּועלי־ציון, דער פּלאָמיקער און מסירת־נפשדיקער געזעלשאַפטלעכער טוער — דער היסטאָריקער עמנואל רינגעלבלום. די געשטאַפּאָ האָט אַנטדעקט די אונטערערדישע דירה אינם אַרישן קוואַרטאַל, אין וועלכן ער האָט ביז צו דער לעצטער מינוט אינטענסיוו געאַרבעט. ער, זיין פרוי און זייער זונעלע, זיינען דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע 35 איינוואוינער פון דער דאָזיקער אונטערערדישער באַהעלטעניש. ער האָט איבערגעלאָזט אַ גאַנצע רייע מעמוארן און היסטאָרישע אַרבעטן פון גרויסן ווערט, וועלכע זיינען אין אונזער רשות. גיט איבער די טרויעריקע ידיעה פון רינגעלבלומס טויט דעם ייווא, און דער פּאַרטיי, אין וועלכער ער האָט זיין גאַנצן לעבן געאַרבעט.

אַנדערע אונזערע עסקנים האָבן זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט אונזער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אַ סך מאָל געפונען פּנים אל פּנים מיטן טויט. אין פאַרלויף פון די לעצטע עטליכע חדשים זיינען אַלע פּרעזידיום־מיטגלידער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט געזוכט געוואָרן פון דער געשטאַפּאָ און זיי האָבן טיילווייז געמוזט באַשרענקן זייער טעטיקייט אויף אַ געוויסער צייט. די אַרבעט איז אָבער טראָץ דעם ניט פּאַראַליזירט געוואָרן. מיר האָבן דאָס צו פאַרדאַנקען אין דער ערשטער ריי דעם געטרייען שטאַב פון אונזערע קרבנות־גרייטע מיטאַרבעטער און באַזונדערס פון אונזערע בראַווע מיטאַרבעטערינס, וועלכע דערפילן טאָג־טעגלעך זייערע געזעלשאַפטלעכע התחייבותן. איצט אַרבעטן מיר שוין ווידער פונקט אַזוי ווי פאַר די דורכפאַלן. מיר לעבן אין שטענדיקער געפאַר, ווי שטריקגייער איבערן תהום. טאָג און נאַכט זיינען מיר אויפן ראַנד צווישן לעבן און טויט. יעדער דורכגעלעבטער טאָג איז אַ נס. אָבער די אַרבעט ווערט נישט אָפּגעשטעלט, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע.

אין וואָס פאַר אַ אַטמאָספער מיר אַרבעטן: די געטאָ באַהערשט נאָך אַלץ די מוחות פון די דייטשן, כאָטש זי עקזיסטירט נישט מער. טאָג נאָך טאָג, פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט, הערט מען אין וואַרשע שטאַרקע אויפרייסן. דאָס רייסן אויף די דייטשן די חורבות פון

דער געטאָ. גאַנצע גאַסן זיינען, אין בוכשטעבלעכן זין פונם וואָרט, אויס־געגלייכט געוואָרן מיט דער ערד. די דייטשן האָבן איינגעאָרדענט אַ ספּעציעלע קליין־באַן, וואָס פירט במשך פון גאַנצע טעג די שטיינער און ציגל פון די געטאָ־חורבות צום וויסל־ברעג. די ציגל און שטיינער זיינען, אין פּשוטן זין פון וואָרט, דורכגעווייקט מיט אידיש בלוט. דאָ און דאָרט זעט מען אויך ביי דער ווייסל, צווישן די שטיינער און ציגל, פאַרבלוטיקטע שמות און אויסגעריסענע בלעטער פון אידישע ביכער. די היטלעריסטן ווערן נאָך אַלץ געפּלאָגט מיט דער מורא, אַז אונטער די חורבות פון דער וואַרשעווער געטאָ געפינען זיך נאָך אַלץ רעשטלעך פון דער „אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.. עס קומען זייער אָפט פאָר בלאָקאַדעס פון גאַנצע געגנטן אונטער דער לאָזונג פון זוכן „אידן, באַנדיטן און געווער". מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן די דייטשן בלאָקירט דעם זשאָליבאָזש־קוואַרטאַל און דאָרטן געכאַפּט 50 אידן. די מערהייט פון זיי לעבט נישט מער. אַרעסטן אויפן גרונט פון מסירות הערן ניט אויף. די יאָגד אויף אידן מצד דער געשטאַפּאָ און קרימינאַל־פּאָליציי, וואָס קומט פאָר מיט דער הילף פון געזעלשאַפטלעכן אָפּפאַל, ברענגט יעדן טאָג נייע צענדליקע קרבנות.

אין פאַרלויף פון די לעצטע וואָכן זיינען אויף אַזאַ אופן אומגעקומען דער פּראָפעסאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, מ. צענטנערשווער; דער דאָצענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, וו. שטערלינג, מיט זיין פרוי; דער עקאָנאָמיסט וולאַדיסלאַוו לאַנדוי מיט דער פרוי און טאָכטער און אַ סך אַנדערע.

די צאָל אידן אין וואַרשע פאַרקלענערט זיך פון טאָג צו טאָג. די געכאַפּטע אידן ענדיקן זייער לעבן אין די חורבות פון דער געטאָ, וועלכע איז געוואָרן דער עקזעקוציע־פּלאַץ סיי פאַר אידן, סיי פאַר פּאָליאַקן. די אַלגעמיינע צאָל אידן אין וואַרשע, וואָס פירן אַ לעבן אַלס „אַריער", און אַזעלכע וועלכע באַהאַלטן זיך אויס, איז שווער גענוי פעסטצושטעלן. לויט אונזער אָפּשאַצונג שטייגט די דאָזיקע צאָל נישט אַריבער 15 טויזנט. דער ראַט צו העלפן אידן ביי דער רעגירונגס־דעלעגאַטור, דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און דער בונדישער קאָמיטעט, שטיצן אין וואַרשע קנאַפּע 10 טויזנט אידן. מען דאַרף אָננעמען, אַז עטלעכע טויזנט אידן נויטיקן זיך נישט אין שטיצע און עטלעכע טויזנט, ווידער, האָבן נאָך נישט דערגרייכן צו קיין איינציקן פון די הילפס־קאָמערלעך.

ווי אַזוי שטעלט זיך פאָר די סיטואַציע אויף דער פּראָווינץ? דער איינציקער „לעגאַלער" אידישען מאַסן־צענטער אין פּוילן, איז די געטאָ אין לאָדזש. אין דעצעמבער 1943 און אין יאַנואַר 1944, האָט מען אַרויסגעפירט פון דאָרט אויף אַ זיכערן טויט עטלעכע צענדליק טויזנט אידן. אין משך פון די לעצטע עטלעכע וואָכן האָט מען פון דאָרט אַרי־

בערגעפירט עטלעכע טויזנט אידן אין די ארבעטס־לאגערן פון סקארזשיסקא, קיעלץ און טשענסטאכאוו. אינם איצטיקן מאמענט געפינען זיך נאך אין לאדזש 80,000 אידן. דאס זיינען אבער נאר, טיילוויז, פוילישע אידן. דער גרעסטער טייל פון די געטא־איינוואוינער פון לאדזש זיינען אידן פון כמעט אלע אייראפעאישע לענדער, וואס זיינען אהין צוזאמענגעטריבן געווארן. די לאדזשער געטא איז ווייטער הערמעטיש אפגעשלאסן. טראץ אונזערע פילמאליקע באמיאונגען, וואס מיר האבן אליין געמאכט אדער מיט דער הילף פון די פוילישע אונטערערדישע ארגאניזאציעס, כדי אנצוקניפן א קאנטאקט מיט די לאדזשער אידן, איז עס אונז נישט געלונגען צו דערגרייכן צו דער לאדזשער געטא. דאס איז אן אינזל אפגעשלאסן פון דער גאנצער וועלט.

אלע אנדערע שטעט און שטעטלעך איבערן גאנצן לאנד זיינען שוין פון לאנג „אידן־ריין". פונדעסטוועגן באהאלטן זיך נאך אוים אין קראקע און אין לעמבערג צו עטלעכע טויזנט אידן. לויט די אינפארמאציעס, וואס מיר האבן, זיינען נאך א געוויסע צאל אידן אויסבאהאלטן אינם ארישן קווארטאל אין ווילנע. א קאנטאקט מיט ווילנע האבן מיר אבער נישט, פונקט ווי מיר האבן בכלל נישט קיין פארבינדונג מיטן „אסטלאנד", כאטש מיר האבן שוין צוויי מאל אהין ארויסגעשיקט שליחים. מיט קראקע און מיט לעמבערג האבן מיר יא א רעגולערן קאנטאקט. די אידן אין לעמבערג לעבן איצט איבער ספעציעלע קאמפליקאציעס. צוליב דער באמבארדירונג פון דער שטאט פארלירן זיי אפט זייערע באהעלטענישן און מלינות. זיי מוזן זיך אויסבאהאלטן פאר זייערע שכנים. פארוואונדעטע האבן מורא צו רופן נאך הילף. דאס זעלבע חזרט זיך איבער אויך אין אנדערע שטעט. די קלעפ וואס פאלן אויף דער גאנצער באפאלקערונג טרעפן די אידן טויזנט מאל פילבארער. דאס רוב אידן, וואס לעבן אויפן שטח פון גענעראל־גאווערנעמענט, וועגעטירט אי זדי קאנצענטראציע־לאגערן. דער גרעסטער קאנצענטראציע־לאגער געפינט זיך אין פלאשאוו, נעבן קראקע. דארט זיינען פאראן ארום 12,000 אידן. מיט א חודש צוריק האט מען דארט אויסגעשאסן איבער הונדערט מענטשן. מיט עטלעכע טעג צוריק האט מען אהין געבראכט דעם ערשטן טראנספארט פון עטלעכע טויזנט אונגארישע אידן. דער לאגער אין שאבניא, וואס האט געציילט צוויי טויזנט מענטשן, איז מיט עטלעכע חדשים צוריק אינגאנצן אויסגעשאסן געווארן. אין דער קראקאווער געגנט געפינען זיך נאך עטלעכע קלענערע לאגערן: אין מיעלעץ, אין וויעליטשקע, אין פוסטקאוו און אין סטאלאווא וואליא. אין יעדן פון די דאזיקע לאגערן געפינען זיך צו עטלעכע טויזנט אידן. פארהעלטניסמעסיק גרעסערע לאגערן געפינען זיך אין ראדאמער און קיעלצער קרייז. דער גרעסטער פון זיי איז דער שקלאפן־לאגער אין סקארזשיסקא, וואו עס ארבעטן ביי קאטארזשע בא־

דינגונגען קרוב צו 10 טויזנט אידן. מיט דעם דאָזיקן לאַגער, פּונקט ווי מיטן פּלאַשאָווער לאַגער, שטייען מיר אין אַ ענגען און רעגולערן קאָנטאַקט און מיר שטיצן זיי מיט גרעסערע געלט־מיטלען. אַחוץ סקאַרזשיסקאָ, עקזיסטירן נאָך אַרבעטס־לאַגערן אין סטאַראַכאָוויצע מיט 7 טויזנט אידן, אין פּלאַנקי מיט 3 טויזנט, אין בליזשין מיט 2 טויזנט און אין דער שווענטאָ־קזשיסקער תפיסה ביז טויזנט. אין ראַדאָם, קיעלץ, פּיעטריקאָוו און טשענסטאָכאָוו עקזיסטירן לאַגערן, אין וועלכע עס אַרבעטן צו עטלעכע טויזנט אידן. מיט אַלע לאַגערן שטייען מיר אין פאַרבינדונג און מיר העלפן זיי. אין לובלינער געגנט האָבן ביז נישט לאַנג צוריק עקזיסטירט צוויי לאַגערן: אַ גרעסערער אין בודזין מיט 3 טויזנט מענטשן און אַ קלענערער אין קראַשניק מיט עטלעכע הונדערט מענטשן. אין די דאָזיקע לאַגערן געפינט זיך אונזער ליבער . . . . , מיט וועמען מיר קאָרעספּאָנדירן און מיר שיקן אים געלט. אין בודזין געפינען זיך צווישן אַנדערע צוויי וואַרשעווער רבנים, אַ פירער פון די רעוויזיאָניסטן, אַ בונדישער טוער און אַ רייע אַנדערע טוער פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. מיר העלפן זיי אַלעמען מיט וואָס מיר קענען נאָר.

לעצטנס, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערנענטערן זיך פון מלחמה־פראָנט, האָבן די דייטשן אָנגעהויבן צו עוואַקואירן די דאָזיקע צוויי לאַגערן. אַ העלפט פון זיי איז שוין אַריבערגעפירט געוואָרן אין די לאַגערן פון פּלאַשאָוו, מיעלעץ און וויעליטשקע. די ווייטערדיקע עוואַקואַציע איז אין גאַנג. אין מזרח־גאַליציע געפינען זיך נאָך רעטשלעך פון לאַגערן אין באָריסלאַוו און אין דראָהאָביטש. דאָרט אַרבעטן הויפּטזעכלעך קוואַליפיצירטע אַרבעטער אין די נאַפט־גרובן. אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערנענטערן זיך פונם פראָנט צו די דאָזיקע לאַגערן, ווערן זיי עוואַקואירט אין די לאַגערן פון ראַדאָמער און קראָקאָווער געגנט. אין פּאָדלאַשער געגנט געפינט זיך אַ לאַגער אין ביאַלאַ־פּאָדלאַסקאַ, וואו טויזנט אידן אַרבעטן אין די דאָרטיקע עראָפּלאַנען־וואַרשטאַטן. דער דאָזיקער לאַגער איז הערמעטיש אָפּגעשלאָסן. קיין צוטריט איז ניט פאַראַן, טראָץ אונזערע באַמיאונגען. אין דער געגנט פון קוילן־ראַיאָן האָבן נאָך דאָ ביז לעצטנס עקזיסטירט רעשטלעך פון לאַגערן אין בענדין און אין סאָסנאָוויץ. מיט עטלעכע חדשים צוריק זיינען די אידן פון דאָרט אַרויסגעפירט געוואָרן קיין אָשווענטשים, וואַרשיינלעך צום אויסמאָרדן. אין ביידע שטעט זיינען געבליבן אַ געוויסע צאָל אידן, וואָס באַהאַלטן זיך אום אין די אַרישע געגענטן. מיר העלפן זיי. אַחוץ דעם עקזיסטירן אַן ערך 14 ביז 16 קלענערע לאַגערן אין די קליינע פּראָווינץ־שטעטלעך, וואו עס אַרבעטן צו עטלעכע הונדערט אָדער בלויז צו עטלעכע צענדליק אידן. זיי ווערן באַנוצט אָפּצורייניקן דעם שטח פון די געוועזענע געטאָס, צו באַזייטיקן די חורבות, צו פאַרברענען מתים, אָדער צו בויען נייע וועגן.

איינעם פון אזעלכע לאגערן, זאמאשטש, האבן די דייטשן פּלוצלינג ליקווי־דירט. זיי האבן דארטן אויסגעשאסן אלע 70 אידן. אויף דעם שטח „רייך״, פון וועלכן מיר זיינען פולשטענדיק אפּגעשניטן, געפינען זיך נאך עטלעכע לאגערן אין אויבער־שלעזיע.

אין קעניגסהוטע ארבעטן עטלעכע טויזנט אידן אין די דארטיקע גרובן, אונטער די ערגסטע באדינגונגען. יעדע וואך שטארבן דארטן אויס ארום הונדערט מענטשן. אונטער מיסלאוויץ ארבעטן עטלעכע טויזנט אידן ביי עפנטלעכע ארבעטן. אין די ארבעטס־לאגערן אין טשעביניא לעבען קאטאוויץ און אין וואדאוויץ ארבעטן עטלעכע טויזנט האלענדישע, בולגארישע און אונגארישע אידן. זיי ארבעטן דארט צו 15 שעה א טאג און באקומען דערביי זעהר ווייניק צו עסן. זיי שטארבן אויס אין א גיכן טעמפּא. יעדן טאג קומען פאר זעלבסטמארד־פאלן און עס זיינען שוין אפילו געווען פאלן, ווען א זעלבסטמארד־משוגעת האט באהערשט גאנצע באראקן.

אין אונזערע פארהעלטנישן איז פאקטיש שווער פעסטצושטעלן די גענויע צאל אידן, וואס וועגעטירן נאך אין די לאגערן אויפן שטח פון גאנצן לאנד. היפּאטעטיש שאצן מיר אפּ די אלגעמיינע צאל אידן אין די לאגערן אויף 80,000. צוזאמען מיט די 80,000 אידן אין דער לא־דזשער געטא האבן מיר א צאל פון בערך 160 טויזנט „לעגאלע״ אידן איבערן גאנצן לאנד. די דאזיקע ציפער איז אבער א פליסנדע. זי ווערט יעדן טאג קלענער צוליב די דערשיסונגען און פון דער אנדערער זייט פארגרעסערט זי זיך עטוואס צוליב דעם קליינעם צופלוס פון אויסלענדישע אידן, וועלכע גייען לרוב תיכף נאך זייער קומען אין „קעסל״ אריין צום טויט. מיר מוזן באמערקן, אז אין די לעצטע עטלעכע חדשים זיינען די פאלן פון מאסן־שחיטות אין די קאנצענטראציע־לאגערן געווארן זעלטע־נער ווי אין פארגאנגענעם יאר. דער רעזשים דאגעגן איז אומעטום גע־ווארן נאך שארפער און קאטארזשנער. כמעט אלע לאגערן פאר אידן האבן דעם כאראקטער פון שטראף־לאגערן און זיי ווערן אלץ מער הער־מעטיש פארשלאסן. צוליב דעם איז טאקע דער קאנטאקט מיט זיי וואס אמאל שווערער. דאס פארלאנגט אומגעהויער גרויסע אנשטרענגונגען, א סך ענערגיע און גרויסע הוצאות. ביי דעם אלעמען האלטן מיר אויף דעם קאנטאקט מיט כמעט 20 לאגערן און מיר העלפן זיי אויף וויפיל מיר קענען. מיר ווייסן ניט, צי דאס פארקלענערן די מאסן־שחיטות אין דער לעצטער צייט איז א רעזולטאט דערפון, וואס זיי נויטיקן זיך דערווייל אין דער אידישער ארבעטס־קראפט, צי קומט דאס פון זייער חשק איבערצו־לאזן ביים לעבן א געוויסע צאל אידן פאר זייער „אליבי״. אויפן יסוד פון אונזערע דערפארונגען האלטן מיר אבער פונדעסטוועגן, אז דער גורל פון די אידן, וואס געפינען זיך נאך אין די ארבעטס־לאגערן אדער אין

דער לאָדזשער געטאָ, איז אַ געחתמעטער. פריער, אָדער שפּעטער, וועלן זיי, די היטלעריסטן אויסהרגענען.

נאָך שווערער איז פעסטצושטעלן די גענויע צאָל פון אומלעגאַלע אידן, וואָס באַהאַלטן זיך אויס. אויפן יסוד פון פאַרשידענע באַריכטן, וואָס מיר האָבן, שאַצן מיר, אַז אין די שטעט באַהאַלטן זיך אויס אַרום 25-30 טויזנט אידן. דערונטער אַרום 15,000 אין וואַרשע און די איבעריקע אין עטלעכע אַנדערע שטעט. אין די דערפער און די וועלדער לעבן ניט מער ווי 10 ביז 15 טויזנט אידן. די פאַרבינדונג מיט זיי איז אויסערגעוויינלעך שווער. מיט דער הילף פון פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס דערגרייכן מיר צו אַ געוויסער צאָל אידן, וואָס וואוינען ביי פויערים אין שעדלעצער און קראָקאָווער און אַנדערע געגענטן. מיר האַלטן פולשטענדיק אויס עטלעכע גרופּן פון דער אידישער קאַמפּס־אָר־גאַניזאַציע, וועלכע האַלטן זיך אויף אין די דערפער אין דער וואַרשעווער און אין דער טשענסטאָכאָווער געגנטן. די אַלגעמיינע צאָל פון אויסבאַ־האַלטענע אידן שאַצן מיר אָפּ אויף 40 טויזנט, אַזוי אַז דער סך־הכל פון לעבעדיקע אידן אין גאַנצן לאַנד שטייגט נישט איבער די צאָל פון 200 טויזנט. אינם פאַרלויף פון לעצטן האַלבן יאָר איז די צאָל אידן אין פּוילן פאַרקלענערט געוואָרן מיט קנאַפּע הונדערט טויזנט נפשות.

אייער אַנקעטע פון 26־טן יוני 1943, מיט די 28 פונקטן, האָבן מיר דערהאַלטן. מיר האָבן צוגעגרייט אונזער ענטפער, אָבער פונקט ווי מיר האָבן זיי געדאַרפט אייך איבערשיקן, האָבן מיר איבערגעלעבט די שווער־סטע צייט פון קריזיס און פאַרפאַלגונגען. איצט האָבן די פראַגן פאַר־לוירן זייער אַקטואַליטעט. אויף די וויכטיקסטע פראַגן פון דער אַנקעטע ענטפערן מיר אייך אינם איצטיקן ראַפּאָרט און אין די ביילאַגן. די אַנ־קעטע איז פאַר אונז געווען אַ באַווייז, ווי ווייט, אין אויסלאַנד, האָט מען זיך נאָך אין יוני 1943 (אַלזאָ שוין נאָך דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ) נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון איבערן פאַרנעם פון דער קאַ־טאַסטראָפע פון פּוילישן אידנטום. די אַנקעטע פרעגט וועגן שולן, בעת כמעט אַלע אידישע קינדער זיינען אויסגעהרגעט, און דאָס קליינע הייפעלע פון קינדער, וואָס איז נאָך געבליבן ביים לעבן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פירט דאָרטן אַן אומלעגאַלע עקזיסטענץ, ווייל לויט די באַגריפן פון די היטלעריסטישע רוצחים, האָט קיין אידיש קינד נישט קיין רעכט צום לעבן. ווען אַ זעלנער פון דער דייטשער וואַך אָדער אַן ס. ס. מאַן באַווייזט זיך אויפן שטח פון די וואוינונגס־באַראַקן אין די לאַגערן, באַהאַלטן די עלטערן אין גרויס פּאַניק די קינדער. ביי יעדן נייעם אַפּקלויב צו די שחיטות אין די לאַגערן גייען שטענדיק אויפן ערשטן פייער די פרויען און די קינדער. זיי ווערן די ערשטע געכאַפּט צו דער־שיסן אָדער צום „קעסל" . . .

די אנקעטע פרעגט וועגן רעליגיעזן לעבן און וועגן די בתי־תפילות, בעת . . .

בנוגע געוויסע ספעציעלע פראגן מאכן מיר אייך קלאר, אז נאך דער ליקווידאציע פון קראקאווער געטא איז נישט געווען מער און עס איז נישטא מער קיין שום נייער אידן־ראט. אין מזרח־גאליציע איז די לאגע פון די אידן פונקט אזוי קאטאסטראפאל ווי אין גאנצן לאנד. דאגעגן אין די לעצטע עטלעכע חדשים, אין צוזאמענהאנג מיטן דערנענטערן זיך דארט פונם מלחמה־פראנט, איז די לאגע נאך א סך ערגער ווי אין אנ־דערע געגנטן. די צאל פון אידישע וואוינונגס־צענטערן און פון אידן בכלל איז דארט א מינימאלע. די דייטשע פאראָרדנונג פון נאוועמבער 1942 וועגן „קאנצענטרירן די אידישע באפעלקערונג אין 55 שטעטלעך" איז געווען איינע פון די ציניששטע היטלעריסטישע שפיצלעך. דאס איז געווען א פולאפקע (א כאפ־שטייג). די אלע נייע געטאס זיינען שין לאנג ליקווידירט געווארן אויף א בלוטיקן אופן.

אז עטלעכע שוידערלעכע פולאפקע איז געווען דער „לאגער פאר אויסלענדער" אונטער האנאווער. די דייטשן האבן מיט דער הילף פון אידישע געשטאפאווצעס ווערבירט קאנדידאטן אויף ארויסצופארן אהין פון צווישן די אידן, וואס האבן זיך אויסבאהאלטן אין די ארישע שטאט־טיילן. זיי האבן „גאראנטירט", אז דער דאזיקער לאגער פאר אויסלענדער געפינט זיך אונטערן שוץ פון אינטערנאציאנאלן רויטן קרייץ, אז יעדער וואס פארט אהין ראטעוועט זיך א. א. וו. מיר, דער אידישער נאציאָ־נאלער קאמיטעט, האבן צו דער דאזיקער אונטערנעמונג געהאט א דע־צידירטע קריטישע באציאונג. נישט נאר מיר האבן דערצו נישט צו־געלייגט קיין האנט, נאר מיר האבן אלעמען אפגעראטן דערפון. פונ־דעסטוועגן האבן זיך עטלעכע טויזנט נאאיווע מענשן, אדער אזעלכע, וועלכע זיינען פארהיפנאטיזירט געווארן פון דעם מיראזש פון אן אמע־ריקאנער פאספארט — אדער אזעלכע, וואס האבן זיך געפונען אויף דער גאס אז א היים, פנים־אל־פנים מיט דער געפאר פון טויט, האבן זיך געלאזט אפנארן פון דער דאזיקער אפערע. די ערשטע טראנספארטן זיינען פאקטיש אוועקגעגאנגען קיין האנאווער, אבער דערנאך דורך אן אומוועג צוריק קיין טרעבלינקע, דירעקט אין די גאז־קאמערן. דער לאגער פאר אויסלענדער אין האנאווער האט נישט לאנג עקזיסטירט. נאך א געוויסער צייט האט מען די מערהייט פון די דארט צונויפגעזאמלטע אידן אריבערגעפירט קיין אשווענטשים. צי זיי זיינען דארט אומגעקומען אין די גאז־קאמערן? צי זיי וועגעטירן דארטן נאך אין לאגער? — ווייסן מיר נישט. א קליינער טייל איז פון האנאווער איבערגעשיקט געווארן אינם לאגער בערגען, לעבן דרעזדען. נאך א קלענערער טייל איז געבליבן אין לאגער אין האנאווער גופא.

דורך דער דעלעגאַטור פון דער פוילישער רעגירונג האָבן מיר צו יענער צייט דערהאַלטן פון אייך אַ רשימה פון פּערזאָנען, וועלכע וואָלטן געקענט באַקומען די מעגלעכקייט מיט דער הילף פון דער דעלעגאַטור צו פאָרן קיין אונגאַרן. פון צווישן די 19 מענטשן, וואָס זיינען געווען אויסגערעכנט אין דער דאָזיקער טעלעגראַמע, האָבן דעמאָלט נאָך געלעבט בלויז דריי. זיי האָבן זיך געפונען אין וואַרשע און האָבן געקענט געניסן פון דעם דאָזיקן פאָרשלאָג. דאָס זיינען געווען 3 חברים (2 לינקע פּועלי־ציון און איינער פון די רעכטע פּועלי־ציון) — זיי זיינען אייך געווען זעהר דאַנקבאַר פאַר געדענקען זיי, אָבער דעם פאָרשלאָג האָבן זיי נישט געוואָלט אָננעמען, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי מוזן דערפילן זייער געזעלשאַפטלעכע דינסט ביזן סוף.

דאָ נישט לאַנג האָבן מיר געפּלאַנט אַרויסצושיקן קיין אונגאַרן אַן אַנדערע דעלעגאַציע. זי איז שוין געווען גרייט אין וועג אַריין. אָבער עטלעכע טעג פאַרן באַשליסן דעם טערמין פון זייער אַרויספאָר, איז אויסגעבראָכן די אונגאַרישע קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט אונז דערשיטערט ביז אין די טיפענישן. די ערשטע טראַנספּאָרטן פון אונגאַרישע אידן זיינען שוין אָנגעקומען קיין אַשווענטשים און אין אַנדערע טויט־לאַגערן אין פּוילן.

און איצט עטלעכע ווערטער וועגן אונזערע אינערלעכע און צווישן־אָרגאַניזאַציאָנעלע באַציאונגען. אונזערע באַציאונגען מיט די פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס זיינען זייער נאָענטע און האַרציקע. אינם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט גופא איז די אַטמאָספער אַ ברידערלעכע און אפילו אַ פריינטלעכע. מיר אַרבעטן צוזאַמען אינם ראַט צו העלפן אידן ביי דער דעלעגאַטור, אין דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אינם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. פונדעסטוועגן ווילן מיר דאָ, למען האמת, באַרירן עטלעכע מאָמענטן: אויפן יסוד פון אינפאָרמאַציעס, וואָס זיינען פון אויסלאַנד צו אונז דערגאַנגען, דאַכט זיך אונז, אַז די בונדישע פאָרשטייער אין אויסלאַנד באַמיען זיך צו דיסקאָנטירן פאַר זיך דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און זיך צוצושרייבן, אויב נישט די אויסשליסלעכע, איז די דאָמינירנדע פאַרדינסטן. מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט שטעלן מיר פעסט, אַז דאָס איז אין סתירה מיטן אמת. די דאָזיקע פאַלשע, אומבאַרעכטיקטע לעגענדע מוזט איר אין נאָמען פון היסטאָרישן אמת באַקעמפן. דער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ, ווי אויך אין די אַנדערע געטאָס און אין שקלאַפן־לאַגערן, איז איניצירט, אָרגאַנאַזירט און דורכגעפירט געוואָרן דורך אונזערע אָרגאַניזאַציעס, און אין ערשטער רייע דורך די פּראָ־פּאַלעסטינער אַרבעטער און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: „החלוץ", „דרור", „השומר הצעיר", רעכטע און לינקע פּועלי־ציון. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעפירט מיט די קאַמפן, האָבן געגעבן די

איבערוויגנדע מערהייט פון קעמפער און האבן געבראכט די גרעסטע בלוט־קרבנות. קאמאנדאנט פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע איז געווען אונזער העלדישער חבר מרדכי אנילאוויטש, פירער פון „השומר הצעיר". אין דער קאמענדאטור פונם אויפשטאנד האבן מיר געהאט 4 פארשטייער און די בונדישע גרופע—איינעם. פון 22 קאמפס־אפטיילונגען פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע האבן אונזערע ארגאניזאציעס געהאט 18 און די בונדישע גרופע — 4. פון דער אלגעמיינער צאל קעמפער האט דער „בונד" געהאט בלויז 18 פראצענט. די בונדישע גרופן אין די ראמען פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע האבן מוטיק געקעמפט, פונקט ווי אלע אנדערע גרופן אן אויסנאם. אבער זיי האבן נישט געגעבן דעם קאמף, נישט דעם כאראקטער און נישט דעם טאן. אויך איצט שטייען אונזערע חברים בראש פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע. עס האט אונז דערפאר שטארק פארוואונדערט דאס אויסצייכנען מיטן ארדער פון „ווירטוטי מיליטארי" בלויז און אויסשליסלעך קלעפפישן, א מיטגליד פון דער בונדישער גרופע. דער קעמפער מיכאל קלעפפיש האט מוטיק געקעמפט, אבער ער איז געווען בלויז איינער פון הונדערטער העלדישע קעמפער. אויף וויפל עס האט זיך דא געהאנדלט וועגן סימבאליש אויסצייכענען, מיט אן ארדער, די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע, אדער דעם כלל פון די העלדישע אידישע קעמפער, האלטן מיר, אז די אויסצייכנונג איז זיכער געקומען דעם געפאלענעם העלדישן קאמאנדאנט פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע.

גלייכצייטיק שמערצט אונז דער פאקט (אפשר מאכן מיר א טעות ?), וואס דער „בונד" אין אויסלאנד מאנאפאליזירט פאר זיך די פראפאגאנדע צווישן די ארבעטער־ארגאניזאציעס, באזונדערס אין ענגלאנד און אין די פאראייניקטע שטאטן, וואס ער באאיינפלוסט דעם אמעריקאנער אידישן ארבעטער קאמיטעט און דער „בונד" ווערט דעריבער פאווארייזירט. פארוואס פירן נישט די ארגאניזאציעס פון רעכטע און לינקע פועלי־ציון א געהעריקע אויפקלערונגס־אקציע אין די אנטשפרעכנדע ארבעטער־קרייזן ? די ארגאניזאציעס פון דער ארבעטער־וועלט איז אלע לענדער דארפן וויסן וועגן דעם, אז דער ארגאניזאטאר און דער אנפירער פון די געטא־קאמפן איז געווען די פרא־פאלעסטינישע ארבעטער־באוועגונג, אז הונדערטער קעמפער זיינען געפאלן מיטן געדאנק, אז זייער טויט וועט זיין איינער פון די יסודות פאר א סאציאליסטישער צוקונפט פון אידישן פאלק אין ארץ ישראל.

אין דעם צייט־אפשניט פון דעם ערשטן נאוועמבער 1943 ביז דעם 20־טן מאי 1944 האבן מיר דערהאלטן פון אייך פאלגענדע סומען :

1 — אנהויב נאוועמבער 1943 . . . . . . $10,000

אלס די פערטע ראטע פון די 10,000 פונט גע־

| | | |
|---|---|---|
| | שיקט פאַר דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט | |
| 2 — | סוף נאָוועמבער 1943 . . . . . . . . | 10,000 |
| | אַלס ערשטע ראַטע פון 9000 פונט געשיקט פאַר דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט | |
| 3 — | אין דעצעמבער 1943 . . . . . . . . | 14,000 |
| | אַלס צווייטע ראַטע פון די 9000 פונט | |
| 4 — | אין יאַנואַר 1944 . . . . . . . . . | 12,000 |
| | אַלס דריטע ראַטע פון די 9000 פונט | |
| 5 — | אין אַפּריל 1944 . . . . . . . . . | 20,000 |
| | געשיקט פאַר דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמי־טעט דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל — בודאַפּעסט (מיט בריוו פון ווענא און באַרלאַס פון סעפּ־טעמבער 1943) | |
| 6 — | אין מאַי 1944 . . . . . . . . . . | 60,000 |
| | אַלס די ערשטע ראַטע פון די געשיקטע $120,000 ($100,000 פון דזשאָינט און $20,000 פון קאָנגרעס). | |
| | מיט דער סומע דיספּאָנירט די קאָאָרדינאַציע קאָ־מיסיע פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון „בונד" | |
| | צוזאַמען . | $126,000 |

די סומע פון 15,000 פונט, וועלכע איר האָט איבערגעשיקט פאַר אונז, איז על פּי טעות אויסגעצאָלט געוואָרן דעם „בונד". מיר זיינען געקומען מיט דעם „בונד" אין דער דאָזיקער פראַגע צו אַ פאַרשטענדי־קונג. דער „בונד" האָט זיך מתחייב געווען אויסצוצאָלן אונז די דאָזיקע סומע אין דער נאָענטסטער צייט. די געלדער, וועלכע זיינען אָנגעקומען פאַרן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, זיינען פאַרטיילט געוואָרן אויף פאָל־גענדן אופן:

אַלע אידישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס (אויסערן „בונד", וועלכע האָט אייגענע פאָנדן) האָבן באַ־קומען פאַר זייערע מיטגלידער און זייערע משפּחות און פאַר דעם געזעלשאַפטלעכן קולטורן אַקטיוו ליטעראַטן, אַרטיסטן, א. א. וו. —

פון די געלדער — בערך 15 פּראָצענט

די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען בערך 10 פּראָצענט

אויף דער אַלגעמיינער הילפס־אַקציע פאַר די אידן אין

ווארשע, אין די לאַגערן און אויף דער גאַנצער
פּראָווינץ האָט מען אויסגעגעבן —
פון די געלדער — איבער 75 פּראָצענט

---

צוזאַמען 100 פּראָצענט

די לעצטע סומע, וועלכע איז אָנגעקומען פון „דזשאָינט" און פון אידישן וועלט־קאָנגרעס, איז פאַרנוצט געוואָרן אויסשליסלעך פאַר דער אַלגעמיינער הילפס־אַקציע פאַר די אידן און פאַר דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די סומע 3 מיליאָן זלאָטעס, באַשטימט פאַר אונז, וועלכע אַנזעלם (רייס) האָט אָנגעגעבן אין זיין טעלעגראַמע פון 6־טן מערץ 1944, האָבן מיר נאָך נישט דערהאַלטן. מיר וואַרטן מיט אומגעדולד אויף ווייטערדיקע סומען.

מיר בעטן אייך איר זאָלט דעם דאָזיקן ראַפּאָרט און די אַנדערע מאַטעריאַלן איבערשיקן צו די צענטראַלע אָנפירונגען פון אַלע אידישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַרטראָטן אינם היגן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, ווי אויך צו די פירנדע פּערזענלעכקייטן און אידי־שע עסקנים פון דער גאַנצער וועלט.

טעלעגראַפירט צו אונז אָפטער. שיקט אונז אָפטע בריוו. יעדע ידיעה פון אייך גיט אונז צו כוח און מוט אינם קאַמף. פאַרשטאַרקט אונזער גלויבן און בטחון. אינפאָרמירט אונז בפּרטיות וועגן דער לאַגע אין ארץ ישראל. זייט געזונט! שיקט איבער אונזערע הייסטע גרוסן אַלע ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס.

## אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט

דר. ב.
יצחק
ש. ג.
צ. ק.
י. ס.

ווארשע, דעם 24־טן מאַי, 1944.

# די טעטיקייט פונם אידישן נאציאנאלן קאמיטעט אין דעם ארישן טייל פון ווארשע

דער קאנטאקט פון דער אידישער באפעלקערונג מיט דעם „ארישן טייל" איז געווען פאר דער „אויסזידלונגס"־אקציע זעהר א לויזע. די אידישע קהילה האט זיך קאמוניקירט דורך אירע באזונדערע אפטיילונגען מיט די געהעריקע אפטיילונגען פון ווארשעווער מאגיסטראט. די אידישע הילף־ און שוץ־אינסטיטוציעס האבן זיך קאמוניקירט מיט ענלעכע פוילישע אינסטיטוציעס (דער „צענטאס" אז געשטאנען אין קאנטאקט מיט דער אפטיילונג פון שוץ איבער קינדער אין דעם פוילישן הויפט־ראט פאר שוץ). א טייל אידישע ארבעטער־פארטייען האבן זיך פארשטענדיקט מיט ענלעכע פוילישע ארבעטער־פארטייען. די דאזיקע אלע קאנטאקן זיינען אבער געווען בלויז ספאראדישע. ערשט אין פארלויף פון דער ערשטער אקציע און גלייך באלד נאך דער ערשטער אקציע, ווען עס איז בולט געווארן דער פארנעם פון דער אידישער קאטראסטראפע, איז כמעט ספאנטאן ארויפגעשוואומען די נויטווענדיקייט אנצוקניפן אן ענגען קאנטאקט מיט די פארשטייער פון דער פוילישער באפעלקערונג. אין דער זעלבער צייט האבן די קאמפס־גרופן פון „החלוץ„ און „השומר" דעלעגירט אין דעם ארישן טייל אריין אריה ווילנערן, כדי צו פארשטענדיקן זיך מיט די פארשטייער פון די פוילישע מיליטערישע קרייזן אין דער פראגע פון באקומען הילף פון דעם פוילישן מיליטער פאר דער קאמפס־אקציע. אין דער זעלבער צייט, אין אקטאבער־נאוועמבער 1943, ווען אין דעם ארישן טייל האבן זיך אנגעהויבן אריבערצובאקומען גרעסערע גרופן אידן, וואס האבן זיך געפונען אין שרעקלעכע באדינגונגען, איז ביי א געוויסן טייל פון דער פוילישער באפעלקערונג געקומען צום אויסדרוק א ספאנטאנישער ווילן צו הילף צו קומען די אידן. א דאנק דער איניציאטיוו פון עטלעכע פוילישע גרופן (קאטאליקן, דעמאקראטן און אנדערע) איז ענטשטאנען א געזעלשאפטלעכער הילפס־קאמיטעט, וועלכער האט אנגעהויבן די דאזיקע הילפס־אקציע מיט דער קליינער סובווענץ, וואס ער האט באקומען פון דעם דעלעגאט פון דער פוילישער רעגירונג אין ווארשע. די דאזיקע איניציאטיוו איז צונויפגעפאלן מיט דער זעלבער צייט, ווען אידישע קרייזן האבן געמאכט די ערשטע פרואוון אליין אנצוהויבן א הילפס־אקציע.

דר. א. ב., דער דירעקטאר פון דער צענטראלע פון „צענטאס", וועלכער איז געווען ענג צונויפגעבונדן מיט דער ארגאניזירטער אידישער געזעלשאפט אין געטא, האט זיך, נאכדעם ווי ער האט זיך דריי מאל ארויס־

געראַטעוועט פון די דייטשע הענט, אין פאַרשטענדיקונג מיט זיינע חברים, אריבערבאַקומען אין דעם אַרישן טייל, ערשט דעמאָלט, ווען די דייטשן האָבן פאַרניכטעט אַלע קינדער־אינסטיטוציעס און האָבן כמעט פולשטענדיק „ליקווידירט" די אידישע קינדער. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער אין דעם אַרישן טייל אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט אַ רייע פּוילישע געזעלשאַפטלעכע טוער און אינטעלעקטואַליסטן, וועלכע ער האָט געקענט פון זיין וויסנשאַפטלעכער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און האָט מיט זיי דיסקוטירט די הילפס־פּראָבלעמען. גלייכצייטיק האָט ער אָנגעהויבן צו שאַפן אַ אידיש הילפס־קעמערל, צוציענדיק צו מיטאַרבעט עטלעכע אידישע אינטעלעקטואַליסטן, וועלכע האָבן זיך אַ לענגערע צייט זיך געפונען אין דעם אַרישן טייל. וועגן זיינע באַמיאונגען האָט ער מודיע געווען די געזעלשאַפטלעכע קרייזן אין געטאָ. אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען דער פּוילישער הילפס־קאָמיטעט איז געוואָר געוואָרן וועגן זיינע באַמיאונגען, האָט ער אים איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן און אים פאַרגעלייגט, ער זאָל רעפּרעזענטירן לגבי דעם פּוילישן קאָמיטעט די פאַרלאַנגען און נויטן פון דער אידישער געזעלשאַפט. עס איז אויסגעאַרבעט און דיסקוטירט געוואָרן אַ געמיינזאַמער פּלאַן פון טעטיקייט, וועלכער איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך די פאַרשטייער פון הילפס־קאָמיטעט.

סוף נאָוועמבער און אין דעצעמבער 1942 איז פאַרגעקומען אַ רעאָרגאַניזאַציע פון קאָמיטעט און זיין צוזאַמענשטעל איז פאַרברייטערט געוואָרן. נאָך אַ רייע באַראַטונגען איז געשאַפן געוואָרן אַ הילפס־ראַט פאַר אידן ביים דעלעגאַט פון דער פּוילישער רעגירונג. אין דעם דאָזיקן ראַט זיינען אריינגעגאַנגען פאַרשטייער פון אַ רייע פּוילישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס און 2 פאַרשטייער פון דער אידישער געזעלשאַפט. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, וועלכער האָט דעמאָלט ענטוויקלט זיין טעטיקייט אין געטאָ, האָט דעלעגירט אַלס זיין פאַרשטייער אין דעם דאָזיקן הילפס־ראַט דר. ב. אויסער אים איז אין ראַט געווען אַ פאַרשטייער פון „בונד". דער פאַרשטייער פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָט איבערגענומען דעם סעקרעטאַריאַט פון דעם הילפס־ראַט. אַ קורצע צייט נאָך זיין קאָנסטיטואירונג האָט דער הילפס־ראַט ענטוויקלט אַ ברייטע און אינטענסיווע טעטיקייט, ערטיילנדיק הילף צו ברייטע שיכטן פון נויטבאַדערפטיקטע. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „לעגאַליזאַציע־ביוראָ", וועלכעס האָט צוגעשטעלט דאָקומענטן. אין דער זעלבער צייט איז נויטיק געוואָרן צו פאַרגרעסערן די פאַרשטייערשאַפט פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט ביי די מיליטערישע פאַקטאָרן. די אידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער די אָרגאַניזאַציעס פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט שפּילן די דאָמינירנדע ראָלע, פאַרשטאַרקן נאָך זייער קאָנטאַקט מיט דער אָפּטיילונג פאַר אידישע ענינים ביי דעם דעלעגאַט פון דער פּוילישער רע־

גירונג, דורך דעלעגירן איר אפיציעלע דעלעגאציע ווילנערן און דר. ב. די צווייטע דעפארטאציע־אקציע, אין יאנואר 1943, בשעת וועלכער די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע ארגאניזירט צום ערשטן מאל א באוואפענטן ווידערשטאנד, פארשטארקט נאך מער די נויטווענדיקייט פון א סטאבילן און א ענגען קאנטאקט מיט די פוילישע קרייזן.

ווען עס איז ענטשטאנען די אפטיילונג פאר אידישע ענינים ביי דעם דעלעגאט פון דער פוילישער רעגירונג, ווערט דר. ב. באשטימט אלס פארשטייער פון דעם אידישן נאציאנאלן קאמיטעט לגבי די ציווילע פאקטארן פון דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג. אויפן פאר־שלאג פונם אידישן נאציאנאלן קאמיטעט, ווערט דער עקאנאמיסט דר. אלפרעד בארנשטיין, דער סעקרעטאר פון אידישן הילפס־קאמיטעט אין ווארשע — אנגאזשירט אלס בעאמטער פון דער אפטיילונג פאר אידישע ענינים ביים דעלעגאט פון דער פוילישער רעגירונג. א קורצע צייט נאכ־דעם ווי דר. בארנשטיין האט אנגעהויבן צו ארבעטן, איז ער ארייננעפאלן אין די הענט פון געשטאפא און ער איז צוזאמען מיט זיין פרוי דערשאסן געווארן.

די גאנצע צייט האט דר. ב. אנגעהאלטן א בריפלעכן טעלעגרא־פישן און פערזענלעכן קאנטאקט מיטן געטא. איינצקע מאל זיינען פארגעקומען זעהר געפערלעכע באגעגענישן מיט די פארשטייער פון דעם אידישן נאציאנאלן קאמיטע אין געטא. די דאזיקע באגעגענישן פלעגן פארקומען אין דעם ארישן טייל, הויפטזעכלעך אויף דעם געביט פון די אזוי־גערופענע „ארבעטס־פונקטן", ווי עס איז תמיד געווען פול מיט אויסוואורפן און שאנטאזשיסטן. עס זיינען אויך פארגעקומען 2 קאנ־פערענצן פון די פארשטייער פון אידישן נאציאנאלן קאמיטעט און דעם פארשטייער פון „בונד", וועלכע האבן זיך געפונען אין דעם ארישן טייל מיט די דעלעגאטן פון דער קאארדינאציע קאמיסיע פון דעם אידישן נא־ציאנאלן קאמיטעט און פון „בונד" אין געטא, כדי אויסצוארבעטן א גע־מיינזאמען פלאן אין די פראגן פון פארטיידיקונג און הילף. עטלעכע מאל האט דער דעלעגאט פון אידישן נאציאנאלן קאמיטעט אין דעם הילפס־ראט באקומען געוויסע סומען, נישט נאר פאר דער הילפס־אקציע אין דעם ארישן טייל, נאר אויך אויף הילף פארן געטא און הויפטזעכלעך צו רא־טעווען די קינדער און דעם קולטורעלן אקטיוו. די דאזיקע געלדער זיינען צוגעשטעלט געווארן דעם אידישן נאציאנאלן קאמיטעט אין געטא.

אין דער צייט צווישן דער צווייטער און דריטער ליקווידירונגס־אקציע זיינען אריבער אויף דער ארישער טייל א רייע עסקנים פון די ארגאניזאציעס, וואס גייען אריין אינם צוזאמענשטעל פונם אידישן נא־ציאנאלן קאמיטעט. א טייל פון זיי (צווישן אנדערע, מ. קירשענבוים) זיינען דערנאך אומגעקומען. די מערהייט אבער האט זיך נישט געקאנט

פריי באַוועגן. דער פֿאָרשטייער פֿון „דזשאָינט", ד. ק., האָט דעמאָלט אָנ־
געהויבן מיטצואַרבעטן מיט די פֿאָרשטייער פֿון דעם אידישן נאַציאָנאַלן
קאָמיטעט. דער פֿאָרשטייער פֿונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט האָט
אָנגעהאַלטן דעם איינציקן קאָנטאַקט מיט די דעלעגאַטן פֿון דער אידישער
קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע: אריה ווילנער און טאָשיאַ אַלטמאַן. דערווייל איז
די לאַגע אין געטאָ געוואָרן מער אָנגעשטרענגט. די אידישע קאַמפּס־
אָרגאַניזאַציע האָט געמאַכט צוגרייטונגען צו דעם באַוואָפּנטן קאַמף.
די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע קויפֿט איין געווער וואו עס לאָזט זיך.
ביי איינע פֿון די דאָזיקע געווער־טראַנזאַקציעס ווערט א. ווילנער אַרעס־
טירט. דורך אַ נס האָט ער זיך אַרויסבאַקומען פֿון דער „פּאַוויאַק"־
תּפֿיסה. ער האָט אָבער געמוזט פֿאַרשווינדן פֿון דעם אַרישן טייל און זיך
צוריקקערן אין געטאָ אַריין. די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט דע־
לעגירט אויף זיין אָרט יצחק . . . , דעם פֿאָרטרעטער פֿון קאָמענ־
דאַנט פֿון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די צוזאַמענאַרבעט צווישן
יצחק'ן און דעם פֿאָרשטייער פֿונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט איז
געווען אַ טאָג־טעגלעכע און אַ קאָאָרדינירטע.

אין דער צווישן־צייט האָט זיך די הילפֿס־אַקציע פֿונם אידישן נאַ־
ציאָנאַלן קאָמיטעט נאָך מער אַנטוויקלט. נישט האָבדיק קיין אייגענע
געלט־סומען, האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט פֿונאַנדערגע־
טיילט אַ טייל געלדער, וואָס ער האָט באַקומען פֿונם הילפֿס־ראַט, צווישן
הונדערטע נויטבאַדערפֿטיקע, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אונטער זיין שוץ.
דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט געשאַפֿן אַן אייגענעם, גע־
זעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבינדונגס־אַפּאַראַט, האָט הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דער
הילף פֿון פּוילישע אינטעלעקטואַליסטן אָרגאַניזירט אַ רייע הילפֿס־קע־
מערלעך און האָט צוגעצויגן צו מיטאַרבעט יונגע און מוטיקע אידישע
כּלל־טוער.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אַפּריל־אַקציע, און צוזאַמען מיט דער
אַקציע האָט זיך אויך אָנגעהויבן דער קאַמף פֿון דער אידישער קאַמפּס־
אָרגאַניזאַציע. די פֿאָרשטייערשאַפֿט פֿון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַני־
זאַציע און פֿון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט נעמט אונטער אַלע
מעגלעכע שריט, כּדי צו העלפֿן דער קעמפֿנדיקער געטאָ מיט געווער און
אַמוניציע. דער דעלעגאַט פֿון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט שטייט אין
אַ טאָג־טעגלעכן קאָנטאַקט מיט דעם דעלעגאַט פֿון דער פּוילישער רע־
גירונג און שטעלט אים צו קאָמוניקאַטן פֿון קאַמפּס־פּלאַץ. צוזאַמען מיט
דעם דעלעגאַט פֿונם „בונד" רעדאַגירט דער פֿאָרשטייער פֿון אידישן נאַ־
ציאָנאַלן קאָמיטעט טעלעגראַמען קיין אויסלאַנד און אַלאַרמירט אַלע
עקזיסטירנדע פֿאַקטאָרן וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון שיקן הילף דער
קעמפֿנדיקער געטאָ. שפּעטער, ווען די געטאָ איז שוין געשטאַנען אין

פלאַמען, האָבן זיי זיך באַמיט צו ראַטעווען די קעמפער פון געטאָ. דער פאָרשטייער פון דער אידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, יצחק . . . נעמט אָן צוזאַמען מיט אַ גרופע פון זיינע מוטיקע מיטאַרבעטער אויסער־געוויינלעכע מיטלען, כדי צו ראַטעווען זיינע חברים. ס'איז אים געלונגען צו אָרגאַניזירן אַ רעטונגס־אַקציע. אויף אַ העלדישן אופן און אין די געפערלעכסטע באַדינגונגען ראַטעוועט ער אַרויס 80 קעמפער פון די געטאָ־קאַנאַלן. אין דער דאָזיקער רעטונגס־אַקציע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינלעכן מוט דער יונגער קעמפער ש. ר. עס זיינען ענטשטאַנען גרויסע שוועריקייטן ביים באַהאַלטן אַ טייל פון זיי, סיי אין די וועלדער און סיי אין וואַרשע. צוזאַמען מיט די קעמפער האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון געטאָ אין דעם אַרישן טייל אַ רייע עסקנים פון די פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וועלכע מען האָט געדאַרפט — אין אַן אַטמאָספערע פון שרעקלעכן טעראָר און ביי דער שרעק, וואָס האָט אַרומגעכאַפט די באַפעלקערונג — באַהאַלטן אין זיכערע ערטער. דורך פאַרשיידענע קאַנאַלן און לעבער ראַטעווען זיך אַרויס פון דעם געטאָ־גהינום אויך „ציווילע" אידן, מיט וועלכע מען דאַרף זיך פאַרנעמען. מען דאַרף אויסגעפינען פאַר זיי אַ דירה, מען דאַרף זיי באַזאָרגן מיט דאָקומענטן, מען דאַרף באַקומען פאַר זיי קליידער און געלט. די אַרבעט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט צעוואַקסט זיך פון טאָג צו טאָג. צוליבן מאַנגל פון געלט דראָט אַ קאַטאַסטראָפע פאַר הונדערטער מענטשן. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט, זייענדיק פאַרוואונדערט פאַרוואָס ער באַקומט נישט קיין ידיעות און נישט קיין געלט פון אויסלאַנד, אַלאַרמירט איצט מיט טעלעגראַמען די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס. ענדלעך, אין יוני 1943, הויבן אָן אָנצוקומען די ערשטע גרעסערע סומען געלט. אַ דאַנק דעם האָט זיך פונאַנדערגעוואַקסן דער פאַרנעם פון דער הילפס־אַקציע און עס זיינען פונאַנדערגעבויט געוואָרן די הילפס־קעמערלעך.

דאָס פרעזידיום פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון: דר. א. ב., יצחק . ח . און ד. ק. זיי האָבן רעפרעזענטירט די הויפט־ריכטונגען אין דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. אויסער דעם האָט דאָס פרעזידיום צוגעצויגן צו ענגערער מיטאַרבעט אַ רייע געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַרשיידענע ריכטונגען: ש. ג. פון קראָקאָוו (אַלגעמיינער ציוניסט), אברהם וואַרמאַן פון לעמבערג („השומר") און אַנדערע. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין דעם אַרישן טייל די סיסטעמאַטישע צוזאַמענאַרבעט אויף די געביטן פון הילף און פאַרטיידיקונג פון דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דעם „בונד".

דער אידישער נאַציאָנאַל קאָמיטעט האָט אָנגעקניפט אַ קאָנטאַקט

מיט א רייע אידישע צענטערן אויף דער פּראָווינץ און מיט די לאַגערן. ער האָט אָרגאַניזירט אַ רייע פּויליִשע און אידישע פּראָווינציאַנעלע שליחים, וועלכע זיינען געווען אין קאָנטאַקט און האָבן באַדינט די גרעס־טע צאָל לאַגערן. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט פאַראייני־הייטלעכט מיט דעם הילפס־ראַט די גאַנצע פראַגע פון הילף פאַר דער פּראָווינץ און האָט געגעבן די איניציאַטיווע צו שאַפן ביים הילפס־ראַט אַ ספּעציעלע וואוינונגס־אָפּטיילונג און אַ באַזונדער הילפס־אָפּטיילונג פאַר קינדער. אַ גאַר ענגען קאָנטאַקט האָבן דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָ־מיטעט און די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אָנגעקניפּט מיט 2 גרויסע לאַגערן אין פּאָניאַטאָוו און אין טרעבלינקע, וואו זיי שיקן גרעסערע סומען געלט און וואנען זיי האָבן ארויסגעראַטעוועט עטלעכע געזעל־שאַפטלעכע טוער. די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אָרגאַניזירט אין די דאָזיקעביידע לאַגערן קאַמפּס־גרופּן, האָט זיי איבערגעשיקט אינ־סטרוקציעס, געלט אויף איינצוקויפן געווער און רויט־מאַטעריאַלן אויף אויסצואַרבעטן באַמבעס און דאַסגלייכן. ביז צו דער בלוטיקער ליקווי־דאַציע פון די דאָזיקע ביידע לאַגערן האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט זיי געשיקט יעדע מעגלעכע הילף. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט איז געווען די איינציקע פאַרבינדונג צווישן די דאָזיקע לאַגערן און דער דרויסנדיקער וועלט. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט און די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן אויך געהאַט אַ רעגולערע פאַר־בינדונג מיט אַנדערע לאַגערן און האָבן זיי אויפגעפאָדערט צו זעלבסט־אַרבעט און צו ווידערשטאַנד.

דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אָרגאַניזירט זיין אַרכיוו, וועלכער האָט אָנגעפירט און פאַרגעזעצט מיט דער אַרבעט פון צענ־טראַלן אַרכיוו אין געטאָ. ער האָט צונויפגעזאַמלט מאַטעריאַלן און דאָ־קומענטן. אין מאַי 1944 האָט דער אַרכיוו פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָ־מיטעט פאַרמאָגט בערך 100 זכרונות ־ ביכער, רעפּאָרטאַזשן, ראַפּאָרטן און פאַרשיידענע דאָקומענטן. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט דורך פאַרשיידענע מיטלען באַוואויזן די אַלע, וועמען זיי האָבן דערטיילט הילף, זיי זאָלן אָנשרייבן זייערע איבערלעבונגען. אויף אַזאַ אופן האָט מען באַקומען זעהר אַ סך וויכטיקע, אויטענטישע זכרונות־אַרבעטן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן וואַקסן פון טאָג צו טאָג.

פון יאַנואַר ביז אַפּריל 1944 האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָ־מיטעט איבערגעלעבט אַן אויסערגעוויינלעכע שווערע צייט צוליב די פאַר־פאָלגונגען, וואָס ס'זיינען אויסגעשטאַנען די פירנדע מיטגלידער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע.. עטלעכע וויכטיקע מיטאַרבעטער פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט זיינען דערשאָסן געוואָרן. אָבער אויך אין דער דאָזיקער צייט, ווען כמעט

דער גאַנצער פּרעזידיום פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט איז געווען אומבאַוועגלעך, איז די אַרבעט פון אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן אפילו אויף איין טאָג. מיר האָבן דאָס צו פאַרדאַנקען אין דער ערשטער רייע דעם שטאַב פון אונזערע מוטיקע און אָפּפערוויליקע מיטאַרבעטערינס. צו דער דאָזיקער גרופּע פון מוטיקע מיטאַרבעטער געהערן: ב. ב., ש. ר., ב. ע., ק. פּ., א. ג., א. ג., ב. מ., ר. ל. וו., י. ר., י. ז., דר. נ. ע., א. מ., ה. ג., פּ. ב., ר. מ., פרוי פּ. (די מוטער פון מארעק), ז. ק., י. ט., י. וו., ע. ק. אייניקע פון די אויסגערעכנטע פירן אויס אַ זעהר געפערלעכע שליחות. זיי זיינען דעלעגאַטן פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אויף דער פּראָווינץ. אַ דאַנק דער מיטאַרבעט פונם דאָזיקן שטאַב טעט צו באַזייטיקן די טאָג־טעגלעכע קריזיסן און שוועריקייטן, און צו איבערגעלעבענע מענטשן געלונגט דעם אידישען נאַציאָנאַלן קאָמיטעט באַזייטיקן די טויט־געפאַר, וואָס דראָט די אויסבאַהאַלטענע און נויטבאַדערפטיקע אידן. אַ דאַנק די דאָזיקע אָפּפערפולע מיטאַרבעטער קאָן דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָבן אַן אויפזיכט איבער די, וועלכע מוזן אָפט ענדערן זייערע דירות און וועלכע מען מוז אָפט אונטער דער געפאַר פון טויט אַריבערטראָגן פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן. מען האָט געמוזט ערליידיקן פאַר די דאָזיקע מענטשן דאָקומענטן, צושטעלן זיי רעגולערע הילף און געלט, קליידער און מעדיצינישע הילף, ערטיילט דורך פאַרטרויענספולע דאָקטוירים.

אין מאַי 1944 האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט ערטיילט הילף צו בערך 5000 מענטשן אין וואַרשע, נישט אַריינרעכנדיק די מענטשן אויף דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער זיין אויפזיכט. די דאָזיקע הילפס־אַרבעט פירט אָן דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט דורך זיינע הילפס־קעמערלעך. דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט איז געוואָרן די גרעסטע הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר די אידן אין וואַרשע און אין גאַנצן לאַנד.

וואַרשע, 24־טן מאַי, 1944.

# די ענטשטייאונג און די ענטוויקלונג פון דער אידישער קאמפס-ארגאניזאציע

מיר רעכענען, אז די געשיכטע פון דער ליקווידאציע פון פוילישן אידענטום און פון דער פארטיידיקונג פון די געטאס איז אייך באקאנט אין אלגעמיינע שטריכען. מיר ווילן דא אבער אייך געבען א רייע פרטים, וועלכע וועלן אייך העלפן צו פארשטיין די ראנגלענישן פון דער אידישער באפעלקערונג פון דעם טאג, ווען די דייטשן האבן אנגעהויבן אויסצו־מארדן די אידן — אויף וואס מיר האבען געענטפערט מיט פארטיידיקונג שאפנדיק די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע.

מיט׳ן ארײנמארשירן פון די דייטשן אין די געביטן, וואס ליגן אויף מזרח פון בוג, האט זיך אנגעהויבען א נײ קאפיטעל אין דער געשיכטע פון אידן אונטער דער דייטשער אקופאציע — א פולקאמע פארניכטונג פון די אידישע קיבוצים. עס האט זיך אנגעהויבן פון ווילנע און פון דער ווילנער געגנט. צענדליקער טויזנטער אידן זיינען אויסגעשאסן געווארן אין די פאנארער וועלדער (נעבן ווילנע), ביז די איבערגעבליבענע ביים לעבן האבן זיך דערוואוסט, אז פאנארי — מיינט טויט.

די אידן אין גענעראל גאווערנמענט זיינען שוין דעמאלט, זינט א יאר, געווען כמעט הערמעטיש פארשלאסן אין די געטאס. די פארבינ־דונגס־מענטשן צווישן די געטאס זיינען געווען נאר שמוגלער און שליחים פון אונלעגאלע אידישע פרייהייטס־ארגאניזאציעס. די דערהאלטענע ידיעות האט מען פונאנדערגעשפרייט דורך דער פארמיטלונג פון דער אונלעגאלער אידישער פרעסע. אבער פון די צפון־געגנטען האט מען גארניט געהערט און געוואוסט.

סוף אקטאבער, 1941, האט דער „החלוץ" ארויסגעשיקט א שליח, כדי אנצוקניפן א קאנטאקט מיט דער באוועגונג אין די דיסטריקטן פון ביאליסטאק, ווילנע און אין ליטע. אין מיטן נאוועמבער האט ער זיך צו־ריקגעקערט מיט אן אומגלויבלעכער ידיעה, אז די דייטשן מארדן אויס אידן, אז עס זיינען שוין דארט אומגעקומען צענדליקער טויזנטער אידן. ער איז אויך געווען אן עד־ראיה, ווי אזוי מען האט ארויסגעפירט אלע אידן פון טראקי (ביי ווילנע) און אומגעגענט אויף אן אינזל, וואס ליגט אויף דער טראקער אזערע, ווי אזוי מען האט אויסגע׳הרג׳עט זיי מיט מאשין־געווער און זיי באגראבן אין א מאסן־קבר.

אביסל שפעטער האט זיך דערשלאגן פון ווילנע קיין ווארשע א דע־לעגאציע פון יונגנט־ארגאניזאציעס: מרדכי טענענבוים (טאמאראוו), דער שפעטערדיקער קאמאנדאנט פון דער העלדישער אידישער קאמפס־ארגאני־

זאַציע אין ביאַליסטאָק, טעמא שניידערמאַן, חיה, עדעק און סאַלאָמאָן עטקין. זיי זיינען געקומען קיין ווארשע נאָך געלט און געווער. אויף אַ באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען באַקאַנטע אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם פאָלגנדן באַריכט וועגן דער לאַגע: איבער 50,000 אידען, וועלכע האָבן נישט געוואוסט וואָס זיי ערוואַרט, האָט מען דעפּאָרטירט קיין פּאָנאַרי. אַ גרעסערע גרופּע אידן האָבן געשטעלט אויף די גאַסן פון ווילנע, מחוץ די מויערן פון געטאָ, אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, ערקלערנדיק, אַז זיי וועלן נישט גיין און האָבן פאַלאַנגט מען זאָל זיי דערשיסן אויפן אָרט. די דייטשן האָבן נישט געשאָסן. זיי האָבן נאָך דעמאָלט באַהאַלטן פאַר דער ברייטער עפענטליכקייט זייער פאַרניכטונגס־אַרבעט. זיי האָבן צוריקגעפירט די אידן אין געטאָ אַריין, האָבן זיי מיט גוואַלד אַריינגעזעצט אין לאַסט־אויטאָס און אוועקגעפירט קיין פּאָנאַרי.

די פאָרשטייער פון „החלוץ" האָבן געהאַלטן, אַז ווילנע איז דער אָנהויב פון דער ליקווידאַציע פון פּוילישן אידענטום, אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן צו אַן אַקטיווער פאַרטיידיקונג. עטליכע כלל־טוער האָבן געהאַלטן, אַז „וואַרשע ליגט אין האַרץ פון אייראָפּע", אַז אין גענעראַל גאָווערנמענט קאָן אַזעלכעס נישט געשען. דער „החלוץ" האָט אָבער נישט מסכים געווען מיט אַזאַ אָפּשאַצונג פון דער סיטואַציע, און ער איז צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן קאַמפס־גרופּן. אויף אַזאַ אופן זיינען ענטשטאַנען די ערשטע קאַמפס־גרופּן פון „החלוץ", „דרור" און „השומר הצעיר".

אין יאַנואַר 1942 איז געלונגען דער חברה פּרומקע פּלאָטניצקא אַריבערצוקומען קיין וואַליז, וואו זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָט מען פאַרניכטעט די אידן, און אַז נאָר אין דער שטאָט קאָוועל איז נאָך געבליבן אַ גרעסערער אידישער קיבוץ. אין דעם זעלבן חודש זענען געקומען קיין וואַרשע עטלעכע אַנטלאָפענע פון די פּוילישע געביטן, וואָס זיינען אַנעקטירט געוואָרן דורך די דייטשן (די געגענטן פון לאָדז, פּויזען, א. אַז. וו.) זיי האָבן דערציילט, אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון כעלמנאַ (ביי לאָדז), אַז די דייטשן פירן אַרוים דאָרט אויף ספּעציעלע אויטאָס אידן אין די שכנות'דיקע וועלדער. אין די אויטאָס פאַרניכטן די דייטשן די אידן מיט גאַזן — אין די וועלדער באַגראָבט מען זיי. עס זיינען שוין אומגעקומען טויזנטער אידן, אָבער אפילו אין די שכנות'דיקע שטעטלעך וויל מען נישט גלויבן, אַז דאָס וואָרט „כעלמנאַ" איז דאָס אייגענע, ווי דאָס וואָרט „טויט".

אַרום דעם גענעראַל־גאָווערנמענט האָט אַלץ געברויזט. אין גענעראַל־גאָווערנמענט גופא האָט נאָך געהערשט שטילקייט.

אין מיטן מערץ 1942 האָט דער „החלוץ" צונויפגערופן אַ פאַר־קאָנפערענץ פון די פּאָליטישע פּאַרטייען. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַ־

טייליקט: לייזער . . . שלום ג. (רעכטע פועלי־ציון), מלך פיינקינד, הערש בערלינסקי (לינקע פועלי־ציון), ארזשעד, אבראשא בלום (בונד) און יצחק... אלס פארשטייער פון „החלוץ”. דער פארשטייער פון „החלוץ” האט אפגעגעבן א באריכט אויפן גרונד פון די לעצטע דערהאלטענע באריכטן פון די מזרח־ און מערב־געביטן, פון וועלכע עס איז געווען צו זעהן, אז די דייטשן הויבן אן אן אקציע צו פארניכטן פולשטענדיק דאס פוילישע אידנטום. דער פארשטייער פון „החלוץ” האט געמאכט פאלגענדע קאנקרעטע פארשלאגן:

1. ארגאניזירן אן אלגעמיין־אידישע קאמפס־ארגאניזאציע.
2. שאפן א געמיינזאמע פארשטייערשאפט פון אלע אידישע פארטייען און יוגנט־ארגאניזאציעס, אלס רעפרעזענטאנץ לגבי דער ציווילער מאכט פון דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג, און אויסוויילן א דעלעגאציע פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע צו דער פוילישער אונטערערדישער מיליטערישער מאכט.
3. שאפן אין די „ארישע” טיילן פון די שטעט אן ארגאניזאציע, וועלכע דארף האבן די אויפגאבע צו באקומען געווער און גרינדן ווארשטאטן, וואס זאלן אויסארבעטן געווער אין געטא גופא.

דעם פארשלאג האבן אונטערשטיצט די רעכטע און לינקע פועלי־ציון. אין נאמען פון „בונד” האט ארזשעד דערקלערט, אז עס איז נאך פריצייטיק צו רעדן וועגן א בשותפות'דיקער קאמפס־ארגאניזאציע. יעדע פארטיי און ארגאניזאציע דארף שאפן באזונדערע קאמפס־גרופן. א געמיינזאמע רעפרעזענטאנץ קומט נישט אין באטראכט. דער „בונד” פירט א סאציאליסטישע פאליטיק, און נישט קיין אלגעמיין־אידישע.

די זיצונג האט נישט געגעבן קיין שום פאזיטיווע רעזולטאטן. בערך אין דער זעלבער צייט איז צושטאנד געקומען, א דאנק דער איניציאטיוו פון די לינקע פועלי ציון א פארשטענדיקונג פון אלע אידישע אנטי־פאשיסטישע פארטייען און ארגאניזאציעס, ארבייטער און יוגנט־גרופעס א חוץ דעם „בונד”. דער געשאפענער בלאק האט זיך געשטעלט פאלגענדע אויפגאבן: א) ארגאניזירן מיט געמיינזאמע כחות א פאליטישן און פראפאגאנדיסטישן קאמף געגן פאשיזם און געגן די רעאקציאנערע כחות אין געטא. ב) שאפן אנטי־פאשיסטישע קאמפס־גרופן. ג) ארגאניזירן א הילפס־אקציע פאר די קרבנות פון קאמף מיט'ן פאשיזם.

צו דער אנפירונג פון בלאק האבן געהערט: שכנא זאגאן, יוסף לעווארטאווסקי, יוסף..., צבי לובעטקין און מרדכי אנילעוויטש. די פאראייניקטע ארגאניזאציע האט ארויסגעגעבן א בשותפות'דיקן ארגאן „דער רוף”. אין א קורצער צייט איז אנטשטאנען א ברייט־פארצווייגטע נעץ פון קאמפס־גרופן (פינפטלעך). צו זיי האבן געהערט עטלעכע הונדערט

יוגנטלעכע און ארבעטער. הגם עס האט געפעלט געווער, האבן דאך די קאמפּס־גרופּן דורכגעמאכט מיליטערישע צוגרייטונגען. אין דער שפּיץ פון דער קאמפּס־אפּטיילונג פון דער פאראייניקטער ארגאניזאציע זענען געשטאנען: יוסף קאפּלאן, מרדכי טענענבוים, פישעלזאן און הערש לענט. די דאזיקע אנטי־פאשיסטישע פאראייניקונג האט געשאפן די ערשטע פארצווייגטע קאמפּס־אפּטיילונגען, וועלכע זענען, טראץ דעם וואס עס זענען ארעסטירט געווארן די הויפּט־אנפירער און עס איז פארניכטעט געווארן דער אפּאראט — געווען דער הויפּט־פונדאמענט פון דער שפּע־טער אנטשטאנענער אידישער קאמפּס־ארגאניזאציע.

פּסח, 1942, האט זיך אנגעהויבן די ליקווידאציע פון די אידן אין גענעראל־גאווערנמענט. די ערשטע קרבנות זענען געווען די אידן פון לובלין, און אביסל שפּעטער די אידן אין גאנצן לובלינער דיסטריקט. מען האט זיי ארויסגעפירט קיין בעלזשעץ, וואו מען האט זיי אומגעבראכט אין נייגעבויטע גאז־קאמערן. די אונטערערדישע פּרעסע האט געבראכט אויספירלעכע באריכטן וועגן די דאזיקע מאסן־מארדן. אבער אין ווארשע האט מען נישט געגלויבט! דער געזונטער מענטשליכער שכל האט נישט געקאנט באגרייפן די מעגלעכקייטן פון פארניכטן צענדליקער און הונ־דערטער טויזנטער אידן. מען האט געהאלטן, אז מען פירט ארויס אידן אין די נייפארנומענע רוסישע געביטן — צו ערד־ארבעט! עס האבן זיך אויך געהערט סברות, אז די דייטשן האבן אנגעהויבן פּראדוקטיוויזירן דאס אידישע קליין־בירגערטום! די אונטערערדישע אידישע פּרעסע איז פארשריגן געווארן אלס די, וועלכע פארשפּרייט פּאניק, הגם אין די בא־שרייבונגען וועגן די „דעפּארטאציע"־אקציעס איז איבערגעגעבן געווארן דער ריינער, טראגישער אמת.

נישט נאר אין אויסלאנד האט מען זיך באצויגן צו די ידיעות וועגן די דייטשע מערדערייען מיט אזא אומגלויבן און מיט אזא אומצוטרוי. דא, אויפן ארט, אין דער נישט ווייטער שכנות פון פּאנארי און כעלמנא, בעלזשעץ און טרעבלינקע, האט מען נישט געגלויבט די דאזיקע ידיעות. אן אומבאגרינדעטער אפּטימיזם איז געגאנגען האנט אין האנט מיטן ניט קענען די פאקטן און ניט רעכענען זיך מיט די דערפארונגען. במשך פון צוויי און האלב יאר האבן די דייטשן דורכגעפירט א סך אידן־דעפּאר־טאציעס: פון קראקע, לובלין, ווארשעווער דיסטריקט, פון דייטשן אנעק־טירטן געביט. עס האט ניט געפעלט ביי די דאזיקע „געלעגנהייטן" קיין בלוט און קיין קרבנות. אבער א פולשטענדיקע פארניכטונג? אין דעם האט מען ניט געגלויבט.

עס זענען אויך געווען אזעלכע, וועלכע האבן געגלויבט, אז פּאנארי איז אמת. אבער, האבן זיי געזאגט, דאס איז „נאר א קאפּריז פון דער לאקאלער מאכט". ווייל עס איז דאך נישט געווען אין גענעראל גאווערנ־

מענט, ביז דער טויט האָט אַלעמען געמאַכט גלייך, קיין איינהייטלעכע באַציאונג פון דער דייטשער מאַכט צו די געטאָס אין די שטעט און שטעטלעך. נישט אין איין אָרט איז די רעאַקציע אויף די ידיעות, וועלכע מיר האָבן געבראַכט וועגן די דייטשע מערדערייען, געווען פאָלגנדע: „ביי אונז קאָן עטוואָס ענלעכעס נישט פּאַסירן."

די דאָזיקע אָפּטימיסטישע שטימונגען זענען, פאַרשטייט זיך, פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די דייטשן אַליין. אין פאַרלויף פון צוויי און אַ האַלב יאָר האָט מען צוגעגרייט מיט אַ דייטשער גרינטלעכקייט די פאַרניכטונג פון דריי און האַלבן מיליאָן פּוילישע אידן. מיט דער הילף פון איינצעלנע מאָרדן, אונטערדריקונג און אויסהונגערנג, מיט דער הילף פון געטאָס און דעפּאָרטאַציעס האָבן די דייטשן געצילט צו מאַכן אומעמבטיק די אידישע מאַסן. במשך פון יאָרן פון כסדר'דיקע עקספּעריי־מענטן האָבן די דייטשן „פּאַרפּולקאָמט" זייערע פאַרניכטונגס־מעטאָדן: אין ווילנע האָבן זיי געדאַרפט עטלעכע טעג, כדי אויסצומאָרדן טויזנט אידן, אין כעלמנאָ איז געגנג געווען אַ האַלבע שעה צו פאַרטיליקן הונדערט אידן, אין טרעבלינקע האָבן זיי יעדן טאָג אומגעבראַכט 10,000 מענטשן!

און הונדערטער טויזנטער אידן זענען געגאַנגען אָן ווידערשטאַנד (אויב מען גלויבט נישט אין טויט, טאָ וואָס פאַר אַ צוועק וואָלט געהאַט דער ווידערשטאַנד?). נאָך מער, מען האָט זיך געמאָלדן פרייוויליק צום „איבערזידלונגס־אַרויספאָר". וואוהין? פון די שטעט פון בעסאַראַביע, פון סמאָלענסק, פון מינסק זענען דערהאַלטן געוואָרן בריוו, אַז די דעפּאָרטירטע זענען אָנגעקומען אַהין גליקלעך, און אַז זיי זענען צופרידן. דאָס, פאַרשטייט זיך, איז געווען אַ דייטשע פעלשונג. אויף אַזאַ אופן האָבן די אידן, וואָס אַן אמת, מיט אַ שווער האַרץ, זיך געזעגנט מיט זייערע פון לאַנג איינגעאָרדנטע היימען און זיינען געפאָרן „אין דער פרעמד — צו ערד־אַרבעט."

עס האָט זיי געצוואונגען צו דעם די האָפענונגסלאָזיקייט, די לאַגע אָן אַן אויסוועג. עס האָט זיי געיאָגט דער הונגער. בלויז אין וואַרשע זענען אין 1941 געשטאָרבן פון הונגער און פון אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן 6,000 אידן יעדן מאָנאַט. אין דער צייט פון דער „איבערזידלונגס־אַקציע" איז דער פּרייז פון איין קילאָגראַם ברויט געשטיגן פון זיבן אויף אַכציק זלאָטעס.

אין די שטעט, וואו די דייטשן האָבן דורכגעפירט זייער פאַרניכטונגס־אַקציע, האָבן זיי פּאַנאַנדערגעטיילט די אידישע באַפעלקערונג אויף „שאַפענדיקע און „אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן" — אויף אַזעלכע, וואָס דאַרפן ווערן דעפּאָרטירט, און אויף אַזעלכע, וואָס קאָנען בלייבן אויפן אָרט. אויף אַזאַ אופן איז געלונגען די דייטשן מיט אַ טייוולאָנישער כיטרעקייט

צו דערשטיקן אין וואַרצל יעדע מעגלעכקייט פון אַן איינהייטלעכן ווידערשטאַנד: יעדער איד איז געשטאַנען פאַר זיך אַליין, און די גאַנצע פאַרניכטונגס־מאַשין איז געווען געצילט געגן אים.

איידער די דייטשן זיינען צוגעטראָטן צו ליקווידירן די וואַרשעווער געטאָ האָבן זיי דורכגעפירט צוויי גרויסע טעראָר־אַקטן געגן די וואַרשעווער אידן: זיי האָבן אויסגעמאָרדעט הונדערט און צען אידישע אַרעסטאַנטן „פאַר שטעלן אַ ווידערשטאַנד געגן דער דייטשער מאַכט", און אין דער נאַכט פון 17טן אויפן 18טן אַפּריל 1942 האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון די דירות 94 אידן פון אַלע שיכטן און געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען (צווישן זיי דעם עקאָנאָמיסט, מאַגיסטער לינדער), האָבן זיי דערמאָרדעט אויף דער גאַס און זייערע קערפּערס איבערגעלאָזט אויפן אָרט פון מאָרד.

מיט דער מעטאָדע פון „געמיינזאַמער פאַראַנטוואָרטלעכקייט" האָבן די דייטשן געצילט צו דערשטיקן די כחות, וועלכע וואָלטן זיי געקאָנט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. אויב, ביי דער ערשטער ליקווידאַציע־אַקציע איז די פאַרטיידיקונג געווען אַ שוואַכע, איז דאָס נישט געווען אַ רעזולטאַט פון שרעק. די פאַרטיידיקער האָבן געהאַט אַ גענוגענד שטאַרקן ווילן, אַן אומדערשיטלעכן גלויבן, אָבער ליידיקע הענט.

מיטוואָך, דעם 22־טן יולי, 1942, האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון דער וואַרשעווער געטאָ. דער פאַראייניקטער געזעלשאַפטלעכער ראַט איז תיכף צונויפגערופן געוואָרן, כדי צו באַטראַכטן די סיטואַציע און אָנצונעמען געוויסע מיטלען. אין די זיצונגען האָבן זיך באַטייליקט: ל. ב., שמואל ברעסלער, דר. א. ב. יצחק..., זישע פרידמאַן, יוסף פינקעלשטיין־לעוואַרטאָווסקי, ד..., יצחק גיטערמאַן, יוסף קאַפּלאַן, מנחם קירשענבוים, אַלעקסאַנדער לאַנדוי, מ. אָרזשעך, דר. עמנואל רינגעלבלום, יוסף..., שכנא זאגאַן און דר. יצחק שיפּער. די מיינונגען זיינען געווען צעטיילט. די פאָרשטייער פון די לינקע ציוניסטישע גרופּירונגען, „החלוץ" און עטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוער, האָבן אויפגעפאָדערט אַרויסצוטרעטן אַקטיוו אין דער אָדער אין אַן אַנדער פאָרם. די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּוואַרטן. ביז ווי לאַנג? ביז די לאַגע וועט אויפגעקלערט ווערן. עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן ידיעות, אַז פון וואַרשע וועלן דעפּאָרטירט ווערן 50,000־70,000 אידן, און אַז מיט דעם וועט זיך די אַקציע ענדיקן. אַלע איבעריקע דאַרפן בלייבן.

די מער אַקטיווע עלעמענטן, די לינקע גרופּירונגען, וועלכע זענען געווען פאַראייניקט אין דעם אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק, האָבן געשאַפן דעריבער אַ געמיינזאַמען אַרבעטער־קאָמיטעט צוזאַמען מיטן „בונד", וועלכער האָט געדאַרפט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל און פאַרן כבוד פון דער געטאָ. די ליקווידירונגס־אַקציע פון דער געטאָ האָט שוין דעמאָלסט געבושעוועט זינט פינף טעג מיט אַן אומבאַשרייבלעכער ברו־

טאַליטעט. יעדער נישט פאַראויסגעזעענער שריט האָט געמיינט טויט. אַרי־בערגיין פון איין גאַס אויף דער אַנדערער איז געווען גליידך ווי אַריבער׳־גנב׳ענען זיך פון איין פיינטלעכן לאַנד אין אַן אַנדערן, דורך דער פראָנט־ליניע. אין אַזעלכע באַדינגונגען איז נישט שווער זיך פאָרצושטעלן די שוועריקייטן צו פאַרשטענדיקן זיך אָדער צו פירן אַ קאָאָרדינירטע טעטיקייט.

דער אַרבעטער־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלגנדע מיטגלידער: ברעסלער, יצחק... פינקעלשטיין־לעוואַרטאָווסקי, קאַפּלאַן, יוסף און זאַגאַן. אָבער אויך די דאָזיקע קעפּערשאַפט האָט נישט געקאָנט, צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, וועלכע זיינען אויבן דערמאָנט געוואָרן, דערפילן אירע פליכטן. אַ חוץ דעם איז דער קאָמיטעט אַ פּאָר טעג נאָך דעם, ווי ער האָט זיך געשאַפן, דעקאָמפּלעטירט געוואָרן. זאַגאַן איז אומגעקומען. אַרזשעד האָט פאַר לאָזן די געטאָ.

דעם 28־טן יולי 1942 איז צונויפגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון „החלוץ" און פון די אַפּילירטע מיט אים יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: „השומר הצעיר", „דרור" און „עקיבא". עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע (א. ק. א.). די דאָזיקע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אונטערגעשריבן אירע אויפרופן אין דער פוילישער שפּראַך מיט די אותיות זש. א. ב. (זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ). די ליי־טונג פון דער אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון: ברעסלער, יצחק..., צביה... און מרדכי טענענבוים. אין דעם „אַרישן" טייל פון וואַרשע זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן פאָלגנדע דעלעגאַטן: טאַשיאַ אַלטמאַן, פרומקאַ פּלאָטניצקיע, לאה פּערלשטיין און אריה ווילנער (יורעק). זייער אויפגאַבע איז געווען אָנצוקניפּען אַ קאָנטאַקט מיט דער פוילישער אונ־טערערדישער באַוועגונג און צו באַקומען געווער פאַר דער געטאָ.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געשאַפן געוואָרן, אָבער די באַוואָפּ־נונג פון דער גאַנצער געטאָ איז דעמאָלט באַשטאַנען פון א י י ן ר ע־וו ו אָ ל ו ו ע ר!

מיר זענען געווען עדות פון העלדישן ווידערשטאַנד פון די אידן, וועלכע האָבן זיך אין אַ רייע פאַלן אַנטקעגנגעשטעלט די דייטשן. די דאָ־זיקע אומבאַקאַנטע העלדן פאַלן אַרונטער אונטערן רובריק „5394 דער־שאָסענע" לויט דעם דייטשן באַריכט פון דער „אויסזידלונגס"־אַקציע.

וואָס האָבן געקאָנט אויפטאָן די קאַמפּס־גרופּן, וועלכע זענען באַ־שטאַנען פון הונדערטער בחורים און מיידלעך, וואָס זענען געווען גרייט אויף אַלצדינג, אָבער זיי זענען געווען אינגאַנצען נישט באַוואָפנט (אויסער דעם אויבן דערמאָנטן אייגציקן רעוואָלווער) אַנטקעגן די באַוואָפענטע ביז די ציינער דייטשן, אוקראַינער, ליטווינער און לעטן? מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן ערשטן טראַנספּאָרט געווער פון

דעם „ערישן" טייל פון ווארשע און דערוויל האבן מיר באשלאסן:

1. ארויסצוגעבן אן אויפרוף צו דער אידישער באפעלקערונג און אויפקלערן, אז „דעפארטאציע איז טרעבלינקע, און אז טרעבלינקע איז טויט", אז די אידן דארפן באהאלטן זייערע פרויען און קינדער און אליין שטעלן א ווידערשטאנד.

2. פעלשן דייטשע „לעבנס-קארטן" און פאנאנדערטיילן צווישן די אידן, וועלכע האבן נישט געהאט דעם „מזל" אריינצובאקומען זיך אין די ווארשטאטן און צו געהערן צו די „פראדוקטיווע" עלעמענטן. (לעגיטי-מאציעס האט מען ארויסגעגעבן אין די טויזנטער).

3. צוליב דעם וואס די „ארדנונג דינסט" אין דער געטא צוזאמען מיטן „אידישן ראט" זענען געווארן אזוי ווי די אוקראינער און די לעטן, די אויספירער פון די דייטשע באפעלן — אקטיוו זיך אנטקעגנשטעלן דער דאזיקער געמיינער ארבעט. אויף דעם קאמאנדאנט פון דער ארדנונגס-דינסט, יוסף שערינסקי, האט מען ארויסגעגעבן א טויט-אורטייל.

אונזערע אויפרופן האבן צו אונזער פארוואונדערונג און פארביטער-רונג נישט געפונען דערוויל קיין אפקלאנג. מען האט נאך אלץ נישט גע-גלויבט! מען האט געפירט אידן צום טויט, און די אידישע פאסט אין דער געטא איז געווען טעטיק די גאנצע צייט. עס זענען אנגעקומען „גרוסן" פון די ארויסגעשיקטע אידן, וועלכע זענען מיט א בליץ-שנעלקייט פאר-שפרייט געווארן אין דער גאנצער געטא. טויזנטער מענטשן, געיאגט דורך הונגער און אומבאהאלפנקייט פון דער לאגע, האבן זיך געמאלדן טאג-איין און טאג-אוים פרייוויליק „ארויסצופארן". אויף דעם „אומשלאג-פלאץ", וואו מען האט צונויפגעזאמלט די אידן פאר דעפארטאציע, האבן די דייטשן פאנאנדערגעטיילט „גוטהערציק" צו דריי קילא ברויט און איין קילא מארמאלאד צו יעדן פרייוויליקן.

נאכדעם ווי גאנצע גאסן און דיסטריקטן אין דער געטא זענען אוים-געליידיקט געווארן, האבן מיר אונטערגעצונדן עטלעכע צענדליק ליידיקע הייזער, כדי דאס אידישע פארמעגן זאל נישט אריינפאלן אין די דייטשע הענט. די גרעסטע שרפות זענען דורכגעפירט געווארן אין דער נאכט פון 20טן אויפן 21טן אויגוסט 1942. אין דעם טאג, דעם 21טן אויגוסט, האט די אידישע קאמפס-ארגאניזאציע אפגעגעבן דעם ערשטן שאס. ישראל קאנאל האט מיט צוויי קוילן שווער פארוואונדעט דעם קאמאנדאנט יוסף שערינסקי'ן. דער אטענטאט אויף דעם אפיציר פון דער אידישער פאליציי שמעלינג האט זיך נישט איינגעגעבן.

צומארגנס האבן מיר באקומען פון אונזערע חברים פונם „ערישן" טייל פינף רעוואלווערן און אכט גראנאטן. דאס איז געווען אין אונזערע באדינגונגען אן אמת'ער אוצר! אין דער צווישן-צייט האט מען איבער-געריסן די דעפארטירונגס-אקציע. די דייטשע „אומזידלונגס-קאמאנדע"

אָדער „פּאַרניכטונגס־קאָמאַנדע" — אַזוי האָבן די דייטשן גערופן די דאָזיקע באַנדיטן — איז אַוועק אין אַנדערע ערטער אין וואַרשעווער דיס־טריקט, כדי דורכצופירן דאָרט זייער אַקציע, און נאָר אַ קלענער טייל דייטשן האָבן זיך באַוויזן דעמאָלסט אויף די גאַסן פון דער געטאָ. מיר האָבן באַשלאָסן פון דאָס ניי, אין דעם טאָג, ווען די אַקציע האָט זיך ווידער אָנגעהויבן, צו אַטאַקירן די דייטשן און אוקראַינער, וועלכע זענען אַריינגעקומען אין דער סמאָטשע גאַס, אין דעם טייל צווישן די גאַסן נאַוואָליפּיע און דזשעלנאַ.

איבער אונזער טעטיקייט אָבער האָט געהאַנגען אַ בייזער גורל: אַ גרופּע חברים, וועלכע מיר האָבן פריער אַוועקגעשיקט אין די הרוביע־שאָווער וועלדער, כדי צו אָרגאַניזירן דאָרט אַ פּאַרטיזאַנען־גרופּע (מענטשן האָבן מיר געהאַט גענוג, עס האָט געפעלט געווער), איז אומגעקומען. דעם זעלבן גורל האָט אויך געהאַט אַן אַנדערע אָפּטיילונג, וועלכע מיר האָבן געשיקט אין די מעזריטשער וועלדער. דעם 3־טן סעפּטעמבער האָט די געשטאַפּאָ אַרעסטירט יוסף קאַפּלאַן'ען. דעם זעלבן טאָג, עטלעכע שעה שפּעטער, האָבן די דייטשן דערמאָרדעט אויף דער גאַס שמואל ברעסלער, בײַנאַכט איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשן אונזער אָרימער מאַגאַזין פון געווער און אַמוניציע. אויף אַזאַ אופן זענען פון אָנהויב אָן פּאַראַליזירט געוואָרן אונזערע שריט, וועלכע האָבן געהאַט דעם ציל צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון וואַרשעווער אידנטום.

דעם 5טן סעפּטעמבער האָבן די דייטשן באַנייט זייער אַקציע אין אַזעלכע באַדינגונגען און אין אַזאַ פאָרנעם, אַז אַלץ, וואָס איז געווען ביז איצט, איז געווען אַ קינדער־שפּיל אַנטקעגן דעם, וואָס איז איצט געקומען. דעם 12טן סעפּטעמבער, דאָס הייסט, אין דעם טאָג, ווען עס איז אָפיציעל געמאָלדן געוואָרן דער סוף פון דער דעפּאָרטירונגס־אַקציע, זיינען געבליבן אין דער וואַרשעווער געטאָ בלויז 50,000 אידן. וועלכע זענען געווען פאַנאַנדערגעטיילט אין פיר קליינע געטאָס:

איין געטאָ האָט זיך געצויגן פון עק קאַרמעליצקע און לעשנאַ, לעש־נע פון נומער 34 ביז 80 (עק זשעלאַזנאַ), אַ טייל זשעלאַזנאַ ביז נאַוואָ־ליפּיע, סמאָטשאַ ביז נאַוואָליפּקי, נאַוואָליפּקי (נישט גראַדע נומערן) ביז קאַרמעליצקאַ, קאַרמעליצקאַ (נישט גראַדע נומערן) ביז לעשנאַ. דאָס איז געווען די „פּראָדוקטיווע" געטאָ, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די אונטערנעמונגען פון די דייטשע פאַבריקאַנטן: טעבענס, שולץ, ק. ג. שולץ, רעריך, הויפמאַן, האַלמאַן און שילינג.

די צווייטע געטאָ האָט זיך געצויגן פון גענשאַ, גראַדע נומערן, ביז סמאָטשאַ, סמאָטשאַ ביז פּאַריסאָווער פּלאַץ, שטשענשליוואַ, סטאַווקי, פּאָ־קאָרנאַ, מוראַנאָווער פּלאַץ צווישן פּאָקאָרנאַ און נאַלעווקי, נאַלעווקי, פּראַנציסקאַנסקאַ, גראַדע נומערן ביז באָניפראַטערסקאַ — דאָס איז גע־

ווען די צענטראַלע געטאָ, וואו עס האָט זיך געפונען דער אַזוי־גערופענער „אידישער ראַט" און זיינע אינסטיטוציעס, ווי אויך דער דייטשער אַמט „ווערטערפאַסונג", וואָס האָט געהאַט די אויפגאַבע „איבערצונעמען" דאָס איבערגעבליבענע אידישע פאַרמעגן. אויף דעם געביט האָבן געוואוינט די „אומפּראָדוקטיווע" עלעמענטן, אויסער אין דעם בלאָק הייזער אויף דער נאַלעווקי גאַס (גראַדע נומערן), וואו עס האָבן זיך געפונען די פאַבריקן פון דעם דייטש בראַוער און די דירות פון די אידן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר די פאַבריקן.

די דריטע געטאָ: צווישן פראַנציסקאַנסקאַ (נישט גראַדע נומערן) וואָלאָווא (גראַדע נומערן), שווענטאָ־יערסקאַ (גראַדע נומערן) און באַניפראַטערסקאַ — דאָ האָט זיך געפונען אַ וואַרשטאַט פון בערשטל־מאַכער, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר דער דייטשער מיליטערישער פאַרוואַלטונג און אַ געטאָ פאַר די אידן, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט.

די פערטע געטאָ: צווישן פּאַנסקע, זשעלאַזנע, וואַליצאָוו, פּראָסטאַ, טשעפּלאַ און טוואַרדאַ — איז געווען אַן אָפּטיילונג פון טעבענס וואַרשטאַטן און אַ געטאָ פאַר די אידישע אַרבעטער.

צווישן דער ערשטן און צווייטער געטאָ איז געווען „אַ נייטראַלער גאַס", דורך קיינעם נישט באַוואוינט. די גאַסן צווישן דער ערשטער און פערטער געטאָ זענען געווען איינגעגלידערט אין דעם „אַרישן" טייל.

עס איז געווען אַ חרפּה צו לעבן! אַ סך חברים האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אונטערצינדען די געטאָ, וואַרפן זיך אויף די דייטשן מיט די פויסטן און אומקומען. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אויסנוצן דעם איבעררייס צווישן דער ערשטער ליקווידאַציע און דער נייער, וועלכער וועט קומען, כדי פאַנאַנדערצובויען די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און כדי צו באַקומען גענוג געווער. אַזוי האָט מען טאַקע באַשלאָסן. די צענטראַלע פון „החלוץ" האָט אָנגענומען פאָלגנדע באַשלוסן:

1. אַרויסצושיקן דעלעגאַטן אין אַלע גרעסערע שטעט, כדי צו אָרגאַניזירן די פאַרטיידיקונג פון די איבערגעבליבענע געטאָס. קיין ביאַליסטאָק האָבן מיר דעלעגירט מרדכי טענענבוים (טאַמאַראָוו), דעם שפּעטערדיקן קאָמאַנדאַנט פון דער אידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָקער דיסטריקט. קיין בענדין — צבי בראַנדעס און פרומקאַ פּלאָטניצקאַ. אַלס קאָמאַנדאַנט איז נאָמינירט געוואָרן ברוך גאַפּטעק. אין קראָקע איז באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמאַנדאַנט לייב לייבאָוויטש (לבן). אין דער אָנפירונג זענען געווען: דאָלעק ליבעסקינד און דרענגלער. אין טשענסטאָכאָוו — רבקה גלאַנץ און יהודה גליקשטיין. אין ווילנע — אבא קאָוונער.

2. צו פאַרשטאַרקן די צוזאַמענאַרבעט מיט אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע גרופּירונגען.

די רעכטע און לינקע פּועלי ציון זענען תיכף צוגעטראָטן מיטצו־אַרבעטן. די אונטערהאַנדלונגען מיטן „בונד" האָבן זיך פאַרשלעפּט. דער „בונד" האָט מסכּים געווען אַריינצוטרעטן אין דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און מיטבאַטייליקן זיך אין דער פּאַרטיידיקונג נאָר אויפן שטח פון וואַרשע (אין פּוילן האָבן דעמאָלט געלעבט צוויי מיליאָן אידן).

דער „בונד" האָט נישט מסכּים געווען אויף אַ בשותּפות'דיקער פאַרשטייערשאַפט. כּדי צו פאַרבעסערן און מעגלעך צו מאַכן די צוזאַמענ־אַרבעט האָבן די אָרגאַניזאַציעס „החלוץ", „דרור", „השומר הצעיר", „גורדוניה" רעכטע פּועלי־ציון־התאחדות, לינקע פּועלי־ציון און די אָר־גאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, באַשלאָסן צו פאַראייניקן זיך און שאַפן אַ פאַראייניקטן אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. כּדי צו דערמעגלע־כען די קאָאָרדינאַציע מיטן „בונד" האָט מען געשאַפן אַ אידישן קאָ־אָרדינאַציע־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען אַריינגעגאַנגען, אויסער די פאַרשטייערשאַפט פון די אויבן דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס, אויך די פאַר־טרעטער פונם „בונד". די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז אָנערקענט געוואָרן אַלס אַ קאַמפּס־אָרגאַן פון אידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט.

אין פּרעזידיום פונם אידישן קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט זיינען אַריינ־געגאַנגען: יצחק..., סעקרעטאַר, מנחם קירשענבוים און אַבראַשאַ בלום. דער פולער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון: אַלעקסאַנדער (פּסעוודאָנים), מרים הייזדאָרף, מלך פיינקינד, אליעזר געלער, צביה, יוחנן מאָרגענשטערן. דאָס פּרעזידום פון דעם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון: יצחק..., מנחם קירשענבוים און יוחנן מאָרגענשטערן.

אין דער ליטונג פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זענען אַריינגעגאַנגען: מרדכי אַנילעוויטש, (קאָמאַנדאַנט (אָרגאַניזאַציע אָפּטיי־לונג); יצחק..., וויצע־קאָמאַנדאַנט (באַוואָפענונג); מאַרעק עדעלשטיין (איינדאָרף, לובעטקין, מאָרגענשטערן) און אַ באַשפּייז־קאָמיסיע (טוביה (אויסשפּיר אָפּטיילונג); יוחנן מאָרגענשטערן (פינאַנסן), הערש בער־לינסקי (פּלענער). דער אידישער קאָאָרדינאַציע־קאָמיטעט האָט געהאַט פאָלגנדע קאָמיסיעס: פאַר פּראָפּאַגאַנדע (בלום, פיינקינד), פינאַנסן יהודה ווענגראָווער און מיכאל ראָזענפעלד).

אַ ספּעציעלער בירגער־קאָמיטעט פון: ל. ב., כאָלאָדענקאָ, גיטער־מאַן, ג..., מנחם קאָן, לאַנדוי און יוסף..., האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו שאַפן געלט־מיטלען פאַר די באַדערפענישן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, פאַר בויען באַהעלטענישן און טונעלן, און בכדי צו פּאָפּו־לאַריזירן צווישן אַלע פאָלקס־שיכטן די אידייע פון אַן אַקטיוון קאַמף.

דער פאַרשטייער פונם אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין דעם „אַרישן" טייל פון וואַרשע לגבי דער אונטערערדישער פּוילישער ציווילער מאַכט איז געווען דר. ב., דער פאַרשטייער פון דער אידישע קאַמפּס־

אָגאַניזאַציע — אריה ווילנער (יורעק).

די פּראָפּאַגאַנדע קאָמיסיע פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט ענג מיטגעאַרבעט מיט דער אַרכיוו־קאָמיסיע פונ אידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון דר. עמנואל רינגעלבלום, אליהו גוטאָווסקי און וואַסער.

נאָך איידער מען איז צוגעטראָטן צו שאַפן די קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע, האָבן מיר באַשלאָסן אָפּצורייניקן די אַטמאָספערע אין דער געטאָ דורך ליקווידירן די אַממייסטן דעמאָראַליזירטע, די פאַרברעכער, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צו די דייטשן און כדי אָנצוואַרפן אַ שרעק אויף דעם „אידישן ראַט". דער טויט פון קאָמאַנדאַנט פון דער „אָרדנונגס־פּאָליציי" מענדעל לייקין (אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל האָט אליהו רוזשאַנסקי־עלעק) איז געווען אַ וואָרנונג פאַר זיינע קאָלעגן אין דער פּאָליציי. דער טויט־אורטייל אויף ישראל פירסט, אויסגעפירט דורך דוד שולמאַן, איז געווען אַ וואַרנונג פאַר דעם דעגענערירטן „אידישן ראַט."

במשך פון די דריי מאָנאַטן פון פאַרהעלטניסמעסיקער רו אין דער געטאָ האָבן מיר באַוויזן טיילווייז צו באַוואָפענען די קאַמפּס־גרופּן פון „דרור" און „השומר הצעיר". אַנדערע גרופּן האָבן דעמאָלט נאָך דורכגעמאַכט די אָרגאַניזיר־און שולונג־אַרבעט.

די ערשטע באַוואָפענטע אַקציע האָט דורכגעפירט די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקאָ. דעם 24טן דעצעמבער 1942 האָבן מיטגלידער פון דער קראַקאָווער אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע דורכגעפירט אַ נקמה־אַקט אויף די דייטשן. זיי האָבן באַוואָרפן מיט גראַנאַטן עטלעכע דייטשע קאַפע־הייזער און האָבן דערשאָסן מיט רעוואָלווערן עטלעכע העכערע אָפיצירן פון דער געשטאַפּאָ. די דייטשן האָבן מיטגעטיילט, אַז די צאָל פון זייערע דער׳הרג׳עטע און פאַרוואונדעטע איז געווען צוואַנציק. דער דאָזיקער אַקט איז אָבער גלייכצייטיק געען דער סוף פון דער טעטיקייט פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין קראָקע. עטלעכע טעג שפּעטער איז די קראָקאָווער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט איר העלדישן קאָמאַנדאַנט לייבאָוויטש (לבן) אַריינגעפאַלן אין די דייטשע הענט.

דעם 18טען יאַנואַר 1943 האָבן שטאַרקע אָפּטיילונגען פון זשאַנדאַמעריע, ס. ס. און דייטשע סאָלדאַטן אַרומגערינגלט די וואַרשעווער געטאָ. צוויי טעג פריער האָבן די דייטשן דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן אין דעם אַרישן טייל פון וואַרשע. די אידן אין דער געטאָ האָבן דעמאָלט אָמווייניקסטן ערוואַרט אַזאַ אַקציע. פאַרטאָג האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט אַלע גאַסן און איינגאַנגען, וואָס האָבן געפירט צו דער געטאָ. די אַרבעטער, וואָס זיינען געגאַנגען צו דער אַרבעט אין די פאַבריקן, האָט מען

אפגעפירט אויף דעם „אומשלאגס־פלאץ”, נישט קאנטראלירנדיק אפילו זייער „פראדוקטיוויטעט”. א טייל איבערגעבליבענע איז געלונגען זיך צו באהאלטן. פרייוויליקע פאר „ארויספארן” זענען שוין נישט געווען.

במשך פון דריי חדשים האט מען געהאט צוגעגרייט באפעסטיקונגס־פונקטען אין קעלערן און אויף די בוידעמער. מען האט פארמויערט וואוינונגס־צימערן, מען האט געבויט דאפעלטע סופיטען. מחוץ די גרע־ניצן פון די באפעסטיקטע פונקטן זענען נאר געווען עטלעכע קאמפס־גרופן, מער ווייניקער צוגעגרייט. א טייל קאמפס־גרופן אין דער צענ־טראלער געטא, אונטער דער אנפירונג פון מרדכי אנילעוויטש, האבן זיך בכיוון געלאזט פארכאפן צוזאמען מיט עטלעכע הונדערט אידן, און ווען זיי האבן זיך געפונען אויפן עק פון די גאסן זאמענהאף און ניסקא, האבן זיי אויף א געגעבענעם צייכן געעפענט א שיסעריי אויף די דייטשן. די אידן, וועלכע מען האט געפירט צום טויט, זיינען זיך פונאנדערגע־לאפן, און די דייטשן, באהערשט פון א פאניק, זענען אנטלאפן.

אביסל שפעטער, נאכדעם ווי די דייטשן האבן זיך „בארואיגט”, זענען זיי צוריקגעקומען מיט פארשטארקטע גרופן. עס זענען געווען קרבנות אויף ביידע זייטן. די רייען פון די אידישע קעמפער האבן אנ־געהויבן צו ווערן שיטער. דער יונגער עלעק רוזשינסקי, וועלכער איז שווער פארוואונדעט געווארן אינם העלדישן קאמף, האט ביז דער לעצטער מינוט נישט ארויסגעלאזט דעם רעוואלווער פון זיינע הענט. מרדכי אניע־לעוויטש האט נישט געהאט מער קיין קוילן, האט ער זיך מיט די פויסטן געווארפן אויף א זשאנדארם, ארויסגעריסן פון זיינע הענט א ביקס און אנגעהויבן דעם קאמף פון דאס ניי. נאך א שעה׳דיקן העלדישן קאמף איז אומגעקומען די גאנצע אידישע קאמפס־גרופע, אויסער דעם קאמאנדאנט, וועלכער איז דורך א נס ניצל געווארן.

אנדערע גרופן, אונטער דער אנפירערשאפט פון יצחק..., אליעזר געלער און אריה ווילנער, האבן געפירט א פארטיזאנען־קאמף אין די הייזער. אויף זאמענהאף 56, מוראנאווסקא 44, מילא 34, 41 און 63 און אויף סטאווקי גאס זענען גרופן געווען באהאלטן און האבן אפגע־ווארט די אנקומענדיקע דייטשן. זכריה ארצשטיין, בנימין וואלד און הנוך גוטמאן האבן זיך ספעציעל אויסגעצייכנט אין זייער העלדישקייט און אויסדויער. אויף אונזער זייט איז געפאלן נאר איין קעמפער. דער רעזולטאט פון די קאמפן איז אריבערגעשטיגן אלע אונזערע דרייסטע דער־ווארטונגען. א פאנישער שרעק האט ארומגעכאפט די דייטשן, איידער זיי זענען אריינגעגאנגען אין די הייזער. אויפן דריטן טאג האבן זיי איבערגעריסן די אקציע. ישראל קאנאל האט געקעמפט העלדיש מיט א קליינער גרופע אויף דעם געביט פון די ווארשטאטן. אין רעזולטאט פון די קאמפן האבן מיר פארנומען קנאפע צוואנציק ביקסן און רעוואלווערן,

מיר האָבן דער'הרג'עט און פאַרוואונדעט פופציק דייטשן.

אָנהויב פעברואַר האָט זיך אָנגעהויבן די וויטערדיקע טייליוויזע ליקווידאַציע פון דער געטאָ אין טשענסטאָכאָוו. אַ קליינע גרופּע קעמפער, באַוואָפנט מיט עטלעכע רעוואָלווערן, וועלכע זיי האָבן באַקומען פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, האָבן געשטעלט אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד. עס איז געווען אַ טראַגיש בילד, נישט צו באַשרייבן: די אַלטע רעוואָלווערן האָבן זיך פאַרהאַקט און האָבן נישט פונקציאָנירט. די קעמפער האָבן זיך דאַן געוואָרפן אויף די דייטשן מיט ליידיקע הענט און זענען אַלע אומגעקומען פון די דייטשע קוילן. אפילו ביי די מערדער האָט אַזאַ שטומער העראָאיזם אַרויסגערופן באַוואונדערונג און דער־שטוינונג.

דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד פון דער אידישער ציווילער באַפעל־קערונג און דער קאַמף פון די אָפּטיילונגען פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן געצוואונגען די דייטשן איבערצורייסן די ליקווי־דאַציע־אַקציע אין וואַרשע. די אידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די באַ־פעסטיקטע פונקטן. די, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן, האָבן פאַרניכטעט די ווענט פון די וואַגאָנען און זענען אַרויסגעשפּרונגען פון זיי אין מיטן לויף פון דעם צוג. אפילו פון טרעבלינקע איז געלונגען אַ קליין הייפעלע אידן צו אַנטלויפן.

דער אָפּקלאַנג פון די שיסערייען און פון די געוואָרפענע גראַנאַטן האָט עלעקטריזירט אַלעמען. די קעמפער האָט מען איבעראַל באַגריסט אַלס רעטער. די באַפעלקערונג האָט זיי געהאָלפן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט: די בעקערס האָבן צוגעשטעלט ברויט אַן געלט, די רימערס האָבן זיי צוגעשטעלט בייטלען פאַר די רעוואָלווערן. די קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע איז זיך פאַנאַנדערגעוואַקסן און האָט פאַרשטאַרקט אירע כחות פון טאָג צו טאָג. צוליב דעם, וואָס די פאָנדן, וועלכע זענען צוגעשטעלט געוואָרן דורך דעם בירגער־קאָמיטעט, זענען נישט געווען גענוגנט ביי דעם בודזשעט פון מיליאָנען זלאָטעס, וועלכע זענען געווען נויטיק, האָט די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַרויפגעלייגט גרעסערע שטייערן אויף די מער פאַרמעגלעכע שיכטן. די שאַרפע מיטלען, וועלכע זיינען באַנוצט געוואָרן געגן די עקשנות'דיקע רייכערע אידן, האָבן געהאָלפן, אַז די שטייערן זאָלן ווערן רעגולער איינגעצאָלט. די, וועלכע האָבן נישט איינ־געצאָלט די סומען, זענען אַרעסטירט געוואָרן. אויף די אידישע אָנפירער פון די וואַרשטאַטן, אויף די מיטגלידער פון דער „אָרדנונגס־פּאָליציי" און אויף די אַלע, וועלכע האָבן געפירט געשעפטן מיט די דייטשע אונ־טערנעמער, האָט מען אַרויפגעלייגט גרויסע געלט־שטראָפן. אויפן „אידישן ראַט" און אויף זיינע אינסטיטוציעס האָט מען אַרויפגעלייגט צוזאַמען אַ קאָנטריבוציע פון בערך איין מיליאָן זלאָטעס. במשך פון דריי טעג איז

די דאָזיקע קאָנטריבוציע איינגעצאָלט געוואָרן. אויף אַ בכבודיקער אויס־צייכנונג פון דער גאַנצער פאַרפּוילטער קליקע האָט זיך פאַרדינט אַבּרהם געפּנער, וועלכער האָט ביז צום סוף אַפּגעהיט זיין אומאָפּהענגיקייט און האָט געהאַט ריינע הענט. ער האָט געהאָלפן פינאַנציעל דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און האָט געזאַמלט פאַר איר גרויסע סומען געלט.

אַלס קאָמאַנדאַנט פון דער „צענטראַלער געטאָ" איז באַשטימט געוואָרן ישראל קאַנאַל, פון די בערשטען־וואַרשטאַטען — מאַרעק עדעל־שיין, פון טעבענס וואַרשטאַטן — אליעזר געלער. די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט 22 קאַמפּס־גרופּן: עלף גרופּן זענען באַשטאַנען פון מיטגלידער פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען געווען אָנ־געשלאָסן אין „החלוץ", („דרור" — 5, „השומר הצעיר" — 4, עקיבא — 1, „גורדוניה" — 1). דער „בונד" האָט געהאַט פיר גרופּן: רעכטע פּועלי ציון — איין גרופּע, לינקע פּועלי ציון — איין גרופּע, הנוער הציוני — איין גרופּע, און דער לינקער פּראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד — איין גרופּע. צוזאַמען האָט דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט געהאַט אַכצן גרופּן.

אַלס פירער פון די באַזונדערע גרופּן זענען באַשטימט געוואָרן:

„דרור" — זכריהו ארצשטיין — בנימין וואַלד — הנוך גוטמאַן — יצחק בלווישטיין — בערל ברוידער.

„השומר הצעיר" — מרדכי גראָוואַס (מעדעק) — דוד נאָוואָ־דוואָרסקי — סאַלאָמאָן ווינאַגאַן — יוסף פאַרבער.

„גורדוניה" — יעקב פייגענבלאַט.

עקיבא — לוטעק גאָטבלאַט.

הנוער הציוני — פּראַשקער.

רעכטע פּועלי ציון — מאַגיסטער מאַרעק מאַיעראָוויטש.

לינקע פּועלי ציון — הערש בערלינסקי.

לינקער פּראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד — הענריק קאַווע — הענריק זילבערבערג — יורעק גרינשפּאַן — פּאַוועל...

„בונד" — וועלוול ראָזאָווסקי — לוי גראָזאַלץ — יורעק בלאָנעס — דוד האָכבערג.

ניין גרופּן זענען געווען קאָנצענטרירט אין דער צענטראַלער געטאָ, אַכט אויפן געביט פון די וואַרשטאַטן פון טעבענס און שולץ, פינף אין דער געטאָ פון די בערשטן וואַרשטאַטן.

די באַזע פון דער באַוואָפענונג פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַ־ציע איז באַשטאַנען פון אַ גרעסערן טראַנספּאָרט געווער, וואָס איז גע־שיקט געוואָרן דורך דער פּוילישער מיליטערישער מאַכט. דאָס געווער איז באַשטאַנען פון רעוואָלווערן, גראַנאַטן און אויפריים־מאַטעריאַלן. פאַר די געלדער, וואָס מיר האָבן באַקומען, האָבן מיר געקויפט עטלעכע

הונדערט רעוואָלווערן און אַמוניציע. מיר האָבן געצאָלט פאַר רעוואָלווער „וויסטי" און „פּאַראַבעלום" פון 10 ביז 15 טויזנט זלאָטעס!

אין פאַרלויף פון וואָכן האָבן מיר דורכגעפירט אויסגראָבונגען ביז צו די מויערן פון דער געטאָ, ביי וועלכע עס זיינען געשטאַנען דייטשע מיליטערישע וואָכן, און מיר האָבן אונטערגעלייגט מינעס. באַגרייפנדיק, אַז די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וועט קענען שטעלן אַ געהעריקן ווידערשטאַנד נאָר דעמאָלסט, ווען זי וועט האָבן די פולקאָמע און אומבאַדינגטע אונטערשטיצונג מצד דער אידישער באַפעלקערונג, האָבן מיר מיט דער גאַנצער שאַרפקייט און ענטשלאָסנהייט אָנגעהויבן אַ קאַמף מיט די עלעמענטן, וועלכע זענען באַגאַנגען פאַררעטערישע אַקטן און האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, אָדער האָבן דורך זייער מיאוסער האַנדלונג דעמאָראַליזירט די געטאָ. די יעניגע פון די דאָזיקע פאַרשוינען, וועלכע זיינען נישט אַנטלאָפן אין דעם „אָרישן" טייל פון שטאָט, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. צווישן די, וועלכע זיינען אומגעקומען אויפן סמך פון אונזער אורטייל, האָט זיך אויך געפונען דר. אַלפרעד נאָסיג.

די אַטמאָספערע איז געוואָרן אָפּגערייניקט. די רעשטלעך פון וואַרשעווער אידנטום האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט נאָכדעם, ווי די אַטמאָספערע איז אָפּגערייניקט געוואָרן פון די דאָזיקע עלעמענטן. אין פאַרלויף פון דער יאַנואַר־אַקציע האָבן די אידן אין דער וואַרשעווער געטאָ באַוויזן, אַז אין זייערע מוחות און אין זייער שטעלונג זענען פאָרגעקומען ראַדיקאַלע ענדערונגען. מיט דעם דאָזיקן צושטאַנד האָבן זיך די דייטשן געמוזט רעכענען. עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז נישט די העראָאישע שטעלונג פון דער אידישער באַפעלקערונג און נישט די מוטיקע פאַרטיידיקונג פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין איינפלוס אויף דעם גורל פון דער געטאָ, וואָס איז שוין געווען לאַנג גע'חתמ'עט. די דייטשן אָבער האָבן נישט געוואָלט מער ברענגען קיין קרבנות און האָבן דעריבער באַשלאָסן צו ליקווידירן די געטאָ מיט „פרידלעכע" מיטלען, האָבנדיק דערביי צוויי צילן: 1) צו באַקומען פעהיקע עלעמענטן צו דער אַרבעט פאַר דער מלחמה־פּראָדוקציע אַזוי לאַנג, פאַרשטייט זיך, ווי די דאָזיקע עלעמענטן וועלן נאָך זיין נויטיק. 2) אָפּגרעניצן די „פעאיקע צו דער אַרבעט" פון די „אומפּראָדוקטיווע" עלעמענטן (וועלכע זענען אין דער גרעסטער מערהייט אויך געווען פעאיק צו אַרבעט, נאָר האָבן נישט געוואָלט אַרבעטן אין די דייטשע אונטערנעמונגען). אויף אַזאַ אופן האָבן די דייטשן גערעכנט אָפּשוואַכן די געטאָ און דורך אַרויסרופן קנאה און פיינטלעכקייט צווישן די, וועלכע האָבן „געדאַרפט בלייבן לעבן" און צווישן די, וועמעס פאַרניכטונג איז געווען אַ פראַגע פון טעג — צוברעכן מאָראַליש די געטאָ.

אנהויב פעברואר 1943 האבן די דייטשע אייגנטימער פון די פאבריקן אנגעהויבן א ברייט־פארצווייגטע פראפאגאנדע־אקציע צווישן די ארבעטער, אז זיי זאלן זיך פרייוויליק מעלדן צום ארויספאר. „ווארשע וועט אפגערייניקט ווערן פון אידן", האבן זיי ערקלערט אויף ספעציעל־ארגאנאזירטע ארבעטער־פארזאמלונגען און נאר די, וועלכע וועלן ארויספארן קיין פאניאטאוו און טראווניקי, וואוהין די ווארשטאטן דארפן אריבערגעפירט ווערן, וועלן האבן א פארזיכערטע עקזיסטענץ און א זיכערהייט, אז „זיי וועלן איבערהאלטן די מלחמה."

אלס אנפירער פון דער דאזיקער פראפאגאנדע איז באשטימט געווארן טעבענס'עס שותף, סטעמיען, דער דעגענערירטער אויסוואורף, וועמען עס איז נאך פריער געלונגען צו געווינען צווישן די אידישע ארבעטער א געוויסע פאפולאריטעט, א דאנק זיין כלומר'שטער פריינטלעכער באציאונג צו זיי. סטעמיען איז געווען אן אנגעזעענע „פערזענלעכקייט" אין די פארשידענע היטלעריסטישע פארטיי־ארגאניזאציעס, ער איז געווען אמבעסטן אינפארמירט וועגן אלע באשלוסן, וועלכע זענען אנגענומען געווארן דורך דער געשטאפא אין בערלין וועגן דער ענדגילטיקער ליקווידאציע פון אידנטום. אין זיינע פאטעטישע רעדעס האט ער פארגעשטעלט פאר די פארזאמלטע א גן־עדן בילד פון לעבן אויפן שוים פון דער שיינער נאטור, וואו נאך דער ארבעט און אין פרייע טעג פון דער ארבעט וועלן איינגעארדנט ווערן ספעציעלע פארווייליונגען. ער האט דערציילט נישט געשטויגענע מעשות וועגן שיין איינגעארדנטע פלאזשעס (ביטשעס), שווים־ערטער, קאנצערטען, טעאטער־פארשטעלונגען, גוטער באשפייזונג, אויסגעצייכנטע היגיענישע באדינגונגען, שולן, קינדער־היימען, א. א. וו.

כדי אונטערצושטרייכן דעם „ציווילן" כאראקטער פון דער דעפארטאציע, האבן די דייטשן באשטימט אלס דעפארטאציע־קאמיסאר נישט קיין פארשטייער פון דער געשטאפא, נאר דעם פאבריקאנט טעבענס. צווישן די ערשטע פאבריקן, וועלכע האבן געדארפט ליקווידירט ווערן זענען געווען: האלמאנס סטאלער פאבריק און די בערשטן־ווארשטאטן. די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע האט באלד אונטערגענומען א געגנאקציע סיי אין שריפט, סיי אין טאט. ביינאכט, איידער האלמאנס פאבריק האט געדארפט אריבערגעטראגן ווערן, האט אן אפטיילונג פון דער קאמפס־ארגאניזאציע זיך דורכגעריסן דורך די פאבריק־טויערן און אונטערגעצונדן די פאבריק־בנינים, דעם גאנצן רוי־מאטעריאל און די שוין־פארפאקטע מאשינען. די דייטשן, וועלכע האבן זיך געפונען דעמאלט אין דער פאבריק, זענען אנטלאפן אין א פאניק.

די אפטיילונג פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע האט זיך צוריקגעצויגן אן פארלוסטן. צומארגנס האבן זיך פון טויזנט ארבעטער געמאלדן צום ארויספאר נאר 25. פון דריי און א האלב טויזנט ארבעטער

אין די בערשטן־װאַרשטאַטן האָט זיך נישט געמאָלדן קיין איינער!

די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט פאַר די אויגן פון דער דייטשער וואַך באַפרייט אַ גרופּע פון 60 אידן, וועלכע זיינען געווען אַרעסטירט אויף דעם פּלאַץ פון די שולץ־וואַרשטאַטן. דער אויטאָריטעט פון דער אידישער קאַפּס־אָרגאַניזאַציע איז געוואַקסן נישט נאָר ביי דער אידישער באַפעלקערונג. אויך די דייטשן האָבן זיך געמוזט מיט מיט איר זייער ערנסט רעכענען. דעם 14טן מערץ, 1943, האָט די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאַנאַנדערגעקלעפּט אויפרופן, אין וועלכע זי האָט אויפגעפאָדערט אַנטקעגנצושטעלן זיך די דייטשע פאַראָרדנונגען. אין די אויפרופן איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז „פרייוויליקע” דעפּאָר־טאַציע הייסט די פאַרניכטונג פון דער געטאָ. דעם 20טן מערץ האָט טעבענס אויפגעהאַנגען לעבען אונזערע אויפרופן זיינע אייגענע אויפרופן (די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט קאָנפיסקירט אַ גרויסן טייל פון טעבענס אויפרופן, נאָכדעם ווי זי האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי זיינען אָפּגעדרוקט). אין די אויפרופן האָט טעבענס געזאָגט פאָלגענדעס:

„צו די אידישע באַוואָפנונג־אַרבעטער אין דער אידישער געגנט! די לייטונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט פאַנאַנדערגעקלעפּט אין דער נאַכט פון 14טן אויפן 15טן מערץ אַן אויפרוף, אויף וועלכן איך וויל אייך ענטפערן. איך שטעל פעסט קאַטעגאָריש, אַז 1) די דעפּאָרטאַציע־אַקציע וועט איבערהויפּט נישט פאָרקומען. 2) אַז קיינער האָט נישט געהייסן נישט דעם הער שולץ און נישט מיר דורכצופירן אַזאַ אַקציע אונטער דער דראָאונג פון טויט. 3) איך שטעל פעסט קאַטעגאָריש, אַז דער לעצטער טראַנספּאָרט דעפּאָרטירטע איז נישט פאַרפאַלן געוואָרן. עס איז צום באַדויערן, וואָס די באַוואָפנונגס־אַרבעטער פון הער שולץ האָבן נישט געפאָלגט זיינע גוטע עצות. איך באַדויער, וואָס איך האָב געמוזט אַריבערטראָגן איינעם פון די וואַרשטאַטן, כדי אויסצונוצן די עקזיסטירנדע טראַנספּאָרט מעגלעכקייטן. עס איז געוואָרן פאַראָרדנט, אַז די נעמען פון די אַרבעטער, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין טראַווניקי, זאָלן תיכף פעסטגעשטעלט ווערן, און אַז זייער באַגאַזש זאָל געבראַכט ווערן צוזאַמען מיט זיי; די באַהויפּטונג, אַז די באַגלייטער פונם צווייטן טראַנספּאָרט פון דער פּראָסטאַ גאַס קיין פּאָניאַטאָוו האָבן נישט געוואוסט, וואָס עס איז געשען מיט דעם טראַנספּאָרט, איז אַ פאַרברעכערישע העצע צו ווירקן אויף די באַוואָפענונג־אַרבעטער, און איז דער געמיינסטער ליגן.

„די באַגלייטער זענען אַלע געבליבן אויפן אָרט, זיי האָבן אָוועקגע־שיקט דעם צוג, און אַ חוץ דעם זענען זיי אין צווישן צייט עטלעכע מאָל געקומען צו פאָרן אַהער מיט לאַסט־אויטאָס, צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון פּאָניאַטאָוו, כדי מיטצונעמען זייערע זאַכן. דער באַגאַזש איז נישט

אפגעשיקט געווארן פון דער פראסטא גאס. ער געפינט זיך אונטער דעם אויפזיכט פון א איד, דעם אינזשינער ליפשיץ, וועלכער איז גרייט יעדן מאמענט צו געבן וועגן דעם אינפארמאציעס. יעדער ארבעטער אין טראווניקי און פאניאטאוו האט באקומען און האט זיין גאנצן באגאזש.

„אידישע באוואפענונגס־ארבעטער! גלויבט נישט די, וועלכע ווילן אייך ארייננפירן אין א טעות. זיי ווילן אייך אויפהעצן, כדי גורם צו זיין רעזולטאטן, וועלכע וועלן זיין אומפארמיידלעך. אין די באפעסטיקונגס־פונקטן איז נישט פאראן קיין שום זיכערהייט, און דאס לעבן דארט איז אומעגלעך אזוי ווי עס איז אין ארישן טייל. די אומזיכערהייט צוברעכט מאראליש די באוואפענונגס־ארבעטער, וועלכע זיינען געוואוינט צו ארבעט. איך פרעג אייך, פארוואס קומען צו מיר רייכע אידן פון ארישן טייל און בעטן מיך, איך זאל זיי נעמען צו דער ארבעט. זיי האבן גענוג געלט צו לעבן אין ארישן טייל, אבער זיי קאנען נישט מער אויסהאלטן.

„מיט דער פולער איבערצייגונג קאן איך אייך ראטן נאר פאלגענדעס: פארט קיין טראווניקי, פארט קיין פאניאטאוו, ווייל דארט איז פאראן א מעגלעכקייט צו לעבן, און דארט וועט איר איבערהאלטן די מלחמה. די לייטונג פון דער קאמפס־ארגאניזאציע וועט אייך נישט העלפן, זי גיט אייך נאר פאלשע צוזאגן. זיי פארקויפן אייך, פאר גרויסע סומען געלט, ערטער אין די פארטיידיקונגס־פונקטן, שפעטער וועלן זיי אייך ווידער ארויסטרייבן אויף די גאסן און וועלן אייך איבערלאזן אליין אויף אייער אייגענעם גורל. איר האט שוין אליין גענוג דערפארונג מיט די דאזיקע אפנארערישע טריקן. גלויבט נאר די דייטשע דירעקטארן פון די פאבריקען, וועלכע זענען צוזאמען מיט אייך, אנצופירן מיט דער פראדוקציע אין פאניאטאוו און אין טראווניקי. נעמט אויך מיט אייערע פרויען און קינדער, ווייל מען זארגט אויך וועגן זיי! „וואלטער צ. טעבענס, באפולמעכטיקטער אריבערצופירן פאבריקן פון דער אידישער געגנט אין ווארשע.”

אין זייער געמיינהייט זיינען די דייטשע אייגנטימער פון די פאבריקן נישט אפגעשטאנען פון דער געשטאפא. טעבענס האט זיך נאך ערלויבט איינצולאדן די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע, דורך דער פארמיטלונג פון זיינע אידישע שקלאפן, אויף א „זאכלעכער קאנפערענץ”! די דייטשע פראפאגאנדא האט נישט געהאט קיין דערפאלג. קיינער האט איר נישט געגלויבט. אויב ס'האבן זיך געמאלדן עטלעכע הונדערט אידן, האט זיי געצוואנגען דערצו דער הונגער און אין דער ערשטער רייע א האפנונגסלאזער מארגן. אלס רעזולטאט דערפון זיינען די דייטשן געווען געצוואונגען צו באנוצן זיך מיט געוואלד, וואס איז דעמאלט שטארק נישט געווען באקוועם. פון איין זייט האט דאס דעמאסקירט זייערע אמתע כוונות, פון דער אנדערער זייט זיינען די רעזולטאטן נישט געווען קיין גרויסע.

אידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. עס ווייזט אויס, אַז די דייטשן האָבן באַטראַכט זייער פּלאַן וועגן דער ענטגילטיקער ליקווידאַציע פון געטאָ דערווייל אַלס פּריציפּיעל.

די דייטשן האָבן זיך געווענדט צום „אידישן ראַט", ער זאָל דורכפירן די אַקציע. דער „אידישער ראַט" האָט איינגעלאַדן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף אַ באַראַטונג. די דאָזיקע איינלאַדונג איז, פאַרשטייט זיך, אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיט פאַראַכטונג. דער פאָרזיצער פונם „אידישן ראַט", דער „באַ־רימטער" אינזשיניער מאַרק ליכטענבוים, האָט געגעבן די דייטשן פאָלגענדן כאַראַקטעריסטישן ענטפער: „איך האָב נישט קיין מאַכט אין געטאָ, דאָ הערשט אַן אַנדערע רעגירונג". די דייטשע פּלענער האָבן זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל. דאָס מאָל איז זיי שוין נישט געלונגען צו צעשפּליטערן די כוחות פון דעם איבערגעבליבענעם הייפל אידן. אויב די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן אַ טויט־אורטייל אויף דעם גאַנצן אידישן קיבוץ — דאַרף מען אומקומען אין קאַמף! צו דעם האָט געצילט די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

אין דער נאַכט פון 18־טן אויפן 19־טן אַפּריל האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער אַקט פון דער טראַגעדיע פון וואַרשעווער געטאָ (דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ געבורטסטאָג־פּרעזענט פאַר דעם „פירער". די אידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געשטעלט צום קאַמף. 2 ביינאַכט האָבן די דייטשן אַוועקגעשטעלט אַרום די מויערן פון געטאָ געדיכטע דייטשע, אוקראַינישע און לעטישע פּאַטראָלן (אויף יעדע 25 מעטער). אינציק־ווייז, זאַלבעצווייט און זאַלבעדריט זיינען די דייטשע סאָלדאַטן אַריין אין די גאַסן פון דער נישט־באַוואוינטער געטאָ. זיי האָבן געוואָלט איבער־ראַשן די קעמפער און די באַפעלקערונג.

2:30 ביינאַכט קומען אָן די ערשטע מעלדונגען פון די ווייטע פּאָסטנס וועגן דער קאָנצענטראַציע פון גרעסערע מיליטערישע כוחות. פיר אַזייגער פאַרטאָג האָבן אַלע קאַמפּס־גרופּן זיך געפונען אויף זייערע פּאָסטנס. זיי זיינען געווען גרייט אויף אַ געהעריקן אויפן אויפצונעמען דעם אַריינדרינגענדן שונא. 6 אין דער פרי האָבן אַריינמאַרשירט אין צענטראַלער געטאָ 2000 באַוואָפנטע ס. ס. לייט מיט טאַנקן, שנעל־שיסנדע קליינע האַרמאַטן, 3 לאַסט־אויטאָס מיט אַמוניציע און אַמבולאַנסן. צו־זאַמען מיט די אָפּטיילונגען פון ס. ס. לייט האָבן זיך באַוויזן אויך דער גאַנצער דייטשער „דעפּאַרטאַציע" שטאַב, די אָפיצערן פון ס. ס. און גע־שטאַפּאָ: מיכעלסאָן, האַנדקע, העפלע, מירעטשקאַ, באַרטעטשקאַ, בראַנד און מענדע.

די אידישע באַפעלקערונג זעט מען נישט אויף די גאַסן. זיי געפינען זיך אַלע אין די אונטערערדישע באַפעסטיקונגס־פּונקטן, אָדער אין אַנ־

דערע באהעלטענישן. בלויז די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע איז אויף דער וואך און גרייט. די קעמפער געפינען זיך אין 3 שליסל־פונקטן אין געטא, וועלכע גרעניצן אפ דעם אריינגאנג צו די הויפט־גאסן. דער ערשטער צוזאמענשטויס קומט פאר אויף נאלעווקי גאס, וואו 2 פארבארידירטע קאמפס־גרופן פארטיידיקן די גאס. דער קאמף ענדיקט זיך מיט א נצחון פון די אידישע קעמפער. די דייטשן טרעטן אפ, איבערלאזנדיק א סך געהרג׳עטע.

גלייכצייטיק קומט פאר א גרויסער קאמף ביים עק פון די גאסן מילא און זאמענהאף. די פארבאריקאדירטע קעמפער אין אלע 4 עקן פון דער גאס האבן אטאקירט די אריינדרינגנדע דייטשע הויפט־קאלומנע. נאך די ערשטע שאסן, אפגעגעבן פון מאשין־געווער, און נאך די ערשטע גראנאטן, וואס זיינען געווארפן געווארן אויף די ס. ס. לייט — ווערט די גאס ליידיק. מען זעט נישט קיין גרינע יוניפארמס. זיי האבן זיך באהאלטן אין די געשעפטן און אין די טויערן פון די שכנות׳דיקע הייזער. עס קומט פאר אן אויסטויש פון איינציקע שאסן. אין 15 מינוט שפעטער פארן אריין טאנקען. זיי קומען צו נאענט צו דער פאזיציע פון די אידישע קעמפער. די געווארפענע פלעשער מיט אויפרייס־שטאף טרעפן אין א טאנק. די פלאמען פארשפרייטן זיך זעהר שנעל. נאך דעם קומט פאר אן אויסברוך. דער טאנק קאן זיך מער נישט רירן פון ארט. די מאנשאפט איז פארברענט געווארן לעבעדיקערהייט. די איבערגעבליבענע צוויי קליינע טאנקען ציען זיך באלד צוריק און נאך זיי אנטלויפן אין א פאניק אלע דייטשן, וואס האבן זיך פריער געהאט אויסבאהאלטן. זיי ווערן נאכגעיאגט מיט א שיסעריי און מיט גראנאטן. די דייטשן האבן פארלוירן בערך 200 דער׳הרג׳עטע און פארוואונדעטע. אונזערע פארלוסטן — 1 קעמפער.

צוויי שעה שפעטער האבן די דייטשן אוועקגעשטעלט אויף דעם שטח צווישן די געטאס הארמאטן, פון וואנען זיי האבן געשאסן אויף אונזערע פאזיציעס. דער צוגאנג איז געווען פריי, די פאזיציעס זיינען גענומען געווארן. פלוצלינג האבן אנגעהויבן פאלן גראנאטן פון די פענסטער פון דער אנדערער זייט (זאמענהאף 29). דאס האט איינע פון אונזערע גרופן, וועלכע האט ביז איצט נישט געהאט געשאסן, אטאקירט די דייטשן דעם צווייטן מאל אויף דעם זעלבן ארט. די דייטשן האבן פארלוירן בערך 50 מאן. אונזער גרופע ציט זיך צוריק אן פארלוסטן.

5 נאכמיטאג זיינען שוין אין געטא נישט געווען קיין דייטשן. זיי האבן זיך צוריקגעצויגן אין די אומבאוואוינטע געגנטן. מיר האבן געהאט די איבערמאכט דערפאר, ווייל מיר האבן געהאנדלט פלוצלינג און שנעל, פון גוט־צוגעגרייטע, פארשטעלטע פאזיציעס.

דער צווייטער טאג פון דער אקציע האט זיך אנגעהויבן מיט א קאנ־

צענטראַציע פון גרעסערע אָפּטײלונגען פון ס.ס. אויף די ערטער צווישן די געטאָס און אין דעם אַרישן טייל. די הויפּט־כּוחות זיינען אָבער נאָך נישט אַריינגעגאַנגען אין די באַוואוינטע טיילן פון געטאָ. אַרום 3 אַזייגער נאָכמיטאָג דערנענטערט זיך אַן אָפּטײלונג פון 300 ס.ס. לייט צו דעם טויער פון דער געטאָ פון די בערשטן־מאַכער. זיי פאַרהאַלטן זיך אויף אַ ווײַלע. אָבער דאָס איז גענוג פאַר די קעמפער, אַז זיי זאָלן קאָנען אַריינשטעקן דעם עלעקטרישן קאָנטאַקט, און צווישן די ס.ס. לייט צינדט זיך גלייך אָן אַ מינע. די דייטשן אַנטלויפן, איבערלאָזנדיק 80־100 דער׳הרגע׳טע און פאַרוואונדעטע.

אין צוויי שעה שפּעטער קומען זיי צוריק איינציקווייז, פאָרזיכטיק אין אַ קאַמפּס־אָרדענונג. די אידישע קעמפער שטויסן זיי צוריק; 30 דייטשן זיינען אַריין, אָבער אַרויס זיינען נאָר 2. זיי זיינען געוואָרן אַטאַקירט מיט גראַנאַטן און אויפריים־פלעשער. ווער עס איז נישט אומגעקומען פון אַ גראַנאַט, איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. ערשט איצט האָבן די דייטשן אָנגעהויבן ברענגען אַרטילעריע און האָבן אַטאַקירט דעם בלאָק פון 4 זייטן. אין דער זעלבער צייט קומען אָן אויף דעם געביט 2 העכערע אָפיצערן פון ס.ס. זיי פאָדערן אויף די אידישע קעמפער אוועקצולייגן דאָס געוועער און שלאָגן זיי פאָר איבערצורייסן דעם קאַמף אויף 15 מינוט. אין גענפאַל דראָען זיי צו באָמבאַרדירן די געטאָ. דער ענטפער איז — שיסערייען. פון דער אַנדערער זייט פון בלאָק, פון דער פראַנציסקאַנסקאַ גאַס, דערנענטערט זיך אַן אָפּטײלונג פון ס.ס. אָבער זי איז ווייט נישט דערגאַנגען. זיי זיינען איבערגעשראָקן געוואָרן פון די שאָסן. און ווידער זעט מען נישט קיין דייטשן אין געגנט. דאָס איז דער צווייטער פולשטענדיקער נצחון פון די אידישע קעמפער.

דעם זעלבן טאָג האָט מען אין די וואַרשטאַטן פון טעבענס און שולץ געמאָלדן וועגן פרייוויליקער רעגיסטראַציע פאַר די אַרבעטס־לאַגערן. עס זיינען אָבער נישטאָ קיין קאַנדידאַטן — קיינער וויל זיך נישט מעלדן. אַלע איינוואוינער, אַזוי ווי אין צענטראַלן געטאָ — געפינען זיך אין אונטערערדישע באַפעסטיקונגס־פּונקטן. די דירעקציע פון די וואַרשטאַטן פאַרלענגערט יעדע עטלעכע שעה דעם טערמין פון פרייוויליקן אַרויספאָר. אָבער אויך דאָס העלפט נישט. נאָכדעם ווי זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן זיין געצוואונגען צו באַנוצן זיך מיט די זעלבע מעטאָדן, ווי אין צענטראַלן געטאָ, האָבן די קאַמפּס־גרופּן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף די שטחים, אַטאַקירט מיט גראַנאַטן און באָמבעס אַן אָפּטײלונג פון ס.ס. אויף דער אַרישער זייט. עס זיינען געווען 40 דער׳הרג׳עטע און אַ סך פאַרוואונדעטע. די קאַמפּס־גרופּן האָבן אויך אַטאַקירט דייטשע אָפּטיילונגען, וועלכע זיינען געגאַנגען צום צענטראַלן געטאָ — אויף די גאַסן נאַוואָליפּיע און סמאַטשאַ.

אויפן באפעל פון דעם פאליציי־פירער גלאבאצניק פון לובלין, וועל־כער איז ספעציעל אראפגעבראכט געווארן קיין ווארשע אין דער צייט פון דער אקציע, האבן די דייטשן שוין אין צווייטן טאג אנגעהויבן אונטער־צינדן די געטא. אין דער ערשטער רייע האבן זיי אונטערגעצונדן די הייזער און די בלאקן פון די הייזער, אין וועלכע זיי האבן געטראפן א ווידערשטאנד: נאלעווקי 33, 37, מילא 28, 19, זאמענהאף 28. שפעטער האבן זיי אונטערגעצונדן דעם גאנצן ברעשטן־בלאק (דאס איז געווען די ערשטע גרויסע שריפה). די אידישע קעמפער האבן געענט־פערט מיט אונטערצינדן אלע מאגאזינען „פון ווערטערפאסונג" און דעם מאגאזין פון די ווארשטאטן אין דער ווערט פון עטלעכע צענדליק מי־ליאנען זלאטעס.

די אקציע האט ווייטער אנגעהאלטן. די דייטשן נעמען זוכן די אידישע באפעסטיקונגס־פונקטן. עס קומט זיי אן לייכטער דערפאר, ווייל צוליב די גרויסע שריפות גייען ארוים די מענטשן ביינאכט אויפן הויף. די איבערגעבליבענע צייכנס ווייזן זיי דעם וועג צו דעם באפעסטיקונגס־פונקט. די דייטשן באנוצן זיך מיט די אונטערהער־אפאראטן און שפיר־הינט.

אין דער צייט ענדערן די קעמפער זייער אנפאל־טאקטיק אויף א פארטיידיקונגס־טאקטיק. זיי ווילן דערמיט העלפן ווי ווייט מעגלעך די מענטשן און די באפעסטיקונגס־פונקטן. די קאמפס־גרופן ווערן אריבער־געווארפן פון איין פונקט צו דעם אנדערן. אייניקע פון זיי ווערן באַ־שטימט צו היטן די באפעסטיקונגס־פונקטן.

אויפן 16טן טאג פון דער אקציע האבן זיך אנגעהויבן די פאר־טיידיקונגס־קאמפן אין דער געגנט פון די פאבריקן פון טעבענס און שולץ. די קעמפער האבן זיך באפעסטיקט אין די הייזער און אויף די בוידעמס, נישט צולאזנדיק די דייטשן צו די באפעסטיקונגס־פונקטן. טאג־איין, טאג־אוים האבן די קעמפער פארטיידיקט די באפעלקערונג און די באַ־פעסטיקונגס־פונקטן אין פארשיידענע גאסן. זעהר שווערע קאמפן זיינען פארגעקומען אויף נאוואליפקי 31, לעשנא 78, 76, 74, נאוואליפיע 67, 69. די קאמפס־גרופן האבן געפירט נישט נאר א פארטיידיקונגס־אקציע, נאר זיי זיינען אויך אריבערגעגאנגען צו אן אנגריף. יעדעס מאל, ווען די דייטשן האבן געפרואווט פונדאסניי זיך אריינרייסן אין געטאס, האבן זיי זיך געמוזט צוריקציען. זיי זיינען געווארן צוריקגעשטויסן דורך די העלדישע פארטיידיקער. אויסער דעם האבן די דייטשן איבערגעלאזט אויף דעם שלאכטפעלד הונדערטער דער'הרג'עטע.

שעמענדיק זיך מיט זייערע כסדר'דיקע מפלות, האבן די דייטשן פארשפרייט א קלאנג, אז דייטשע דעזערטירן פירן אן מיט דער פארטיי־דיקונג פון געטא. די געטא האט אבער דאך געמוזט איינגענומען ווערן.

די דייטשן האָבן אַראָפּגעבראַכט אַרטילעריע און האָבן אָוועקגעשטעלט שווערע האַרמאַטן אויף פּלאַץ קראַשינסקי, פּלאַץ מוראַנאָווסקי און אויף די גאַסן שוויענטאָיערסקאַ און באָניפראַטערסקאַ. ס'האָט זיך אָנגע־הויבן אַ פּאַרמעלע באַלאַגערונג פון געטאָ. די האַרמאַטן האָבן פּאַרשפּרייט טויט צווישן דער באַפעלקערונג. עראָפּלאַנען האָבן אַראָפּגעוואָרפן אויפן געטאָ אויפרייס־ און צינד־באָמבעס. די גאַנצע געגנט, אונטערגעצונדן פון אַלע זייטן, איז געווען איינגעהילט אין פלאַמען. טויזנטער מענטשן זיינען אומגעקומען. פּאַרצווייפלטע אידן האָבן זיך געוואָרפן פון די העכ־סטע הייזער־שטאָקן אויף דער גאַס. די, וועלכע זיינען געבליבן לעבן, זיינען אומגעקומען פון די דייטשע קוילן.

די אידישע קאַמפּס־גרופּן, זייענדיק געצוואונגען צו פאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס צוליב די גרויסע שריפות, האָבן געמוזט ענדערן זייער טאַקטיק. זיי האָבן אָרגאַניזירט פּאַרטיזאַנען־גרופּן צווישן די חורבות, וואו זיי האָבן געטשאַטשעוועט אויף די דייטשע אָפּטיילונגען. די קאַמפן האָבן געדויערט אַן איבעררייס ביי טאָג און ביי נאַכט. די דייטשן האָבן געמוזט איינגעמען יעדע גאַס, יעדעס הויז. די לאַגע איז געוואָרן וואָס אַמאָל שווערער, נישט אויסצוהאַלטן. צווישן די קעמפער זיינען קיין קרבנות כמעט נישט געווען. די אויסגעמאַטערטע פּונם כסדר'דיקן קאַמף האָבן אָבער נישט געהאַט וואו זיך אויסצובאַהאַלטן, ווייל די געטאָ האָט געברענט. פון די גרויסע היצן איז דער אַספאַלט צעגאַנגען און איז פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פליסנ־דיקער סמאָלע־מאַסע. עס זיינען פּאַרברענט געוואָרן אַלע שפּייז־רעזערוון. די ברונעמס, וועלכע זיינען מיט גרויס מי און מאַטערניש אויסגעגראָבן געוואָרן, זיינען פּאַרשיט געוואָרן מיט שטיינער און ציגל פון די איינפאַלנ־דיקע הייזער. דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס ער האָט זיך אויסגעלאָזט דער רעזערוו פון אַמוניציע.

אין קליינע גרופּן האָבן זיך די אידישע קעמפער אָנגעטאָן אין העלמען און אין דייטשע יוניפאָרמס און האָבן אַרומגעוויקלט די פיס מיט שמאַטעס, כדי צו דערשטיקן דעם אָפּקלאַנג פון זייערע טריט — אַזוי האָבן זיי זיך גערוקט ביסלעכווייז איבער די גאַסן און אַטאַקירט די דורכמאַרשירנדע דייטשן, וועלכע האָבן זיך וואָס זעלטענער באַוויזן. די דייטשן האָבן געפירט דעם קאַמף מיט עראָפּלאַנען און אַרטילעריע, וועלכע זיי האָבן אָוועקגעשטעלט אַרום די מויערן פון געטאָ.

נאָך אַ גענויער באַטראַכטונג פון דער לאַגע האָט די אָנפירונג פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע באַשלאָסן אַרויסצושיקן פּאַרשטייער אין דעם אַרישן טייל פון שטאָט, כדי אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דעם פּאַרשטייער פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך דאָרט אויפגעהאַלטן. (אַ טאָג פאַרן אָנהויב פון דער אַקציע איז דעלעגירט גע־וואָרן אין דעם אַרישן טייל יצחק . . . . אויפן אָרט פון אריה ווילנער,

וועלכן די דייטשן האָבן געכאַפּט. ווילנערן איז געלונגען צו אַנטלויפן פון דעם „פּאוויאַק"־געפענגעניש און ער האָט זיך געמוזט צוריקקערן אין געטאָ). מיט אייגענע כוחות איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רעטונגס־אַקציע. דער שליח פון געטאָ, שמחה ר־ער, איז דעם 18־טן מאַי ביינאַכט צוריק־געקומען אין געטאָ אַריין, כדי צו ראַטעווען דאָרט מענטשן — אָבער עס איז געווען צו שפּעט.

מיט דער הילף פון ספּעציעלע אַפּאַראַטן און פּאָליציייאישע הינט זיינען די דייטשן צוגעטראָטן אויפצודעקן די אידישע אונטערערדישע באַפעסטיקונגס־פּונקטן. דעם 8־טן מאַי האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם הויפּט־באַפעסטיקונגס־פּונקט פון דער אידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און האָבן אָפּגעשלאָסן אַלע 5 אַריינגאַנגען, וואָס האָבן געפירט צו דעם פּונקט. צוליב דער הילפסלאָזער לאַגע, כדי נישט אַריינצופאַלן לעבעדי־קערהייט אין די הענט פון די דייטשן, האָט אריה ווילנער אויפגעפאָדערט די קעמפער צו באַגיין זעלבסטמאָרד. לוטעק ראָטבלאַט האָט פריער דער־שאָסן זיין מוטער און דערנאָך זיך אַליין. אין דעם באַפעסטיקונגס־פּונקט איז אומגעקומען די מערהייט מיטגלידער פון דער אידישער קאַמפס־אָר־גאַניזאַציע מיט דעם קאָמאַנדאַנט מרדכי אַנילעוויטש אין דער שפּיץ.

מיר האָבן אָפּגעראַטעוועט פון געטאָ בערך 80 מענטשן, אָבער די מערסטע פון זיי זיינען אומגעקומען אין אַרישן טייל פון וואַרשע און אין די וועלדער. די גרופּן פון יוסף פאַרבער און זכריהו אַרצשטיין, מיט וועלכע עס איז נישט געלונגען אַנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט — האָבן נאָך גע־קעמפט אין געטאָ וואָכן־לאַנג. שפּעטער האָבן מיר גאָרנישט געהערט וועגן זיי.

נאָך דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע און די פאַרטיידיקונג פון די געטאָס אין טשענסטאָכאָוו, בענדין, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט. דער העלדיש־סטער און פאַרביסנסטער קאַמף איז פאָרגעקומען אין ביאַליסטאָק, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער דאָרטיקער אָפּטיילונג פון דער אידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. אַ דאַנק דער הילף פון וויצע־פאָרזיצער פון דעם אידישן ראַט אין ביאַליסטאָק, באַראַש, וועלכער האָט געגעבן דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע רוי־מאַטעריאַלן און געשטעלט צו איר דיספּאָזיציע פּיראָ־טעכניקער — האָט מען פּראָדוצירט אין געטאָ גראַנאַטן און פאַרשיידענע פּליסיקייטן, וואָס זיינען געווען נויטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג.

אין שפּיץ פון די אָפּטיילונגען פון דער אידישער קאַמפס־אָרגאַני־זאַציע אין ביאַליסטאָק איז געשטאַנען מרדכי טענענבוים.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס איז פאָרגעקומען אויף דער פאַבריטש־נער גאַס. די שאַרפסטע קאַמפן זיינען געפירט געוואָרן ביי דער ביאַלאָ־סטאָטשאַנסקאַ גאַס, וואו אידן האָבן געקעמפט מיט מאַשין־געווער. די

דייטשן האָבן באַנוצט אין דער אַקציע, אַזוי ווי אין וואַרשע, געפּאַנצערטע געווער און פעלד־אַרטילעריע. די פאַרביסענע קאַמפן האָבן אָנגעהאַלטן 8 טעג. דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד מצד די אידן האָט אָנגעהאַלטן איבער אַ מאָנאַט. די אידן האָבן דער׳הרג׳עט אָדער שווער פאַרוואונדעט עטלעכע הונדערט דייטשן און אוקראַינער. די אידן האָבן געקעמפט מיט אויסערגעוויינלעכער אַנטשלאָסנקייט. זיי האָבן אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביי דער באַפעלקערונג פון דער גאַנצער שטאָט און פון גאַנצן דיסטריקט. כדי צו צעברעכן דעם ווידערשטאַנד פון די אידישע קעמפער אין ביאַליסטאָק, האָבן די דייטשן, אַזוי ווי אין וואַרשע, אונטערגעצונדן די געטאָ פון אַלע זייטן. די געטאָ איז פולשטענדיק פאַרברענט געוואָרן.

די גאַנצע באַן־שטרעקע צווישן ביאַליסטאָק, מאַלמין און טרעבלינקע איז געווען אויסגעלייגט מיט טויטע קערפּערס פון די אַנטלאָפענע, וועלכע זיינען געשפּרונגען פון די וואַגאָנעס. פון די דעבער פון די וואַגאָנעס האָבן די אוקראַינער אַז אויפהער געשאָסן פון מאַשין־געווער אויף די אַנטלויפּטנדיקע. בלויז געציילטע יחידים איז געלונגען צו אַנטלויפן און צו באַהאַלטן זיך אין די דערפער און אין די וועלדער. מיט גאָלדענע אותיות וועט פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון אידישן ווידערשטאַנד די פאַרניכטונג פון 2 גרויסע טויט־לאַגערן אין טרעבלינקע און סאָביבאָר דורך אידישע פאַר׳משפּט׳ע. דער קאַמף אין טרעבלינקע באַשרייבט איינער פון די, וועלכער איז דאָרט געווען אין זיין אויטענטישן רעפּאָרטאַזש „אַ יאָר אין טרעבלינקע״.

דער קאַמף אין סאָביבאָר, לעבן כעלם, אין לובלינער דיסטריקט, האָט געהאַט פאָלגענדן פאַרלויף. די איבערגעבליבענע 600 אידען אין דעם טויט־לאַגער האָבן זיך אָרגאַניזירט אין קאַמפס־גרופּן צו 5 מאַן און אין דעם אָפּגערעדטן טערמין האָבן זיי אָנגעהויבן די קאַמפס־אַקציע. דעם 14־טן אָקטאָבער 1943 האָבן די אידן אויסגע׳הרג׳עט אַלע דייטשע מיליטערישע גרופּן, האָבן אונטערגעצונדן דעם קרעמאַטאָריום, די גאַז־קאַמערן, די וואוינונגס־באַראַקן און קליידער־באַראַקן, האָבן איבערגעריסן די דראָטן אַרום דעם לאַגער און זיינען אַנטלאָפן אין די שכנות׳דיקע וועלדער. בערך 220 מענטשן זיינען אומגעקומען, ווען זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך דעם אונטערמינירטן שטח לעבן די דראָטן. אויפן צווייטן טאָג האָבן די דייטשן געכאַפּט בערך 60 אידן, וועלכע זיי האָבן אויפן אָרט דערשאָסן. די איבעריקע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און אין די דערפער.

אַ דאַנק דער הילף פון דער וואַרשעווער אידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָבן די אידישע קאַמפס־גרופּן אין טשענסטאָכאָוו (אין קאַמף האָט זיך דאָרט אויסגעצייכנט מאַרעק פאָלמאַן), בענדין און אין טראָוו-

ניקי געשטעלט די דייטשן א ווידערשטאנד אין די טעג פון דער ליקווי־דאציע פון די אידן אין די דאזיקע שטעט. זיי האבן זיך פארטיידיקט ביז דעם לעצטן רעוואלווער־שאס. א קליין הייפעלע מיטגלידער פון דער אידי־שער קאמפס־ארגאניזאציע אין טשענסטאכאוו, וועלכער עס איז געלונגען זיך צו ראטעווען, געפינט זיך אין די וועלדער.

טראץ די שווערסטע באדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבן, און טראץ דער גרויסער צאל קרבנות, וועלכע מיר האבן באצאלט אלס קאנספיראַ־טיווע טוער און אלס אידן — פירט אז די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע ווייטער איר טעטיקייט, צוגרייטנדיק די יוגנט און די איבעריקע אידישע קיבוצים צו האפנונגסלאזע קאמפן, וועלכע וועלן זיכער קומען.

# ראַפּאָרט פון קעמפער שמחה ר. וועגן דער פאַרטיידיקונג אין דער צענטראַלער וואַרשעווער געטאָ

## 1 — די פאַרטיידיקונג פון בערשטן-שטח

זונטאָג, דעם 18־טן אַפּריל, 12 ביינאַכט, וועקט אונז פּלוצלינג אויף דער אַלאַרם־גלאָק פון אונזער וואַך. מיר רייסן זיך אַלע פון די ערטער. מיר טוען זיך שנעל אָן און פאַרנעמען אונזערע פּאָזיציעס. אונזער קאַמפּס־גרופּע ווערט אָנגעפירט דורך הנוך גוטמאַן, אויף וואָלאָווע גאַס. צו אונזער גרופּע געהערן: צבי איידעלשטיין, שלאָמעק שוסטער, דבורה באַראַן, צפּורה לערער, פּאַיציא ראַבאָוו, אַדאָלף האָפּבערג, יוסף אַבערשטיין, יאַשינסקי, באַשיא סילמאַן, שלאָמעק אַלטערמאַן, אברהם אײגער און איך. דאָס אַלץ, צו וועלכן מיר האָבן זיך געגרייט, איז געקומען. דער בערשטן־שטח איז געווען אַרומגעשטעלט מיט זשאַנדאַרמען און אוקראַינער. מיין פּאָזיציע איז אויף דעם באַלקאָן, וואָס גייט אַרויס אויף דער וואָלאָווע גאַס. אויף דער אַנדערער זייט פון מויער זעט מען דייטשן און אוקראַינער, וועלכע שיסן צו אונז — בלויז פאַר צייט־פאַרטרייב — אין אונזערע פענסטער אַריין. מיר האָבן אַ באַפעל נישט צו פּראָוואָצירן. פיר באַגינען הויבט זיך אָן דורך דעם איינגאַנג פון נאַלעווקי גאַס דער מאַרש פון די היטלעריסטן אויף דעם געביט פונם צענטראַלן געטאָ. זיי גייען און גייען אָן אָן אויפהער. עטלעכע טויזנט מאַן. הינטער זיי שלעפּן זיי עטלעכע טאַנקען, געפּאַנצערטע אויטאָס, קליינע האַרמאַטן און עטלעכע הונדערט ס.ס.־לייט אויף ראָווערן.

„זיי גייען ווי אויף אַ מלחמה" — זאָג איך צו מיין חבר'טע צפּורה, וועלכע שטייט אויף דער פּאָזיציע. און פּלוצלינג דוכט זיך מיר אויס, אַז מיר זיינען זעהר שוואַך: וואָס וועלן מיר טאָן געגן אַזאַ באַוואָפנטער אַרמיי, געגן טאַנקען, געגן די געפּאַנצערטע אויטאָס, אין דער צייט, ווען מיר האָבן נאָר אין בעסטן פאַל — גראַנאַטן. מיר פאַרלירן אָבער נישט דעם מוט. מיר וואַרטן אויף אונזערע מערדער, כדי ענדלעך מיט זיי זיך אָפּצורעכענען. פון דעם צענטראַלן געטאָ דערגייט שוין צו אונז אַ קלאַפּעריי פון מאַשין־געווער, פון געפּלאַצטע גראַנאַטן און אַ שיסעריי פון האַנט־מאַשין־געווער. מיר דערקענען יעדן שאָס: דאָס איז אַ דייטשער שאָס, דאָס איז אונזער שאָס, דאָס איז אונזער מינע, דאָס איז אונזער גראַנאַט. אויף אונזער שטח גייט דער טאָג אַדורך רואיק.

פארנאכט קומט אן א בריוו פון דייטשן פאבריקאנט טעבענס, אין וועלכן ער רופט אלע צו שטעלן זיך צו דער ארבעט, ווייל אויף דעם בערשטן־שטח וועט נישט פארקומען קיין שום אקציע. אביסל שפעטער פארלאזן מיר אונזערע פאזיציעס, מיר לאזן איבער אונזערע וואכן און גייען אין דער ריכטונג פון דעם וואוין־ארט פון אונזער גרופע. מיר זיינען שוין גרייט א פאר טעג, אבער היינט איז אן אויסנאם־צושטאנד. יעדער האט מיט זיך געווער און אמוניציע, וועלכע זיינען אים צוגעטיילט געווארן.

## 2 — דינסטאג

דריי בייטאג. איך שטיי גראד אויף דער וואך ביים אבסערוואציע־פונקט, וואו ס׳געפינט זיך דער קאנטאקט, וואס איז פאראייניקט מיט דער מינע. פון דער פראנציסקאנסקא גאס קומט אן אויף דער וואלאווע גאס אויף אונזער שטח א דייטשע אפטיילונג פון 300 מאן. אין דער זעלבער רגע כאפ איך מיט איין האנט דעם קאנטאקט און מיט דער אנ־דערער האנט דריק איך דעם אלארם־גלאק. דער קאמאנדאנט קומט צו לויפן צו מיר. די דייטשן דערנענטערן זיך, זיי זיינען שוין הארט ביי דעם הויפט־טויער. פלוצלינג הערט מען א שרעקלעכע דעטאנאציע. איך זע, ווי עס פליען באזונדערע קערפערס, הענט און פיס. עס זיינען בערך 80 ־ 100 דער׳הרג׳עטע. די איבעריקע דייטשן ציען זיך צוריק אין א פאניק. מיר פארנעמען דערווייל אונזערע פאזיציעס. מיר ווארטן. עס גייט אוועק א שעה, צוויי. די דייטשן פארזאמלען זיך דערווייל, באראטן זיך. עס זיינען געקומען צו פארן עטלעכע העכערע אפיצערן. פלוצלינג הערן מיר קולות ביים טויער. די דייטשן שיטן זיך אריין אין הויף. זיי גייען איינציקווייז. זיי קוקן אוים דערשראקן און האלטן גרייט די ביקסן צו שיסן. זיי גייען נישט, זיי לויפן שנעל ביי די מויערן פון די הייזער. מיר לאזן זיי דורך, — מיין חבר און איך, — די ערשטע 6 דייטשן, ווייל עס איז אונז א שאד דער גראנאט פאר אזא קליין הייפעלע. נאך זיי דרינגט אריין א גאנצע באנדע. מיר האבן 2 גראנאטן פון איי־גענער אויסארבעטונג, 10 צינד־פלעשער, און רעוואלווערן. „שלאמעק, צינד אן!" — שריי איך צו מיין חבר און ווארף דעם גראנאט אין דער מיט פון דער גאנצער באנדע. מען הערט קנאקן . . . עטלעכע טויט. איך ווארף די פלעשער און עטלעכע דייטשן ווערן ארומגענומען מיט פלאמען. מיר ווערן באשאטן מיט א האגל פון קוילן. היות אז מיר האבן נאך איין גראנאט, ציען מיר זיך צוריק און פארנעמען די פא־זיציעס צוזאמען מיט אנדערע קעמפער. פלוצלינג ווערט שטיל. די דייטשן זיינען אנטלאפן. א האלבע שעה שפעטער ווייזן זיי זיך נאכאמאל. אויך דאס מאל ווערן זיי אויפגענומען מיט צינד־פלעשער און גראנאטן. ס׳קומט

פֿאַר אַ גענגזייטיקע שיסעריי. די דייטשן ציען זיך צוריק, איבערלאָזנדיק אַ סך דער׳הרג׳עטע און פֿאַרוואונדעטע. איינער פֿון די דייטשן האָט באַמערקט איינע פֿון אונזערע חברות אויף דער פּאָזיציע און האָט אָנגעהויבן צו שרייען צו זיינע חברים: „האַנס, אַ פֿרוי!” זיי הויבן אָן איר צו באַשיסן, אָבער זי ציט זיך נישט צוריק. זי האָט זיי אויפֿגענומען אויף אַ געהעריקן אופֿן. אַ קעמפֿער, וועלכער איז געשטאַנען אויף זיין פּאָזיציע אויפֿן בוידעם, האָט באַשאָסן די דייטשן לענג אויס די מויערן. טראָץ דער געדיכטער שיסעריי פֿון די דייטשן האָט אונזער חבר דער־הרג׳עט 6 פֿון זיי. אויף דעם הויף פֿון בלאָק אויף שוויענטאָיערסקאַ 32 — וואַלאָווע 6 באַוויזט זיך דר. לאַאָס, איינער פֿון די דירעקטאָרן פֿון דער בערשטן־פֿירמע, מיט צוויי דייטשן אין מונדירן. זיי גיבן אונז צייכנס מיט די ביקסן. זיי ווילן אויף אַזאַ אופֿן אונטערשטרייכן זייערע פֿרידלעכע אינטענצן. דר. לאַאָס פּאָדערט אויף די קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע אַוועקצולייגן דאָס געווער במשך פֿון 15 מינוט. מיר ענטפֿערן מיט אַ שיסעריי. איין דייטש ווערט דער׳הרג׳עט, דר. לאַאָס אַנטלויפֿט. ס׳הויבט זיך אָן אַ פֿאָרמעלע באַלאַגערונג.

## 3 — די באַלאַגערונג

הארמאַטן שיסן. מען הערט דאָס קלאַפּן פֿון מאַשין־געווער און פֿון גראַנאַטן. קוילן שיטן זיך, ווי אַ האָגל פֿון הימל. מיר שטייען אַלע אויף אונזערע פּאָזיציעס, אָבער דעם שונא זעט מען נישט. מיר זיינען פֿאַרצווייפֿלט. נישטאָ מיט וועמען צו קעמפֿן. די דייטשן האָבן פֿאַרנומען פּאָזיציעס ביי די אויסערלעכע טיילן פֿון די מויערן און באַשיטן אונז מיט אַ האָגל פֿון קוילן און גראַנאַטן. פּלוצלינג ווערט אונזער הויז אַרומגענומען מיט פֿלאַמען. מיר ווערן אַרויסגעשטופּט דורך דעם רויך און פֿייער און מיר זיינען געצוואונגען צו פֿאַרלאָזן אונזערע פּאָזיציעס. דריי חברים דעקן אונזער צוריקטריט, מיר ציען זיך צוריק צום באַפֿעסטיקונגס־פּונקט אויף שוויענטאָיערסקאַ 24. דאָס איז דער זאַמלפּונקט פֿון אַלע קאַמפֿס־גרופּן, וועלכע אָפּערירן אויפֿן בערשטן־שטח. מיר טרעפֿן אָבער דאָרט בלויז איין גרופּע. צוויי גרופּן פֿעלן. נאָך אַ קורצער באַראַטונג פֿון אונזערע ביידע גרופּן ווער איך באַשטימט אַלס קאָמאַנדאַנט פֿון דער וואַך. איך באַשטים תּיכּף מענטשן אויף פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס. אַלע מעלדן זיך אָבער פֿרייוויליק און מיר פֿאַרלאָזן אונזער אָרט, כּדי אָפּצוזוכן אונזערע חברים. אויפֿן וועג קומען פֿאָר צוזאַמענשטויסן מיט די דייטשן, אָבער אונז געלונגט נישט אַנצוקניפּן מיט זיי אַ קאָנטאַקט. מיר פּרובירן עטלעכע מאָל אָנצוקניפּן אַ פֿאַרבינדונג מיט די דערמאָנטע גרופּן, אָבער — אָן רעזולטאַט. 11 ביינאַכט

זיינען מיר ארויס זאלבעדריט: דער קאמאנדאנט פון בערשטן־שטח — מארעק, דער פירער פון מיין גרופע — העניעק גוטמאן, און איך. אויפן בוידעם געפינען מיר דעם טויטן קערפער פון אונזער חבר מיכאל קלעפפיש, וועלכער איז אומגעקומען פון קוילן פון מאשין־געווער. מיר זוכן אין זיינע קליידער, אבער זיין רעוואלווער האבן מיר נישט געפונען. ווארשיינלעך האבן די דייטשן אים צוגענומען. אויפן ווייטערדיקן וועג האבן מיר זיך אנגעטראפן אויף א פאטראל פון אונזערע 2 גרופן, וועלכע האבן אויך אונז געזוכט. אלע צוזאמען גייען מיר אין דעם באפעסטיקונגס־פונקט אויף שווענטאיערסקא 34. די באפעלקערונג אין דעם פונקט נעמען אונז אויף זעהר הארציק. אלע דערקלערן, אז זיי ווילן אריינטרעטן אין דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע. אבער ליידער קאנען מיר נישט דערפילן זייערע בקשות, ווייל מיר האבן אפילו נישט קיין געווער פאר אונזערע קעמפער. אלע זיינען באהערשט מיט א ווילן צום קאמף. עס דערגייען צו אונז כסדר קלאפערייען פון פלאצנדיקע גראנאטן און אן אומאויפהערלעכע קאנאנאדע פון מאשין־געווער. א גאנצע נאכט זיינען מיר פארנומען מיטן רייניקן אונזער געווער, קאנטראלירן די אמוניציע־רעזערוון און די גראנאטן פון אונזער אייגענער קאנסטרוקציע. נאכדעם רואין מיר זיך אביסל אפ.

## 4 — א גאנצן טאג מיטוואך

אונזערע קעמפער פאטראלירן דעם גאנצן שטח, אבער די דייטשע באווייזן זיך נישט. פארנאכט קומען צו אונז מענטשן פון דעם דאזיקן געביט. זייערע באפעסטיקונגס־פונקטן זיינען געווארן פארברענט. ס׳זיינען אפילו פאראן קרבנות. זיי זיינען פארברענט געווארן לעבעדיקערהייט. דער גאנצער שטח איז ארומגענומען מיט פלאמען. מיר האבן באשלאסן דורכצורייסן זיך אויף דעם שטח פונם צענטראלן געטא. מיר פארזאמלען זיך צוזאמען. מיר שטעלן זיך אוים אין רייען און גייען ארויס אויפן הויף. דאס דאזיקע בילד וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן, כל זמן איך וועל לעבן. די נאכט איז א פינסטערע, אבער דא איז ליכטיק ווי אין א העלן טאג. מען הערט נאר דעם רעש פון ברענענדיקע הייזער. מיר זיינען ארומגעגאנגען מיט פלאמען. מיר גייען דורך ברענענדיקע געשעפטן. די היץ פון די שריפות איז נישט צו באשרייבן. די הויפנס גלאז אויפן הויף ווערן צעגאנגען פון היץ. מיר לויפן דורך איינציקווייז מיט נאסע טיכלעך אויף אונזערע ליפן דורכן הויף. ענדלעך זיינען מיר אריינגעקומען אויפן שטח פון הויף אויף פראנציסקאנסקא 21. אונזער ציל איז דורכרייסן זיך אין הויז אריין אויף פראנציסקאנסקא 20. מיר דארפן נאך דורכגיין דעם ברוק. ס׳דוכט זיך, אז עס איז א לייכטע

אויפגאבע. דער מויער, וואס ציט זיך לענג אויס אויף דער באניפראַ־טערסקא גאס ביים עק פראַנציִשקאַנסקא, איז פאַרניכטעט. דער מויער, וועלכער גרעניצט אַפ דעם בערשטן־שטח פון דעם נייטראַלן פאס, איז אויך צעשטערט, און צווישן זיי שטייען פאַטראָלן פון לעטען, אוקראַינער, אויך בעשטערט, און צווישן זיי שטייען פאַטראָלן פון לעטען, אוקראַינער, דייטשן און פאַליאקן. איין גרופע פרובירט זיך דורכצורייסן. זי קומט אָבער צוריק און דערקלערט, אַז אין די צעשטערטע ערטער איז אוועקגע־שטעלט געוואָרן מאַשין־געווער. צוליב דעם האָבן אונזערע קאָמענדאַנטן באַשלאָסן פונאַנדערצוטיילן די גרופן. די גרופע פון פראַשקערן גייט אין דער ריכטונג פון בערשטן־שטח — און מיר האָבן אַ באַפעל זיך דורכצו־רייסן. גוטמאַנס גרופע גייט די ערשטע. די גרופע טיילן מיר אויף צוויי פּיפּטלעך. שלאָמעק און איך גייען אַרויס אויסצושפּירן די לאַגע. שלאָמעק בלייבט ביים טויער, איך גנב'ע זיך דורך צום צעשטערטן מויער, קוק זיך גוט אַרום, גיב אַ צייכן, און דאָס ערשטע פּיפּטל איז אַדורך. כ'וואַרט עטלעכע מינוט, גיב אַ צווייטן צייכן — דאָס אַנדערע פּיפּטל גייט אַדורך און איך נאָך זיי. שפּעטער זיינען אַדורך די גרופן פון מאַרעק און פון בערלינסקין. דאָס געטאָ זעט אויס כמעט אַזוי ווי דער בערשטן־שטח. מיר זיינען אוועק צום באַפעסטיקונגס־פּונקט אין די פּראַוויאַנט־אַנ־שטאַלטן אויף פראַנציִשקאַנסקא גאס.

## 5 — דאָנערשטאָג און ווייטערדיקע טעג

מיר רוען אַפ דעם גאַנצן טאָג, דאָנערשטאָג. ביינאַכט פון דאָנערש־טאָג אויף פרייטאָג גייט אַרויס אַ פּאַטראָל, כדי אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די גרופן, וועלכע זיינען טעטיק אויף דעם שטח פון צענטראַלן געטאָ. צוויי פון אונזערע מענטשן זיינען אַרויס אין דער ריכטונג פון גענשאַ גאַס. יורעק און איך גייען אין דער ריכטונג פון נאַלעווקי גאַס. די גאַס איז פאַרוואָרפן מיט מתים. מיר שפּרינגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן, ווייל מיר ווילן נישט טרעטן אויף די מתים. אויף נאַלעווקי 36 האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף דער קאַמפּס־גרופע אונטער דער לייטונג פון לוטעק ראָטבלאַט. פון דעם מאָמענט אָן האָבן מיר אַ סטאַבילן קאָנטאַקט מיט דער קאָמאַנדע פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און מיט אַלע גרופן. עס קומען נישט פאָר קיין שום גרויסע שלאַכטן, נאָר פון צייט צו צייט קומען פאָר צוזאַמענשטויסן מיט די פּאַטראָלן. אויפן דריטן טאָג פון אונזער זיין אין די פּראַוויאַנט־אַנשטאַלטן זיינען מיר געוואונגען גע־צוואונגען צו פאַרלאָזן דעם דאָזיקן באַפעסטיקונגס־פּונקט, וועלכער האָט אונז געדינט אַלס אַ באַזע פאַר אַן אַטאַקע. מיר טראָגן זיך איבער אין דעם נייטראַלן פאַס. אויך דאָ זיינען מיר געצוואונגען צו פאַרלאָזן דעם באַפעסטיקונגס־פּונקט צוליב די גרויסע פייערן און צוליב דעם גרויסן

רויד. די סיטואַציע אין די באַפעסטיקונגס־פּונקטן איז אַ פאַרצווייפלטע און אַ האָפנגענונגסלאָזע. עס האָט ממש געפעלט לופט, וואַסער און שפּייז.

טעג גייען פאַרביי: ס'איז שוין דער צענטער טאָג פון דער אַקציע. די געטאָ איז פאַרברענט. איבעראַל, אויף די גאַסן, אין די הויפן און אין די קעלערן ליגן פאַרקוילטע קערפּער. מענטשן זיינען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. אין אָנבליק פון דער געפערלעכער סיטואַציע און אין אָנבליק פון נישט קאָנען קאָנטינואירן ווייטער דעם קאַמף, זיינען מיר געווען געצוואונגען, צוליב דעם פולקאָמענעם מאַנגל פון אַמוניציע, צו־ליב דעם מאַנגל פון וואַסער און שפּייז און צוליב דער אוממעגלעכקייט פון צוזאַמענטרעפן זיך מיטן שונא, וועלכער האָט זיך נישט געפינען אויפן שטח פון געטאָ און האָט אַלץ צעשטערט מחוץ פון דעם שטח — צו פאַרטראַכטן זיך ווי אַזוי אַרויסצוקריגן אונזערע מענטשן אין וואַלד אַריין, כדי צו קאָנען קאָנטינואירן אונזער קאַמף.

## 6 — מיר זוכן קאָנטאַקט מיטן אַרישן טייל

דעם 19־טן אַפּריל האָט אונזער קאָמאַנדע, וועלכע איז באַשטאַנען פון מרדכי, צביה, מאַרעק, מיכאל, און בערלינסקי — באַשלאָסן אַרויס־צושיקן זיגמונטן און מיך, כדי אָנצוקניפּן קאָנטאַקט מיט דעם קאָמאַנ־דאַנט פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַנטעק, וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם אַרישן טייל. ביינאַכט, דעם 29־טן אויפן 30־טן אַפּריל, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין, פריער אויף דער מוראַ־נאָווסקאַ גאַס און שפּעטער פון דאָרט דורך אַ טונעל אין דעם אַרישן טייל אַריין. ס'האָבן אונז באַגלייט אַדאָלף און לאָלעק. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט אונזערע חברים. מיר זיינען אַרויף אויפן בוידעם, וואו מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן ביז באַגינען. באַגינען האָבן מיר באַמערקט מתים אויף דעם שכנות'דיקן דאַך. מיר לויפן אַרויס אויפן הויף, וואו אַלע שויבן זיינען געווען אויסגעהאַקט און איבעראַל זיינען געליגן אויסגע־שאָסענע קוילן פון רעוואָלווערן און ביקסן. ס'האָט אונז געדוכט, אַז דאָס הויז איז ניט באַוואוינט. ס'איז אונז שווער צו אָריענטירן זיך, וואו מיר געפינען זיך. מיר האָבן באַשלאָסן אַראָפּצוגיין און אַרויסצו־קוקן אויפן גאַס. אין דעם מאָמענט טרעפן מיר אַ פּוילישן טראַמוויי־אַרבעטער. מיר ווערן געוואָר פון אים, אַז אין דעם דאָזיקן הויז האָבן די דייטשן אַנטדעקט 60 אידן. עס איז אוממעגלעך אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. מיר האָבן אים דערציילט אַ מעשה'לע, אַז מיר זיינען זונטאָג ביינאַכט געגאַנגען אין געטאָ אַריין נאָך אַלטע קליידער, אַז מיר זיינען אַריינגעפאַלן און אַז ערשט איצט איז אונז געלונגען פון דאָרט זיך אַרויס־צובאַקומען. ער האָט אונז גראַטולירט, געדריקט אונזערע הענט און גע־

זאָגט, אַז מיר וועלן קאָנען פון אַלעמען אַנשרייבן אַ גאַנצן בוך. עס האָט אונז דערקענט אַ „שמאַלצאָווניק" (אַ שאַנטאַזשיסט), וועלכער איז אונז כסדר נאָכגעגאַנגען. ס'איז אונז אָבער געלונגען זיך אַרויסצודרייען פון אים. דעם זעלבן טאָג איז אונז געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט אַנטעק'ן און מיט אונזערע בינדונגס־אַפּיצערן — פראַניאַ, בעאַטוס און טאַדעק. מיר האָבן זיי אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון דער לאַגע און מיר האָבן אַרומגערעדט מיט זיי די פּראָבלעמען פון דער הילפס־אַקציע. ווי עס דרינגט אַרויס פון זייערע רייד, קאָנען מיר נישט רעכענען אויף קיין שום הילף. מיר מוזן אַלזאָ רעכענען אויף אונזערע אייגענע כוחות. יעדער פון אונז האָט געזוכט קאָנטאַקטן. עס האָבן אונז געהאָלפן: סטעפאַן ס., קאַסטעק, אַננאַ און סטעפאַן פּ. זייער הילף און מיטאַרבעט איז געווען פאַר אונז פון גרויסער באַדייטונג. נאָך לאַנגע טעג פון זוכענישן און אַרומלויפן, איז אונז געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די שמוגלער פון דער קאַזיאַ גאַס. זיי האָבן אונז געדאַרפט דערמעגלעכן אַריינצובאַקומען זיך אין קאַנאַל אַריין. אין דער לעצטער מינוט אָבער האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אונז צו העלפן. מיר זיינען געבליבן אויף דער גאַס נאָך דער פּאָליציי־שעה, נישט האָבנדיק וואו צו נעכטיקן. ענדלעך האָט קאַסטעק אויפן 8־טן טאָג געפונען „קאַנאַליזאַטאָרן", דאָס הייסט די, וועלכע האָבן אונז געדאַרפט אַריינפירן אין קאַנאַל אַריין.

## 7 — די עקספּעדיציע אין געטאָ

אין דער נאַכט פון 7־טן אויפן 8־טן מאַי איז אוועק אין געטאָ אַריין אַן עקספּעדיציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון רישעק און צוויי „קאַנאַליזאַטאָרן". די עקספּעדיציע האָט זיך נישט איינגעגעבן. זיי האָבן זיך געמוזט צוריקקערן. אויף מאָרגן האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ נייע גרופּע. דאָס מאָל זיינען געגאַנגען צוויי „קאַנאַליזאַטאָרן", רישעק און איך. טאַדעק און קאַסטעק זיינען געבליבן אויף זייערע ערטער. כדי אונזער עקספּעדיציע זאָל זיך איינגעבן, האָבן מיר דאָס מאָל געמוזט אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיט דעם קעניג פון די „שמאַלצאָווניקעס" און זיינע געהילפן פון פּלאַץ קאַזי־מיערזשאַ. ביינאַכט, אויפן 18טן פון 19טן מאַי, 10:30, זיינען מיר אַראָפּ אין קאַנאַל אַריין. מיר זיינען געגאַנגען נאָך די „קאַנאַליזאַטאָרן". נאָכ־דעם, ווי מיר זיינען אָפּגעגאַנגען עטלעכע צענדליק מעטער, זיינען זיי גע־בליבן שטיין און דערקלערט, אַז ווייטער וועלן זיי נישט גיין. זיי זיינען געווען געפּערלעך שכור. מיט אַ קאַטעגאָרישן טאָן האָב איך דערקלערט: „איר זייט אונטער מיינע באַפעלן — פאָרווערטס מאַרש!" דער גאַנג מיט זיי איז נישט צום באַשרייבן. יעדע עטלעכע מעטערס זיינען זיי געבליבן שטיין און פאַרלאַנגט בראַנפן און עסן. קיין שום איבערצייגונגען האָבן

נישט געהאָלפֿן. בלויז מיין מאַשין־געווער איז אונז בייהילפֿיק געווען. 2 אַזייגער ביינאַכט בין איך אַרוים פֿון קאַנאַל דורך דער ערעפֿענונג אויף דעם עק פֿון די גאַסן סטאַווקי און זאַמענהאָף. רישעק איז געבליבן מיט די „קאַנאַליזאַטאָרן". די גאַנצע זאַמענהאָף גאַס איז באַלויכטן מיט רעפֿלעקטאָרן פֿון דער דזשיקאַ גאַס. כ'מוז זיך שאַרן אויפֿן בויך ביז צו דער מוראַנאָווסקאַ גאַס. כ'האָב עטלעכע אַדרעסן פֿון אונזערע קאַמפֿגרופּן. קודם־כל שאַר איך זיך אין דער ריכטונג פֿון דעם באַפֿעסטיקונגספּונקט פֿון די פּראַוויאַנט־אַנשטאַלטן אויף פֿראַנצישקאַנסקאַ 30, פֿון וואַנען איך בין אַוועק, ווען מען האָט מיך דעלעגירט אין דעם אַרישן טייל. איך פֿאַל אַריין אויפֿן הויף, אָבער איך טרעף דאָרט אָן בלויז חורבות — וואַרשיינלעך האָט מען דעם באַפֿעסטיקונגס־פּונקט ענטדעקט. אויפֿן אַנדערן הויף טרעף איך אין די חורבות 3 מענטשן. דאָס זיינען נישט מער קיין מענטשן—זיי קוקן אויס ווי געשפּענסטער.—2 מענער און 1 פֿרוי— ליגן אויף די חורבות. די פֿרוי קרעכצט געפּערלעך — איר פֿוס איז צעבראָכן. איך וויל זיי מיטנעמען מיט זיך אין אַרישן טייל, אָבער זיי האָבן נישט קיין כוח אַפֿילו אויפֿצושטיין. זיי דערציילן מיר, אַז דער באַפֿעסטיקונגס־פּונקט איז אַריינגעפֿאַלן עטלעכע טעג צוריק. די קעמפֿער האָבן געפֿירט איינעם פֿון די שווערסטע קאַמפֿן. זיי האָבן געקעמפֿט מיט עטלעכע צענדליק דייטשן. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז דער קעמפֿער אַברהם אייגער האָט, ליגנדיק אַ פֿאַרוואונדעטער, אויפֿגעפֿאָדערט די דייטשן, זיי זאָלן זיך דערנענטערן צו אים, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט צוצוגיין צו אים. ווען די כוחות זיינען אים אויסגעגאַנגען און ווען מען האָט אויפֿגעהערט צו שיסן, האָט אַ דייטש אים דערשטאָכן מיט זיין באַגנעט. דער 17־יעריקער שלאַמעק שוסטער האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכן מוט — ער האָט געקעמפֿט ווי אַ לייב. שפּעטער איז ער אומגעקומען אין דעם אַרישן טייל. איך בין געווען געצוואונגען איבערצולאָזן די דאָזיקע 3 אומגליקלעכע זייער אייגענעם גורל, און איך בין אַוועק אויף פֿראַנצישקאַנסקאַ 22. אויף דעם הויף זיינען נישט געווען קיים שום באַפֿעסטיקונגספּונקטן. איך סיגנאַליזיר מיט מיין עלעקטרישן לעמפּל און שריי עטלעכע מאָל אויס אונזער אָפּגערעדטן צייכן. פּלוצלינג הער איך אַ קול פֿון די חורבות, וועלכער זאָגט, אַז ער וועט מיך פֿירן אין דעם באַפֿעסטיקונגספּונקט, וואו עס זיינען פֿאַראַן אונזערע קעמפֿער. איך דערקען אין קול, אַז דאָס איז אַ פֿרוי. זי שרייט צו מיר אַרויס, אַז זי האָט אַ צעבראָכענעם פֿוס און בעט מיך, איך זאָל אויסגעפֿונען אין די חורבות. איך האָב געזוכט אַ האַלבע שעה, אָבער לײַדער איר נישט געפֿונען. איך האָב געמוזט אויפֿהערן זי צו זוכן. אַ רעזיגנירטער לויף איך אויף נאַלעווקי 33, 35, מילאַ 19, זאַמענהאָף 29, אָבער איך געפֿין דאָרט קיינעם נישט. דאָס געטאָ איז פֿולשטענדיק פֿאַרברענט. גאַנצע הויפֿנס פֿון טויטע ליגן אויף

די גאַסן און אין די חורבות. בעת מעשה האָב איך זיך געטראַכט, צו וואָס זאָל איך צוריקגיין? און פֿלוצלינג פֿיל איך זיך אַזוי גוט צווישן די טייערע חורבות און די טייערע מתים. איך וויל נקמה נעמען און אומקומען. איך ברעך זיך אָבער נישט איין. מיין פֿליכט רופֿט מיך צוריק.

פֿיר אַזייגער בין איך צוריקגעגאַנגען אין קאַנאַל אַריין. איך האָב פֿאַרהאַקט אונטער זיך די עפֿענונג. „לאָמיר גיין!" — האָב איך געשריגן מיט אַ נישט־מענטשלעכן קול צו ריטעק'ן און צו די „קאַנאַליזאַטאָרן". ס'איז קיינער נישטאָ. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער וועג אויף צוריק. מיר זיינען זעהר דורכגענעצט, ווייל די עפֿענונגען זיינען אַלע פֿאַרמאַכט. דאָס וואָסער דערגרייכט אונז ביז צו דער העלפֿט. מיר גייען און איך סיגנאַליזיר מיט מיין לעמפּל, האַפֿנדיק נאָך, טאָמער וועט זיך דאָך אימיצער אָפּגעפֿונען. אויף מיין געשריי „יאָן! יאָן! (דער צייכן פֿון די קעמפֿער) שפּרינגען פֿלוצלינג אַרויס פֿון דעם זייטיקן קאַנאַל אַ גרופּע פֿון 10 קעמפֿער. מיר באַגריסן זיך מיט טרערן אין די אויגן. זיי דערציילן מיר אַלץ, וואָס ס'איז געשען זינט איך בין אַוועק. די הילף איז געקומען איין טאָג צו שפּעט! פֿאַרפֿאַלן, מען מוז ראַטעווען די, וועלכע זיינען געבליבן. צוויי קעמפֿער גייען צוריק אין געטאָ אַרויסצונעמען די געבליבענע. מיר רוקן זיך דערווייל פֿאַמעלעך אין דער ריכטונג פֿון דער פּראָסטע גאַס. מיר האָבן אַוועקגעשטעלט וואַכן אויף יעדע עטלעכע־און־צוואַנציק מעטער. אויפֿן וועג וועל איך געוואָר פֿון שלאָמעק שוסטער וועגן אַלץ, וואָס איז געשען. דער באַפֿעסטיקונגס־פּונקט אויף מילאַ 18 איז ערשט אַנטדעקט געוואָרן דעם 8־טן מאַי בייטאָג. די גרעסטע צאָל קעמפֿער זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד די לעצטע מינוט. איך פֿאַרשטיי עס גאַנץ גוט: זיי זיינען געווען הונגעריק, אויסגעמאַטערט, די לאַגע אָן אויסוועג און פֿון ערגעץ קיין שום הילף.

נאָכדעם ווי איך האָב אַוועקגעפֿירט די מענטשן צו דער קאַנאַל־עפֿענונג אויף פּראָסטע גאַס, בין איך ווידער אַוועק אין דעם אַרישן טייל. כ'האָב אָפּגעטרעטן ביים שמוגלער, ביי וועלכן איך האָב איבערגעלאָזט מיין אַנצוג, איידער איך בין אַראָפּ אין קאַנאַל אַריין. דאָרט וואַרטן שוין אויף מיר טאַדעק און קאַסטעק. איך האָב זיי איבערגעגעבן אַלץ, וואָס כ'האָב געזען. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אַז מאָרגן 5 אַזייגער באַגינען וועלן מיר אַרויסשלעפּן די מענטשן פֿון קאַנאַל און אַוועקפֿירן זיי אין וואַלד אַריין. קאַסטעק האָט באַדאַרפֿט באַזאָרגן אויטאָס. 5 פֿאַרנאַכט בין איך אַוועק צוזאַמען מיט טאַדעק'ן צו דער קאַנאַל־עפֿענונג. דאָרט האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריוו פֿון די קעמפֿער, אַז 5 באַגינען וועלן זיי אַלע דאָרט וואַרטן אויף אונז.

## 8 — מאָנטאָג דעם צענטן מאַי..

5 באַגינען זיינען מיר שוין געווען ביי דער קאַנאַל־עפענונג. איך וואַרט אויף די אויטאָס, וועלכע עס האָט באַדאַרפט באַזאָרגן קאַסטעק — און אויף טאַדעק'ן. אַ האַלבע שעה שפּעטער איז אָנגעקומען טאַדעק. מיר גייען צוזאַמען אויף דער פּראָסטאַ גאַס. ס'איז אַוועק אַ שעה, ס'זיינען אַוועק צוויי שעה — און טאַדעק איז נישטאָ. מיר זיינען דענערווירט. מיר האָבן באַשלאָסן אַליין ערגעץ צו באַקומען אויטאָס. טאַדעק איז אַוועק זוכן אויטאָס — ער האָט געהאַט אַ פּאָר אַדרעסן. מיר זיינען געבליבן אַליין. עס איז שוין 9 אַזייגער אינדערפרי, און קיינער פון זיי איז נאָך נישטאָ. ס'איז צו שפּעט, איך זאָל איצט ריזיקירן אַרויסצוציען די מענטשן. פון דער אַנדערער זייט גיב איך זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז אויב איך וועל נישט אַרויסציען די מענטשן, וועלן זיי אומקומען אין קאַנאַל. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז וואָס עס זאָל נישט זיין — מוזן מיר היינט די מענטשן אַרויסבאַקומען. ס'וואָלט געווען נויטיק אַרומצושטעלן דעם קאַנאַל ביים אַרויסציען די מענטשן, אָבער לײדער האָבן מיר נישט קיינעם. 10 אַזייגער זיינען פּלוצלינג אָנגעפאָרן אויטאָס. עס זיינען אָנגעקומען קאַסטעק, יורעק, רישעק און וואַצעק. מיר שטעלן אַרום דעם איינגאַנג מיט פון פריער צוגעגרייטע פּלאַטפאָרמען, ווייל אויף עק פון זשעלאַזנאַ שטייט אַ דייטשער און אוקראַינישער פּאַטראַל (דאָס איז די וואַד פון דער קליינער געטאָ). מיר מאַכן־אויף דעם איינגאַנג. מענטשן הויבן אָן אַרויסצוגיין פונם קאַנאַל. איך דערקען נישט קיינעם, הגם איך האָב אַלע גוט געקענט. דאָס זיינען נישט קיין מענטשן, נאָר אויסגעמאַטערטע געשפּענסטער, וואָס האַלטן זיך קוים אויף די פיס. אַרום אונז האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַן עולם, וועלכער קוקט זיך צו און זאָגט: „קעץ גייען אַרויס". פּלוצלינג האָב איך באַמערקט, אַז דער איינגאַנג איז אָפן, אָבער קיינער גייט נישט אַרויס. קאַסטעק איז דענערווירט. דער אויטאָ איז שוין פול. אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען אַ צווייטער אויטאָ. איך בין באַלד צוגעלאָפן צו קאַסטעק'ן. ער האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דער צווייטער אויטאָ איז נישט אונזערער. „דער אויטאָ איז פול", זאָג איך צו אים, „און קיינער גייט נישט אַרויס — פאַרוואָס וואַרטן מיר?" איך גיב אַרויס אַ באַפעל צו פאַרמאַכן דעם איינגאַנג און אָפּצופאָרן. אויפן וועג ווער איך געוואָר, אַז אין קאַנאַל זיינען געבליבן 15 קערפּער — זיי זיינען געווען אין זייטיקן קאַנאַל. דאָס אַרויסגיין פון קאַנאַל האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. די גרופּע קעמפער, וועלכע איז איבערגעבליבן דאָרט, איז געווען אָפּגעטיילט פונם איינגאַנג מיט בערך 15 מינוט גאַנג אין איין זייט. מיר האָבן באַשלאָסן נאָכאַמאָל צוריקצוקומען און אַרויסראַטעווען די איבעריקע. מיר זיינען אָפּגעפאָרן אין וועלדל אַריין . . .

איך בין געבליבן, כדי אפצופירן די מענטשן צו די קאמפס־גרופן פון טעבענס־שטח, וועלכן מיר האבן מיט 2 וואכן צוריק ארויסגעצויגן פון אגראדאווא גאס. רישעק, וואצעק און יורעק זיינע צוריקגעפארן מיטן אויטא קיין ווארשע. פארנאכט, זעענדיק אז זיי קומען נישט צוריק, בין איך אוועק קיין ווארשע. דורכפארנדיק דורך פלאץ באנקאווי, האב איך באמערקט א צוזאמענלויף. א דאנק מיין פארגעפיל, בין איך ארויסגע־שפרונגען פון טראמווי. כ'האב זיך דערנענטערט און געזען: רישעק איז געלעגן א דער'הרג'עטער. א ביסל ווייטער איז געלעגן יורעק. שפע־טער בין איך געוואר געווארן, אז זיי זיינען געקומען צו פארן קיין ווארשע און זיי זיינען אוועקגעגאנגען צו דעם איינגאנג אויף דער פראסטא גאס. דער קאנאל־איינגאנג איז געווען ארומגעשטעלט דורך זשאנדארמעריע. עס האט זיי גע'מסר'ט א פרוי, וועלכע האט זיי דערקענט, אז זיי האבן אנטייל גענומען אין ארויסציען די מענטשן. די איבערגעבליבענע אין קאנאל האבן זיך באמיט מיט געוואלד ארויסצוגיין פון דעם איינגאנג. ס'האט זיך צעפלאקערט א קאמף, בשעת וועלכן אלע זיינען אומגעקומען.

# ראַפּאָרט פון קעמפער טוביה ב. וועגן די קאַמפן אין צענטראַלן געטאָ

דעם 19־טן אַפּריל, 1943. אַ שיינער פרילינג־טאָג. די בחורים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף זייערע פּאָזיציעס, האָבן האַרציק באַדויערט, וואָס די נאַטור האָט מיט זיי געשפּילט אַ שפּאַס. מיר האָבן דערוואַרט, אַז אונזער לעצטער קאַמף וועט פּאָרקומען אונטער אַ שוואַרצן בלייענעם הימל אין אַ הוראַגאַן און אין אַ שטורעם. אַרום 6 אַזייגער אינדערפרי איז געקומען צו לויפן צו אונז דער פירער פון אונזער גרפּע, יוסף, מיט אַ פונאַנדערגעלאָזטער שוואַרצער טשופּרינע און צעפלאַמטע אויגן. ער האָט געבראַכט צום קאָמאַנדאַנט אַ באַפעל אָנצוהויבן די אַטאַקע. די דייטשן געפינען זיך שוין לעבן אונזערע פּאָזיציעס, אויפן עק פון די גאַסן נאַלעווקי און גענשאַ. ס'איז געפאַלן דער באַפעל: „פייער!" אַ קאַנאָנאַדע פון קוילן און גראַנאַטן האָט אָפּגעהילכט איבער די קעפּ פון די דייטשן. די דעטאָנאַציעס פון די באָמבעס לאָזן זיך הערן מיט אַן עכאָ איבערן גאַנצן געטאָ. אויף אַלע 3 פּאָזיציעס פון אונזער אָפּטיילונג ברענט דער קאַמף. פּאַרבינדונגס־אָפיצערן לויפן מיט די באַפעלן פון דעם קאָמאַנדאַנט פון איין פּאָזיציע אויף דער אַנדערער. יעקב, אַ יונגער, הויכער און דיקער בחור, שיסט פון פראָנט־באַלקאָן פון זיין ביקס. פּיוול שיסט פון פענסטער פון אַן אויטאָמאַטישן פּיסטאָלעט. אברהם און משה פירן אָן די אַטאַקע אויף די אַנדערע צוויי פּאָזיציעס. דער קאָמאַנדאַנט זכריהו איז דאָ איבעראַל, גיט אָנווייזונגען, באַגייסטערט די חברים צום האַרטנעקיקן קאַמף. די מוטיקע צביה קעמפּט מיט איר זעלבסט־באַהערשונג און קלאָרקייט די קלענסטע דערשיינונגען פון דער נערוווירונג. רבקה, וועלכע דערפילט די פונקציעס פון אַן אָבסערוואַטאָר, קומט צו לויפן מיט אַ ידיעה, אַז די דייטשן האָבן זיך צוריקגעצויגן, אַז מען זעט נישט קיין איין דייטש אויף דער גאַס. נאָכן באַקומען דעם קאַמפס־פעלד, מעלדעט אונז דער קאָמאַנדאַנט, אַז די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט קנאַפּע 50 הרוגים. פון אונזער זייט זיינען נישט געווען קיין שום פאַרלוסטן.

אין אונזער אָפּטיילונג הערשט אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד. יעדער פון אונז גיט זיך אָפּ דין־וחשבון, אַז דער דעצידירנדער קאַמף וועט נאָך קומען און אַז טראָץ די דייטשע קרבנות וועט זיך דער קאַמף ענדיקן

מיט אונזער טויט. די איינציקע פרייד פאר דעם טויט איז דאס בילד פון די דער׳הרג׳עטע דייטשן, וואס האבן זיך געוואלגערט אויף דער גאס. דערווייל איז א הפסקה. א טייל רוען זיך אפ, מיד, נישט אויסגעשלאפן נאך א גאנצער נאכט שטיין אויף דער וואך, אנדערע טיילן זיך מיט זיי־ערע איבערגעלעבטע איינדרוקן. אין א געוויסן מאמענט דערמאנען מיר זיך, אז מיר זיינען הונגעריק. פארפאלן — כל־זמן מען לעבט, דארף מען עסן. מיר האבן געגעסן מיט אפעטיט. ס׳איז נאך געווען עסן (דער ערשטער טאג פון דער אקציע). נאכן עסן האט משה ארויסגענומען זיין הארמאנקע, מיט וועלכער ער האט זיך נישט געשיידט, און געשפילט פאר אונז מעלאדיען פון בעטהאווען און שוברט. די שעה׳ן זיינען געפלאסן רואיק. די קעמפער פארברענגען די צייט פארשידן. אייניקע פרובירן ארויסצו׳גנב׳ענען געווער פון די, וועלכע זיינען איינגעשלאפן. די מער־הייט אבער האלט אפילו אין שלאף דעם פינגער אויף דעם צינגל. מען האט מורא אנצורירן „די גנבים״, זיי זאלן נישט דורך א צופאל באקומען א מתנה א פארציע בליי, וועלכע איז דאך באשטימט פאר אן אנדערן...

פלוצלינג קומט צו לויפן די אבסערוואטאריע און מעלדעט דעם קאמאנדאנט, אז פון מוראנאווסקא גאס דערנענטערן זיך טאנקען און אז פון דעם דריי־עק גענשא־נאלעווקי־פראנטשישקאנסקא זעט מען דער־נענטערן זיך דייטשע אפטיילונגען. די דייטשן גייען אין א טיראליערע און באשיצן זיך לענג אוים דעם מויער. דער קאמאנדאנט זכריהו גיט א באפעל צו זיין גרייט צום דעצידירנדן קאמף און פארארדענט, אז די לעבנגעבליבענע זאלן זיך צוריקציען צו איינער פון די באזן פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע אויף דער גענשא גאס נומער 6. קוים ווי עס האבן אפגעהילכט די לעצטע ווערטער פון באפעל, זיינען מיר באטויבט געווארן מיט א שרעקלעכער קאנאנאדע, וועלכע איז געווען געווענדט אויף אונז פון אלע זייטן.

ביים עק פון די גאסן נאלעווקי און פראנטשיסקאנסקא האבן די דייטשן אויפגעבויט א באריקאדע, פון וואנען זיי האבן באשאסן אונ־זערע פאזיציעס. נאך א האלב־שעה׳דיקן כסדר׳דיקן פייער האבן מיר פעסטגעשטעלט מיט פרייד, אז פון אונזערע קוילן און גראנאטן זיינען ווידער געפאלן עטלעכע צענדליק גע׳הרג׳עטע און פארוואונדעטע דייטשן. פון די קעמפער איז קיינער נישט אומגעקומען. די דייטשן האבן געשאסן כמעט אויף בלינד, ווייל זיי האבן מורא ארויסצוגיין מחוץ די באריקאדן. מיר האבן געשאסן און גוט געטראפן. מיר האבן געזארגט דערפאר, אז קיין איין קויל זאל נישט גיין לאיבוד.

דער ערשטער טאג פון די קאמפן האט זיך פארענדיקט מיט אונזער נצחון. ביינאכט האבן מיר באקומען א באפעל אריבערצוטראגן זיך אויף

נייע פאָזיציעס. מיר האָבן פאַרלאָזט אונזער געביט נאָכן אונטערצינדן דעם דייטשן מאַגאַזין „ווערטערפּאַסונג" אויף נאַלעווקי 33. אונזער וועג האָט געפירט דורך בוידעמער, וועלכע זיינען איצט געווען די הויפּט־קאָמוניקאַציע־אַרטעריעז. ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אין וועג, איז אונזער פּאַטראָל צוריקגעקומען מיט אַ ידיעה, אַז גענשאַ 6 איז בלאָקירט דורך די דייטשן. קיין צוריק איז נישט פאַראַן, ווייל אונזערע פּאָזיציעס אויף נאַלעווקי זיינען געשטאַנען אין פלאַמען. מיר זיינען געווען אַרומגערינגלט פון ביידע זייטן. און וואָס נאָך ערגער — אויך אונטער אונזערע פיס האָט שוין אַלץ געברענט. דער רויך האָט אונז געשטיקט. די סיטואַציע איז געוואָרן אַ שווערע. מיר האָבן אָבער זיך נישט פאַרלוירן.

דער צווייטער פּאַטראָל, מיט אונזער אשת חיל מירא אין דער שפּיץ, האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַ אויסוועג פון אונזער פּאַסטקע. דער פּאַטראָל איז אַ לאַנגע צייט נישט צוריקגעקומען. אין צווישן־צייט האָבן די דייטשן זיך אַרויפבאַקומען אויפן בוידעם. מיר האָבן געגעבן פייער. מאַנפרעד האָט אָוועקגעלייגט דעם ערשטן דייטש און צוגענומען ביי אים דאָס געווער. די איבעריקע דייטשן זיינען אַנטלאָפן. 2 שעה שפּעטער איז אונזער פּאַטראָל צוריקגעקומען און מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט דעם נייעם וועג, איבערלאָזנדיק הינטער זיך ברענענדיקע הייזער. ס'איז אונז געלונגען אָנצוקומען אויף דער גאַס פון הרב מייזעלס נומער 3. דאָרט האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן אויף ווייטערדיקע אינסטרוקציעס פון דער קאָמאַנדע. מיר זיינען געוואָרן איינגעגלידערט אין די גרופּן, וואָס האָבן געקעמפט אויף דער זאַמענהאָף גאַס. דאָרט זיינען אָנגעגאַנגען די פאַרביסנסטע קאַמפן. דאָרט זיינען געווען קאָנצענטרירט באַדייטנדע כוחות און די שטאַרקסטע אָפּטיילונגען פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די קעמפער־גרופּן האָבן פאַרנומען די פּאָזיציעס אין 3 פּונקטן: זאַמענהאָף 20, זאַמענהאָף 50, און מילאַ 28. נאָך דער מפּלה אויף נאַלעווקי גאַס האָבן די דייטשן אַריינגעדרונגען אויף זאַמענהאָף גאַס זעהר פאַרזיכטיק. זיי זיינען געגאַנגען פונאַנדערגעשאָטן איינציקווייז, באַהאַלטנדיק זיך לעבן די מויערן. מיר האָבן זיי נישט אַטאַקירט, מיר האָבן זיי געוואָלט וואָס מער אַרייננאַרן. זיי זיינען אַדורכגעגאַנגען רואיק דורך דער גאַנצער זאַמענהאָף גאַס. ערשט ביים עק זאַמענהאָף און מילאַ זיינען זיי באַשאָטן געוואָרן מיט אַ האָגל פון קוילן און גראַנאַטן. ווען זיי האָבן זיך געוואָלט צוריקציען פון דעם דאָזיקן אָפּשניט, זיינען זיי איינגעהאַלטן געוואָרן פון הינטן דורך אונזער אַ גרופּע פון זאַמענהאָף 29. די דייטשן האָבן זיך געפונען אין אַ „קעסל" אָן דער מעגלעכקייט פון צוריקטריט. די גאַנצע גאַס איז געווען באַדעקט מיט גע'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע דייטשן. וויניק פון זיי האָבן זיך געראַטעוועט. איינער פון זיי האָט זיך געוואָרפן ווי אַ משוגענער אויף דער גאַס, זוכנדיק אַ וועג

צו אנטלויפן. מען האט אים געווארפן אויפן קאפ אן אויפרייס־פלאש. א ווײַלע שפּעטער איז ער געווען ארומגענומען מיט פלאמען.

די שלאכט אויף דער זאמענהאף גאס איז געווען א גרויסער נצחון פון די קעמפער. במשך פון א פאר שעה איז נישט געווען קיין איין דייטש אין געטא. ארום 12 אזייגער האבן די דייטשן געבראכט טאנקען. אויך דאס מאל האט מען זיי צוגעלאזט זעהר נאענט צו אונזערע פאזיציעס און מען האט זיי אטאקירט מיט אויפרייס־פלעשער. 2 טאנקען זיינען געווען אין פלאמען. די אפטיילונגען פון דער דייטשער אינפאנטעריע, וועלכע זיינען געגאנגען נאך די טאנקען, האבן זיך שנעל צוריקגעצויגן. מען האט זיי באשאסן מיט א האגל פון קוילן. אין דעם טאג זיינען די דייטשן אין געטא נישט אריינגעגאנגען.

נאך די ערשטע שלאכטן און צוזאמענשטויסן, וועלכע האבן זיך געענדיקט מיט א נצחון פון די קעמפער, האבן די דייטשן אנגעהויבן צו באנוצן א נייע טאקטיק צו פארברענען און פארניכטן אלץ, וואס זיי האבן אנגעטראפן אויף זייער וועג. זיי האבן איצט אריינגעבראכט שטארקע אפטיילונגען פון מיליטער. די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע האט אויך אין צוזאמענהאנג דערמיט געמוזט באנוצן זיך מיט אנדערע קאמפס־מעטאדן. אנשטאט קאנצענטרירטע שטארקע אטאקעס האבן קלענערע קאמפס־גרופן דורכגעפירט אפטע און כסדר'דיקע אנפאלן אויף דייטשע פאטראלן און אויף קלענערע דייטשע אפטיילונגען. אויף מילא 29 האט זיך געפונען, אין דעם באפעסטיקונגס־פונקט, איינע פון די גרעסטע באזן פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע, פון וואנען גרופן זיינען ארויסגעגאנגען צום קאמף. טיילמאל האט זיך געטראפן, אז זיי זיינען צוריקגעקומען שטארק דעקאמפלעטירט. דאס האט אבער נישט פארקלענערט דעם קאמפס־גייסט. יעדער האט זיך געריסן צו די געפערלעכסטע אויפגאבן. דער באפעסטיקונגס־פונקט איז געווען גוט באשיצט. עס איז אויך דארט געווען א ראדיא־אפאראט. אין מאמענטן, ווען עס איז שטיל געווען, האבן מיר אפגענומען אוידיציעס פון דער גאנצער וועלט. מיר האבן געהערט אויסלענדישע אוידיציעס וועגן דער פארטיידיקונג פון געטא. מיר האבן געפילט, אז מיר זיינען פארבונדן מיט דער וועלט. א ווײַלע שפעטער האט מען אנגעגעבן אין ראדיא שיינע מוזיק. מיר האבן פארשטאנען אונזער איינזאמקייט און די האפענונגסלאזיקייט פון אונזער סיטואציע.

שבת, דעם 24־טן אפריל, האבן זיך אנגעהויבן אריינצודרינגען פייער־פלאמען דורך א לאך אין די ווענט פון באפעסטיקונגס־פונקט. מיר האבן געמוזט בליץ־שנעל פארארדנען די עוואקואציע פון דעם פונקט. די סיטואציע איז געווען אויסערגעוויינלעך ערנסט. מיר האבן געמוזט אין

העלן טאג צוזאמען מיט א גרופע פון דער ציווילער באפעלקערונג, וועלכע האט זיך געפונען אין דעם פונקט, אריבערגיין דורך דער גאנצער גאס. א גרופע פון 40 קעמפער, אונטער דער לייטונג פון לוטעק און פאוועל, האבן באשיצט דעם מארש פון די „ציווילע". מיר האבן געמיינט, אז דער אפענער גאסן־קאמף וועט אונז נישט מיידן. מיר האבן אבער קיין דייטשן נישט געטראפן און מיר זיינען אנגעקומען גליקלעכערווייז אויף מילא 9. מיר האבן דארט אנגעטראפן א שרעקלעכע סיטואציע. 3 גרויסע הויפן זיינען געווען אנגעפאקט מיט פליטים פון די ברענענדיקע הייזער. עס האט געהערשט א שרעקלעכע ענגשאפט. מען האט געהערט דאס גע־וויין פון פרויען און קינדער. מוטערס האבן געזוכט קינדער, מענער האבן געזוכט פרויען. הונדערטע מענטשן האבן זיך ארויסגעריסן דורך דער לאד־עפענונג, הונדערטע זיינען געקומען צוריק. אין דעם דאזיקן מענטשן־געמוייזעכץ האבן זיך געפונען אונזערע קאמפס־גרופן. מיר האבן אויך נישט געהאט קיין שוץ און דאך איבערן קאפ. מיר זיינען געבליבן א גאנצן מעת־לעת אונטערן פרייען הימל, גרייט אפצושטויסן יעדן דייטשן אנפאל. די גרופע, וועלכע איז געשטאנען אויף דער וואך ביים דורכגאנג אויף מייזעלס גאס 4, האט אונז אלארמירט עטלעכע שעה שפעטער, אז די דייטשן דערנענטערן זיך. מיר האבן ארויסגעשיקט הילף. א קליינע שלאכט איז אפגעהאלטן געווארן. עס זיינען דער׳הרג׳עט געווארן 4 דייטשן. די דייטשן האבן אונטערגעצונדן מייזעלס גאס. דאס פייער האט זיך איבערגעטראגן פון דארט אויף מילא 9. צוזאמען מיט טויזנ־טער היימלאזע און דאכלאזע האבן מיר אויך געזוכט א באהעלטניש אין די שכנות׳דיקע הייזער. א סך מענטשן האבן אונז געבעטן געווער. זיי האבן זיך געוואלט אנשליסן אין אונזערע רייען. לײדער האבן מיר זיי נישט געקאנט אננעמען, ווייל עס האט געפעלט געווער אויך פאר אונ־זערע קאמפס־גרופן.

אונזערע קאמפס־גרופן האבן דערגרייכט דעם באפעסטיקונגס־פונקט אויף מילא 18, וואו עס האט זיך געפונען דער צענטראלער פונקט פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע. דארט האט געהאט איר זיץ־ארט אונזער הויפט־קאמאנדע. אין דעם באפעסטיקונגס־פונקט, וועלכער איז געווען געגנוג גרויס, האט אבער געהערשט א גרויס ענגשאפט, ווייל אויסער די קעמפער האבן זיך אויך דארט געפונען עטלעכע הונדערט ציווילע מענטשן. די קאמפן און די שלאכטן זיינען פארגעקומען הויפטזעכלעך ביינאכט. כמעט יעדע נאכט האט מען געהערט אין געטא דעטאנאציעס פון גראנאטן און באמבעס און א קלאפעריי פון מאשין־געווער. דאס האבן די אידישע קעמפער געקעמפט מיט די דייטשן. די קאמפס־גרופן זיינען ארומגעגאנגען ביינאכט איבער די אויסגעשטארבענע גאסן פון געטא. זיי זיינען געגאנגען הויפטזעכלעך אין שטאלענע העלמען און מיט

רעוואָלווערן אין די הענט. זעהר אָפּט האָט דאָס דעזאָריענטירט די דייטשן. אין דער צייט, ווען די הייזער האָבן געברענט, האָבן זיך די דייטשן ספּעציעל באַהאַלטן אין קליינע, ענגע געסלעך און אין די עפּע־נונגען פון די מויערן, כדי פון דאָרט צו באַמערקן און צו אָבסערווירן אונז, וועלכע זיינען אַרוימגעגאַנגען צווישן פלאַמען. זיי האָבן דעמאָלט אונז באַשאָסן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו פאַר־טיידיקן, ווייל מיר האָבן זיי נישט געקאָנט באַמערקן. ווען די געטאָ איז שוין געווען פאַרברענט און די שריפות זיינען שוין אויסגעלאָשן גע־וואָרן, האָט מען אין די זעהר פינסטערע נעכט נישט געקאָנט דערקענען אויף דער גאַס קיין שום מענטשלעכן סילועט. די דייטשן און די אידישע קעמפער זיינען אַרומגעגאַנגען מיט שמאַטעס אויף די פיס, כדי צו דער־שטיקן דעם אָפּקלאַנג פון זייערע טריט. טיילמאָל זיינען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן זיי און אונז און ווער ס'האָט דער ערשטער אָנ־געהויבן צו שיסן, דער איז אַרויס מיט אַ נצחון. שפּעטער האָבן די דייטשן האָבן מורא געהאַט צו גיין ביינאַכט איבער די גאַסן פון געטאָ. זיי זיינען געשטאַנען אין אַ באַהעלטניש און צו יעדן איינעם, וואָס האָט זיך דערנענטערט, האָבן זיי געשאָסן. אויף אַזאַ אופן זיינען אומגעקומען אַ סך העלדישע קעמפער, וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען און פּאַטראָלירט די גאַסן פון געטאָ.

דעם ערשטן מאַי, דעם טאָג פון אַרבעטער־יום־טוב, האָבן מיר באַשלאָסן צו פייערן אויף אַ ספּעציעלן אופן. דאָס מאָל נישט ביינאַכט, נאָר בייטאָג, זיינען מיר אַרויס צו אַטאַקירן די דייטשן. עטלעכע קאַמפּס־גרופּן האָבן געטשאַטעוועט אויף די גאַסן און אין די הייזער אויף די דייטשן. אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן פאַנג, ווייל אין געטאָ זיינען געווען ווייניק דייטשן. דאָך זיינען אין דעם טאָג געפאַלן אַ געוויסע צאָל דייטשן. ס'האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט דער בעסטער שיסער פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — "קאַזאַ". ער האָט געכאַפּט 4 דייטשן.

ס'איז אָבער געקומען דער טאָג, ווען די טויט־געפאַר איז אויך געהאַנגען איבער דעם צענטראַלן פּונקט פון די קעמפער. שבת, דעם 8־טן מאַי, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דאָס הויז און אָנגעהויבן אַ קאָנ־צענטרירטן שטורם אויף דעם באַפעסטיקונגס־פּונקט. זיי האָבן זיך אַריינ־געריסן אין אַלע 5 איינגאַנגען, וואָס האָבן געפירט צו דעם באַפעסטיקונגס־פּונקט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אָרדנונגסלאָזע, צוויי־זייטיקע שיסעריי. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן די דייטשן געוואָרפן דורך אַלע איינגאַנגען גאַז־באָמבעס. ווען עס איז אָנגעקומען דער לעצטער מאָמענט, האָט יורעק, איינער פון די אָנפירער פון דער אידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע,

אויפגעפאדערט אלע קעמפער, זיי זאלן זיך נישט איבערגעבן אין די הענט פון די דייטשע מערדער. צענדליגער קעמפער האבן זיך אליין דערשאסן מיט זייער לעצטער קויל. אויף מילא 18 איז געווען דער מאסן־קבר פון דער אידישער יוגנט. זייער ווייניק האבן זיך געראטעוועט. פאר דעם קליינעם הייפעלע געראטעוועטע איז אלץ געווען געענדיקט. אז מענגלעכ־קייטן פון קאמף — האבן מיר געזוכט א וועג ארויס. דערשיטערט מיט דער גרויס פון דער טראגעדיע זיינען מיר געליגן לאנגע שעה'ן און גע־ווארט אויף דער אנקומענדיקער נאכט. ביינאכט איז געקומען די רעטונג. אונזער בינדונגס־אפיצער פון דעם ארישן טייל איז געקומען מיט דער ידיעה: די אויטאס ווארטן ביי דער עפענונג פון קאנאל.

# די קאמפן אויפן שטח פון די דייטשע ווארשטאטן פון טעבענס און שולץ אין ווארשעווער געטא

א גאנצע נאכט, דעם 19־טן אפריל, האט געהערשט א גרויסע אומרו. מענטשן זיינען נישט געשלאפן, אויטאס זיינען ארומגעפארן אהין און צוריק, מיליטער האט מארשירט, און מען האט כסדר געהערט ווידער־קול'ן פון שיסערייען. וואס באדייט דאס? צי שטייען מיר ווידער פאר א נייער ליקווידירונגס־אקציע? דאס איז אוממעגלעך. ערשט מיט א פאר טעג צוריק האט מען אנגעהויבן א נייע רעגיסטראציע פון פאבליט. ערשט מיט 3 טעג צוריק האבן זיך באוויזן אויפרופן, אין וועלכע עס איז געזאגט געווארן, אז עס ווערן אפגעשטעלט די דעפארטאציעס פון די ארבעטס־לאגערן. מען האט אויפגעפאדערט צו אינטענסיווער ארבעט, ווייל די באשטעלונגען פון דער באוואפענונגס־קאמאנדע זיינען זייער דרינגענדע.

באגינען האט די גאס געהאט א שרעקלעכן אויסזען. די מויערן פון געטא זיינען געווען ארומגעשטעלט מיט זשאנדארמען. די באוואכונג פון געטא איז פארשטארקט געווארן מיט ס.ס.־לייט. מען האט קיינעם נישט ארויסגעלאזט פון געטא. אלע דערלויבענישן צו פארלאזן די געטא זיינען געווארן דערקלערט אלס אומגילטיק. אויף די גאסן לויפן מענטשן ארום, ווי משוגעים. איך פרוביר זיך צו פאראייניקן מיטן צענטראלן געטא. דער טעלעפאן אבער פונקציאנירט נישט. מיר זעען נאר, ווי די געטא איז ארומגערינגלט מיט זשאנדארמען און אז די מאשין־געווער זיינען גרייט צו שיסן. מער זעען מיר נישט אין געטא. פון דער־ווייטנס דערגייען צו אונז אפקלאנגען פון שיסערייען און אויפרייסן. זיי קומען פון צענטראלן געטא, וואו די ליקווידירונגס־אקציע גייט אן. אויף אונזער געביט קומען אן די דייטשע לייטער פון די ווארשטאטן — אונזערע „ברויט־געבער" — און פארזיכערן אונז, אז די אקציע איז נישט נוגע די „פראדוקטיווע" עלעמענטן און אז זי איז געווענדט אויסשליסלעך אנטקעגן די „ווילדע" אין געטא. קיינער אבער נעמט דאס נישט אן ערנסט. אונזער ערשטע אויפגאבע איז געווען צו מאביליזירן די קאמפס־גרופן און צו פארנעמען די אפעראציע־באזן.

די קאמפס־גרופע אין אונזער ווארשטאט, אויף לעשנא 76, אונטער דער לייטונג פון אליעזר געלער, פארנעמט זייערע פאזיציעס אין די פראנט־פענסטער פון 3־טן שטאק. דורך־דעם דאך האבן מיר א פארבינדונג מיט דוד'ס גרופע, אויף נאוואליפיע 67, און מיט העניעקס גרופע, אויף לעשנא 74. דער בינדונגס־אפיצער צווישן די דאזיקע ביידע גרופן איז לילית. פון אונזערע פאזיציעס קאנען מיר גענוי אבסערווירן די באוועגונגען פון דעם מיליטער, וואס גייט צום צענטראלן געטא דורך דער זשעלאזנא גאס. שווארץ, דער פארבינדונגס־אפיצער פון דעם קאמאנדאנט פון דעם שטח,

האט באקומען אינסטרוקציעס פאר אלע איבעריקע גרופן: פאר דער גרופע אויף נאוואליפקי 41 (דער געביט פון שילינג'ס־ווארשטאטן) אונ־טער דער ליטונג פון שלמה; פאר ראזאווסקים גרופע אויף סמאטשא 6/8 (דער געביט פון רעריד־ווארשטאטן); פאר בנימינ'ס גרופע אויף לעשנא 36 (טעבענס שטח); פאר מאיעראוויטשס גרופע אויף נאווא־ליפקי 31 (שולץ ווארשטאטן), און פאר יולעק'ס גרופע אויף נאוואליפיע 66 (שולץ ווארשטאטן). אביסל שפעטער האט זיך אומגעקערט שווארץ און האט געמאלדן, אז דער באפעל איז אויסגעפירט געווארן. שווארץ האט אויך געבראכט מיט זיך אייניקע אנפראגן פון די ליטער פון די גרופן. איינע פון די פראגן איז נוגע דעם גורל פון די מענטשן, וועלכע געפינען זיך אין אונזער ארעסט, וואס זיינען אנגעקלאגט, אז זיי האבן מיטגעארבעט מיט דער געשטאפא. דער טויט־אורטייל איז נאך נישט ארויסגעגעבן געווארן. צוליב דער פארשארפטער סיטואציע גיט ארויס דער קאמאנדאנט א באפעל, מען זאל זיי תיכף־ומיד דערשיסן. א האלבע שעה שפעטער קערט זיך אום שווארץ, מעלדנדיק, אז דער באפעל איז אויס־געפירט געווארן. ארום 12 אזייגער בייטאג דערגייען צו אונז די ערשטע ידיעות פון שלאכטפעלד אין צענטראלן געטא. די ידיעות שטאמען פון דייטש קוועלן.

ק. ג. שולץ, דער אייגנטימער פון די ווארשטאטן, האט דערציילט, אז די אידן פארהאלטן זיך נישט אויף געהעריק. די זשאנדארמען, וועלכע האבן זיך אומגעקערט פון געטא, האבן אים געמאלדן, אז זיי האבן אנ־געטראפן אויף א שטארקן אידישן ווידערשטאנד און אז זיי האבן געהאט 200 קרבנות. פארנאכט, ווען די דייטשן האבן פארלאזן די געטא, האבן מיר אנגעקניפט א טעלעפאנישן קאנטאקט מיט אונזערע גרופן אין דער צענטראלער געטא. מיר זיינען געווואר געווארן וועגן זייערע גרויסע נצחונות אין די ערשטע קאמפן. אויף מארגן אינדערפרי האט דער קאמאנדאנט פון אונזער געביט ארויסגעגעבן א באפעל אנצוהייבן דעם קאמף. דאס האט געדארפט זיין א סאלידאריטעט־אקציע מיט די קעמפנדיקע גרופן אין צענטראלן געטא. ארום 10 אזייגער האבן מיר אנגעהויבן די ערשטע אטאקע. אין דער זעלבער צייט האט מארשירט דורך דער לעשנא גאס אין דער ריכטונג פון דער געטא אז אפטיילונג פון זשאנדארמעריע. ווען די אפטיילונג האט זיך דערנענטערט צו דער וואך אויף עק לעשנא און זשעלאזנא, איז זי אנגעגריפן געווארן דורך אונזער גרופע, וועלכע האט זיך געפונען אין הויז אויף לעשנא 94. די 2 געווארפענע שווערע באמבעס האבן פארניכטעט די אפטיילונג. די דייטשן זיינען אנטלאפן, איבער־לאזנדיק אויף דער גאס קנאפע 20 טויטע. עטלעכע וואכן פאר דער „אקציע" האט די קאמפס־גרופע אויף נאוואליפיע 67 אונטערגעלייגט אונ־טער דער וואך אויף סמאטשא גאס א מינע. ווען די דייטשע אפטיילונג

האט דערגרייכט דעם דאָזיקן פּונקט, האָבן די אידישע קעמפער פאַר־אייניקט דעם עלעקטרישן קאָנטאַקט מיט דער מינע. די מינע האָט נישט אויפגעריסן. אונזער פאַרצווייפלונג איז געווען זעהר גרויס. אונזערע בחורים האָבן געקריצט מיט די ציין. אונזערע מיידלעך האָבן געהאַט טרערן אין די אויגן. די מינע האָט נישט אויפגעריסן דערפאַר, ווייל די באַטעריעס האָבן נישט גוט געאַרבעט און עס האָט געפעלט עלעקטרישע קראַפט. די גרופּע האָט דעריבער פון גרויס כעס און צאָרן געוואָרפן באָמבעס. דער רעזולטאַט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער. זיי האָבן געוואָרפן 2 באָמבעס — און עס זיינען געפאַלן 30 דייטשע סאָלדאַטן. ווען די דייטשן האָבן איינגעזען, אַז אויך אין דעם אַרישן טייל אויף די נייטראַלע שטחים דראָט זיי אַ געפאַר מצד דער „פּראָדוקטיווער געטאָ", האָבן זיי אָנגעהויבן אַריבערצושיקן דאָס מיליטער אויף אויטאָס. אַרום 4 אַזייגער — איז די לאַגע פון די אידן אויף דעם געביט פון די וואַר־שטאַטן קלאָר געוואָרן. די אייגנטימער פון די וואַרשטאַטן האָבן אַרויס־געגעבן אַן אויפרוף צו די אַרבעטער, אין וועלכן זיי האָבן זיי געמאָלדן, אַז כדי צו דערמעגלעכן אַ רואיקע און אומגעשטערטע אַרבעט פאַר דער דייטשער אינדוסטריע, וועלן אַלע אידישע אַרבעטער אַריבערגעפירט ווערן אין די אַרבעטס־לאַגערן, אין טראַווניקי און פּאָניאַטאָוו.

נאָכדעם ווי די אויפרופן האָבן זיך באַוויזן איז מעגלעך געווען, אין אַ געוויסער מאָס, צו באַוועגן זיך פרייער אין די גאַסן, כדי צו מאַכן אַלע צוגרייטונגען צום אַרויספאָר. אונזער לייטונג פונם שטח האָט אויס־גענוצט די דאָזיקע געלעגנהייט און האָט באַזוכט אַלע גרופּן. פאַרנאַכט האָבן זיך באַוויזן אויף אונזער שטח דייטשן און לעטען, וועלכע זיינען געשטאַנען איינציקווייז פאַר יעדן טויער, כדי צו היטן אַז דער מאַרגנ־דיקער טראַנספּאָרט זאָל אָוועקגיין אין אָרדנונג. מיר האָבן געהאַט ווייניק מאַשין־געווער און דעריבער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט עטלעכע פון אונזערע גרופּן, כדי צו פאַרכאַפּן אביסל געווער ביי די לעטען. עס האָט זיך אונז איינגעגעבן. מיר האָבן פאַרכאַפּט 5 מאַשין־געווער. די לעטען און די דייטשן האָבן נישט רעאַגירט אויף דעם, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט פּראָוואָצירן קיין גרעסערע קאַמפן.

מיטוואָך, 6 אינדערפרי, האָבן די קאַמפּס־גרופּן פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס, וואַרטנדיק אויף דעם אָנקומען פון די דייטשן. אַרום 1 אַזייגער זיינען שוין גרייט געשטאַנען גאַנצע רייען פריוויליקע צום אָפּפאָר. אַלע איבערגעבליבענע אידן אויף דעם געביט פון די וואַרשטאַטן האָבן זיך אַרומגעדרייט אומלעגאַל. די קאַמפּס־גרופּן זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך. אביסל שפּעטער האָט זיך באַוויזן די ערשטע דייטשע אָפּטיילונג, וועלכע איז אַטאַקירט געוואָרן מיט גראַנאַטן. אויפן אָרט זיינען געבליבן אַ סך דער׳הרג׳עטע און פאַרוואונדעטע. די דייטשן האָבן נישט געענט־

פערט אויף אונזער אטאקע, ווייל זיי האבן געוואלט ווייטער דורכפירן דעם פריוויליקן אפפאר אין די לאגערן. אין דער זעלבער צייט האבן אנדערע אונזערע קאמפס־גרופן אטאקירט קלענערע גרופן פון דייטשן און לעטען. 3 קאמפס־גרופן זיינען געווען קאנצענטרירט ביי די גאסן נאוואליפיע־־זשעלאזנא, כדי מיט געמיינזאמע כוחות צו אטאקירן די דורכגייענדיקע דייטשן אויף דעם נייטראלן שטח. ארום 10 אזייגער האט מארשירט א גרעסערע דייטשע אפטיילונג אין דער ריכטונג פון צענטראלן געטא. די דאזיקע דייטשע אפטיילונג איז אטאקירט געווארן דורך אונזערע 3 גרופן. אונזער שיסעריי איז געווען אן אומגעהויער שטארקע. אונזערע קוילן האבן געטראפן אין ציל. די דייטשן האבן איבערגעלאזט א סך פארוואונדעטע און דער'הרג'עטע. באזונדערס האט זיך אויסגעצייכנט אונזער בעסטער שיסער אין דעם שטח, שמעון העלער. א פאר שעה שפעטער האט מען דערשאסן קנאפע 20 דייטשן, וועלכע האבן עסקארטירט אידן צום אומשלאג־פלאץ. אונזער אקציע איז געווען באשווערט מיט דעם, וואס מיר האבן זיך נישט געקאנט באנוצן נישט מיט גראנאטן און נישט מיט באמבעס, כדי נישט צו שטעלן אין געפאר דאס לעבן פון די אידן, און אויך צוליב דעם, וואס די רעזערוון פון אונזער אמוניציע פאר די ביקסן און רעוואלווערן זיינען געווען זייער קליינע.

נאכמיטאג האבן די דייטשן אנגעהויבן צו בלאקירן די הייזער. איידער זיי האבן בלאקירט א הויז, האבן זיי געשאסן אין די פענסטער אריין. זיי האבן אבער נישט אויסגעמידן דעם קאמף. אונזערע קאמפס־גרופן, וועלכע זיינען געווען פארבאראקאדירט אין די הייזער, האבן פאר א לענגערער צייט נישט צוגעלאזט נענטער די דייטשן. די קעמפער האבן זיך כסדר געפונען אונטער א שטארקער באשיסונג און אליין האבן זיי געמוזט שוינען יעדן קויל. ווען די דייטשן האבן זיך אריינגעריסן אין איניקע הייזער און האבן אפגעשניטן דעם צוריקוועג פון א גרופע קעמפער, זיינען שולמית און שמעון אראפגעשפרונגען פון 2־טן שטאק און זיינען געבליבן טויט אויפן ארט. שמעון האט געהאלטן זיין צוזאג. ער האט געזאגט, אז ער וועט נישט שטארבן, איידער ער וועט נישט דער־הרג'ענען 5 דייטשן. צוויי פון אונזערע קעמפער איז געלונגען דורכצורייסן זיך דורך דער דייטשער ליניע, ווערנדיק דערביי שווער פארוואונדעט. מיר האבן נישט געקאנט בארעכענען די דייטשע פארלוסטן. זיי זיינען אבער געווען זעהר ערנסטע. דער קאמף האט געדויערט עטלעכע שעה. צום סוף, נאך די לעצטע קאמפן, האבן די דייטשן אונטערגעצונדן אונזער שטח. דעמאלס האבן מיר באקומען א באפעל צו באפעסטיקן אונזערע אפעראציע־באזן אין דעם באפעסטיקונג־פונקט. ס'זיינען געווען זעהר ווייניק דייטשן אויף דעם געביט. מיר האבן געוואוסט, אז די דאזיקע שטילקייט וועט נישט לאנג דויערן און אז די דייטשן וועלן אנהויבן

אויסצוזוכן די אידן אין די באפעסטיקונגס־פונקטן און זיי ליקווידירן. אונזער לייטונג פון דעם געביט האט אויסגענוצט די צייט פון דער פארהעלטניסמעסיקער רוהע, כדי אנצוקניפן א קאנטאקט מיט די איבערגעבליבענע גרופן, און קודם כל מיט שלמה׳ס גרופע, וועלכע איז געווען טעטיק אויף דעם שטח פון שילינגס ווארשטאט. אינטימן דער נאכט האבן מיר ארויסגעשיקט אונזערע צוויי פארבינדונגס־אפיצערן, שווארצ׳ן און לילית. זיי האבן זיך צוריקגעקערט נאך 2 טעג. אויפן וועג האבן זיי געהאט עטלעכע צוזאמענשטויסן מיט די דייטשן. פון ערשטן טאג אן פון דער אקציע האבן 3 קאמפס־גרופן, אונטער שלמה׳ס לייטונג, אטאקירט די מארשירנדיקע דייטשן. ווען א דייטשע אפטיילונג האט זיך געוואלט ארײנבאקומען אין שילינגס ווארשטאט, כדי מיט געוואלד צו דעפארטירן די אידן, האבן אונזערע קאמפס־גרופן זיי איינגעהאלטן, פאראורזאכנדיק זיי שווערע פארלוסטן. די נייע דייטשע אטאקע איז געווארן אפגעשטויסן. שפעטער האבן די קעמפער אונטערגעצונדן א גרויסן מאגאזין מיט האלץ, אוממעגלעך מאכנדיק דערמיט פאר די דייטשן ארײנצובאקומען זיך אין דעם באפעסטיקונגס־פונקט, וואו עס האט זיך געפונען די ציווילע באפעלקערונג. אייניקע טעג האבן די דייטשן מורא געהאט ארײנצוגיין אין די הייזער אריין. די קעמפער האבן איבערגעלעבט פרײלעכע מינוטן. זיי האבן אבסערווירט דורכן פענסטער ווי אזוי ס.ס.־לייט האבן צוליב דעם, וואס זיי האבן נישט געקאנט ארײנבאקומען זיך אין די אידישע הייזער, געמוזט, אויף דעם באפעל פון זייערע אפיצערן, מאכן שטראף־איבונגען אויף דער גאס. די געטא האט געברענט ביינאכט און ביטאג. דער רויך און די פלאמען האבן געטריבן די קעמפער פון איין ארט אויפן אנדערן. זעהר זעלטן איז געלונגען צו געפינען א געהעריקע אפעראציע־באזע. אין דעם דאזיקן לעצטן פעריאד פון קאמף האבן מיר אנגעמאכט די דייטשן גרויסע שאדנס און מיר האבן אליין אויך געליטן גרויסע שאדנס.

הונגער און די האפענונגסלאזע סיטואציע האבן אונז געצוואונגען צו זוכן א וועג אין דעם ארישן טייל אריין. נאך עטלעכע טעג פון שטארקע באמיאונגען איז מיר געלונגען אויפן באפעל פון קאמאנדאנט פונם דאזיקן שטח אריבערצובאקומען זיך אין דעם ארישן טייל און אנצוקניפן א קאנטאקט מיטן אנטעק׳ן. אין דער זעלבער נאכט האבן מיר ארויסגעפירט דורך דעם קאנאל 20 מענטשן. שפעטער איז דער דורכגאנג דורכן קאנאל פארניכטעט געווארן. די איבערגעבליבענע גרופן, וועלכע האבן פרובירט זיך אדורכרייסן דורך דער דייטשער ליניע, זיינען אומגעקומען אין דעם לעצטן אפענעם גאסן־קאמף. א לאנגע צייט שפעטער, צוהערנדיג זיך צו די אפקלאנגען פון די שיסערייען אין געטא, האבן מיר געוואוסט, אז דארט קעמפן אונזערע גרופן, ארומגערינגלט דורך דייטשן.

# זעלנער אָן געווער

דער פארטיידיקונגס־פלאן פון ווארשעווער געטא האט ארומגענומען צוויי ענג מיט זיך פארבונדענע אפשניטן: א מיליטערישן און א ציווילן. די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע, וועלכע האט אין דעם פעריאד פון איר פונאנדערבוי (יאנואר־אפריל 1943) געהאט די פאקטישע דיקטאטור אין געטא, האט קודם־כל צוגעגרייט די באוואפענונגס־אקציע. זי האט זיך באמיט צו באקומען געווער מיט אלע מיטלען. זי האט צוגעגרייט קאמפס־גרופן און האט אויסגעארבעט סטראטעגיש־טאקטישע פלענער. די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע, אזוי ווי די געזעלשאפטלעך־פאליטישע קאנספּיראטיווע רעפּרעזענטאנץ פון געטא, האט זיך אפּגעגעבן א דין־וחשבון, אז דער קאמף אין געטא איז אפּהענגיק נישט בלויז פון דער מיליטערישער אקציע, נאר אויך פון דער שטעלונג פון דער באפעלקערונג, פון איר גייסטיקן צוגאנג.

די אביעקטיווע באדינגונגען, וועלכע האבן שטופנווייז פארניכטעט די אילוזיעס און די גרויסע פּראפּאגאנדע־ארבעט פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע — האבן איבערגעאנדערש די שטעלונג פון די מאסן. די אידישע מאסן האבן איצט דורכגעדרונגען די לאגע, זיי האבן זיך אפּגעטיילט פון דעם דעמאראליזירנדן אפּטימיזם, זיי האבן אפּגעווארפן די כסדר׳דיקע אילוזיעס, זיי האבן זיך אפּגעטרייסלט פון דעם גלויבן, „אונז וועט מען שוין נישט רירן", „ס׳וועט שוין גוט זיין".

די דייטשע פּלענער וועגן דער אינטערליסטיקער „פּאציפיקאציע פון געטא" דורך דעפּארטירן די באפעלקערונג אין די קאנצענטראציע־לאגערן אין פּאניאטאוו, טראווניקי און לובלין האבן זיך נישט איינגעגעבן. די וועכנטלעכע דעפּארטאציעס פון די ארבעטער פון ווארשטאטן און זייערע משפּחות האבן זיך פארוואנדלט אין א קאמעדיע. אזוי, צום ביישפּיל, האט זיך קיינער פון די איבער 3000 ארבעטער פון די בערשטן־ווארשטאטן נישט געמאלדן צום ארויספאר. אלע טריקס פון דער דייטשער פּראפּאגאנדא, אלע צוזאגן און דראאונגען האבן זיך נישט איינגעגעבן און האבן נישט געווירקט. פלוג־בלעטער, פּלאקאטן, און מינדלעכע פּראפּאגאנדע פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע און פון די אונטערערדישע אידישע פּארטייען האבן אויפגעפאדערט צו אן אקטיוון און פּאסיוון ווידערשטאנד, האבן אונטערגעהאלטן דעם גייסט פון דער באפעלקערונג. די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע איז געווארן א שרעק און א געפאר פאר די געזעלשאפטלעכע אויסוואורפן און א קוואל פון האפענונג און א שטיץ־פּונקט פאר די ברייטע מאסן. יעדער טויט־אורטייל אויף די פאררעטער און אגענטן פון געשטאפּא, וועלכער איז ארויסגעגעבן געווארן דורך דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע, איז געמאלדן געווארן דער באפעלקערונג דורך אויסגעקלעפּטע פּלאקאטן אויף די ווענט. דאס זיינען נישט געווען

קיין געהיימע געריכטן. געזעלשאפטלעכער יושר האט באשטימט די שטראף פאר די דאזיקע עלעמענטן. אפילו די דייטשן זיינען געווען גע־צוואנגען צו פאלעמיזירן אין פלוג־בלעטער און אין אפענע בריוו מיט דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע. די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע האט ערווארבן די הערצער פון די אידישע מאסן. די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע איז געווארן די איינציקע האפענונג פון די אידישע מאסן.

די אידישע קאמפס־ארגאניזאציע האט נישט נאר ארגאניזירט דעם אקטיוון ווידערשטאנד, נאר האט אויך אנגערעגט די מאסן צו א פאסיוון ווידערשטאנד. די פארמען פון פאסיוון ווידערשטאנד זיינען געווען: פאר־מאסקירטע אונטערערדישע בונקערס און באפעסטיקונגס־פונקטן. די לאנ־גע קייט פון מויערן, 16 קילאמעטער לענג און 3 מעטער הויך, וועלכע האבן ארומגערינגלט די געטא, האבן אפגעשניטן די אידן פון דער דרויסנדיקער וועלט פיל בעסער ווי די מינעס־אפגרענצונגען. אינעווייניק אין געטא האבן די גרעניצן אפגעטיילט די באזונדערע געגענטן און אפילו די פאבריק־בלאקן, אוממעגלעך מאכנדיק אויף אזא אופן דאס געגנזייטיקע פארשטענדיקן זיך. יעדן טאג האט די געטא געבראכט קרבנות; יעדן טאג האט די געטא באצאלט מיט גע'הרג'עטע פאר דעם מוט צו באוועגן זיך אינמיטן טאג איבער די אויסגעשטארבענע גאסן אין געטא. די אידישע מאסן אין א הינטערלאנד פון דערפער און וועלדער, אן א מעגלעכקייט פריי צו באוועגן זיך, אן א מעגלעכקייט אריבערצוטראגן זיך פון איין שטאט אין דער אנדערער, פארשלאסן אין געטא ווי אין א שטייג, האבן זיך נישט אונטערגעגעבן דעם שרעק פון דעפיטיזם, נאר זיינען צוגעטראטן צו פארשטארקן זיך און צו באפעסטיקן זיך פון אינעווייניק. איבעראל, אויף דער ערד, הינטער די מויערן, אויף די ליידיקע פלעצער און אין די חורבות זיינען אויפגעבויט געווארן בונקערס. די באפעלקערונג, וועלכע האט זיך באהאלטן אין די דאזיקע בונקערס, האט אין אלגעמיין נישט געהאט קיין געווער. די באפעלקערונג איז אבער געווען דעצידירט צום קאמף מיט דעם מערדערלעכן שונא, איז געווען דעצידירט נישט אונטערצוגעבן זיך אין קיין שום פאל.

אין די דאזיקע באדינגונגען זיינען די דייטשן נישט געווען ביכולת צו דעפארטירן די באפעלקערונג אויף טויט אויף א געהיימען אופן. זיי זיינען געווען געצוואונגען צום קאמף בוכשטעבלעך וועגן יעדן שטיקל ערד.

נאך פאר דעם 19־טן אפריל האבן די דייטשן א נאמען געגעבן דיווארשעווער געטא „מעקסיקא" און „באנדיטן־שטאט". אזעלכע עפיטעטן האבן געקלונגען אין די מיילער פון די היטלעריסטן ווי א לויב פאר דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע. ערשט זייט דעם 19טן אפריל האבן זיך די דייטשן איבערצייגט וועגן דער נייער גייסטיקער ענדערונג, וועגן דעם נייעם גייסט פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג אין געטא.

צווישן די טויזנטער מענער און פרויען, אַלטע לייט און קינדער האָט זיך אַנטפּלעקט אַ ווילן צום ווידערשטאַנד, אַ ווילן, וועלכער האָט נייטראַליזירט דעם נאַטירלעכן שרעק און פּחד פאַר דעם טויט און ליידן. די ברייטע פאָלקס־שיכטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז נישט אונטערגעבנדיק זיך, אַז קעמפנדיק מיט דעם שונא אויף זייער אופן, באַשווערן זיי אים אין דורכפירן די פאַרניכטונגס־אַקציע. די דייטשן האָבן זיך גענומען באַנוצט מיט די לעצטע מיטלען — זיי האָבן אונטערגעצונדן די געטאָ. דאָס אונטערצינדן פון געטאָ איז פאָרגעקומען פּלאַנמעסיק, סיסטע־מאַטיש, אַ בלאָק נאָך אַ בלאָק, אַ הויז נאָך אַ הויז. אין אונטערצינדן די געטאָ האָבן די דייטשן באַנוצט צינד־באָמבעס און דינאַמיט. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער צופלוס פון גאַז, פון עלעקטרישער באַ־לייכטונג און וואַסער. טויזנטער זיינען אומגעקומען אין די פלאַמען. טויזנטער דערשטיקטע מיט גאַז האָבן אויסגעשפּיגן זייער לעבן צוזאַמען מיט זייערע לונגען, טויזנטער אַרויסגעטריבענע דורך פייער און גאַז האָבן מאַרשירט צום „אומשלאַג־פּלאַץ" און פון דאָרט געוואַנדערט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועלכע זיינען אין אַ קורצער צייט אַרום פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין טויט־לאַגערן. דאָס לעבן אָבער אין דעם ברענענ־דיקן געטאָ־קעסל איז טראָץ דעם אַלעמען אָנגעגאַנגען ווייטער. טראָץ די פּיל־מאָליקע דייטשע אויפפאָדערונגען צו קאַפּיטולאַציע און אונטערצו־געבן זיך — האָט קיינער נישט געקלערט וועגן דעם. די דייטשן האָבן געמוזט איינעמען מיט כוח יעדן באַפעסטיקונגס־פּונקט, יעדן בונקער. מאָנאַטן־לאַנג האָט מען אין געטאָ געהערט געדיכטע שיסערייען. אַזוי האָבן פאַרטיידיקט די לעצטע מאָהיקאַנער פון קעמפנדיקן געטאָ זייערע בונקערס און באַפעסטיקונגס־פּונקטן.

מאָנאַטן גייען פאַרביי. אַ קליין הייפעלע אידן, וועלכע זיינען נאָך געבליבן אין די אונטערערדישע היילן פון געטאָ, קעמפן ווייטער פאַר זייער לעבן. די געטאָ גייט אָפּ אַז אַן אויפהער אין בלוט. די דייטשן זעצן אוים אין דער לופט מויערן און גאַסן, פילן אָן מיט גאַז די קאַנאַלן און פאַרניכטן איין שטיקל ערד נאָך דעם אַנדערן. די פראָנט־ליניע ווערט איינגעשרונקען אָן אויפהער — אָבער זי עקזיסטירט ווייטער. הונגער, אָנשטעקעדיקע קראַנקהייטן, דערשטיקנדיקער ריח פון די מתים, דער מאַנגל פון וואַסער און ברויט מאַטערן און שעפּן אוים די לעצטע איינ־וואוינער פון געטאָ — די מאָדערנע היילן־מענטשן. יעדן טאָג ווערט זייער צאָל פאַרקלענערט. קיינער גיט זיך נישט אונטער. נאָך אַ יאָר פון אומ־מענטשלעכע און אוימגלויבלעכע ליידן, נאָך אַ יאָר פון אַן אומבאַקאַנטן אין דער געשיכטע קאַשמאַר — לעבן זיי נאָך. נאָך אַ יאָר קאַמף — האָט די וואַרשעווער געטאָ ווייטער דעם אויסזען פון אַ באַלאַגערטער פעסטונג.

ה. וואַסער.

# סילועטן

## 1. „קאַפּראַל"

איינער פון די וויניקע סאָלדאַטן פון געטאָ, וועלכער האָט אַלס אויסצייכענונג באַקומען צו זיין דיספּאָזיציע אַ זעלטענעם אוצר פאַר די קעמפער — אַ רעוואָלווער — איז געווען דער 42-יעריקער אַרבעטער, אברהם דיאַמאַנט, אַ הויכער, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט אַ מילדן אויסדרוקספולן בליק. דער ערנסטער, קאָנצענטרירטער אין זיך אידעאַלער חבר, וועלכער איז גרייט געווען צו טיילן זיך מיט זיינע נאָענטע מיט דעם לעצטן ביסן ברויט, מיט דעם לעצטן לעפל עסן, האָט פאַרמאָגט אין זיך אַ האַרציקייט, אַ גייסטיקע שטאַרקייט, מוט און פאַראַכטונג פאַרן טויט — וועלכע נאָר יחידים האָבן פאַרמאָגט.

פון קינדוויז אָן איז ער געווען צונויפגעוואַקסן מיט דער אידישער אַרבעטער-באַוועגונג. ער איז געווען אַ טוער פון די לינקע פּועל-ציון אין קאַליש. דער וועג פון זיין געזעלשאַפטלעך-פּאָליטישער אַרבעט ביז צום קאַמף אין די רייען פון דער אידישער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי פון היטלעריסטישן גיהנום. אין נאָוועמבער 1939 איז ער דעפּאָרטירט געוואָרן דורך די דייטשן צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד פון קאַליש קיין וואַרשע. מיט 20 זלאָטעס אין דער קעשענע, מיט אַ קליין האַנט-פּעקעלע האָט ער געוואוינט צוזאַמען מיט זיין קינד און פרוי אין וואַרשע אין אַ היים פאַר פּליטים. ער האָט געפילט דעם כוח פון דייטשן בייטש, ער איז געווען אַן עדות פון געפערלעכן הונגער, נויט און טיפוס. שוין אין דעם ערשטן טאָג פון דער „דעפּאָרטאַציע" קיין טרעבלינקע, דעם 22-טן יולי 1942, זיינען צוגערויבט געוואָרן פון אים זיין פרוי און טאָכטער, וועלכע זיינען פאַרשיקט געוואָרן אויף טויט. טראָץ די דאָזיקע קלעפּ און אומגליקן, וועלכע האָבן צעבראָכן טויזנטער אַנדערע — האָט זיך אברהם דיאַמאַנט נישט איינגעבראָכן. זיין אינערלעכע שטאַרקייט איז מער געוואַקסן, די קנייטשן אויפן שטערן האָבן זיך פאַרטיפט, דער אויסדרוק פון זיינע אויגן איז געוואָרן שאַרפער און זיינע הענט האָבן זיך צונויפגעפרעסט אין פויסטן.

די ידיעה פון אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד און אַן אַקטיוון קאַמף מיט דער היטלער-בעסטיע האָט אים געמאַכט פאַר אַ פאַנאַטישן אַנהענגער. שוין פונם ערשטן מאָמענט אָן, ווען די קאַמפס-גרופּן זיינען געשאַפן געוואָרן, איז אברהם דיאַמאַנט געווען פאַרבונדן מיט זיי מיט לייב און לעבן. אַ קאַפּראַל פון פּוילישן מיליטער, אַ מוטיקער זעלנער — נעמט ער נאָכאַמאָל די ביקס אין דער האַנט אַריין.

ער האָט נישט געזוכט קיין לויבן און קיין לאָרבן-בלומען. צווישן

זיינע חברים פלעגט ער תמיד זאגן, אז דער קאמף און אפילו דער טויט פון די אידישע קעמפער וועלן נישט זיין קיין אומנויטיקע קרבנות, אז עס וועט נישט גיין לאיבוד. דער קאמף פון די זעלנער אין געטא וועט זיין א קליין רינגעלע אין דער לאנגער קייט פון די פרייהייטס־כוחות אין זייער געראנגל מיטן פאשיזם, וועט זיין דער פונדאמענט פון א בעסערער צוקונפט פאר די אידישע מאסן אויף דער גאנצער וועלט. די קעמפער פון געטא וועלן זיין די בויערס פון מארגן.

ווען דער טאג פון קאמף איז געקומען, האט דער קעמפער דיאמאנט פארנומען זיין פאסטן אויף דעם בוידעם אין הויז אויף שווענטאיערסקא גאס 32. דאס איז געווען דעם 20־טן אפריל 1943. אין דעם דאזיקן טאג האט ער מיט זיין ביקס דער'הרג'עט 7 דייטשן, און ער האט אומטעטיק געמאכט א נעץ פון דייטשע מאשין־געווער. ער האט זיך נישט געשיידט מיט זיין ביקס אפילו אויף איין מינוט. ער האט אפגעשטויסן די אטאקעס פון די דייטשן מיט א ווילדן כוח. ווען די ס.ס.־לייט האבן באלאגערט דאס הויז, ווען זיי האבן זיך אריינבאקומען אויף די באזונדערע שטאקן, האט דער קעמפער דיאמאנט נישט פארלאזט זיין פאסטן — ער האט גע־שפיגן מיט פייער. ערשט דעמאלט ווען די דייטשן האבן זיך אריינגע־ריסן אויפן בוידעם, האט ער זיך צוזאמען מיט א גרופע קעמפער אדורכ־געריסן אויף אן אנדערן שטח.

פון דעם מאמענט אן איז ער כסדר געווען אין באוועגונג. אליין אדער צוזאמען מיט אנדערע קעמפער האט ער זיך ארויסגעלאזט אויס־שפירן דעם שונא, איז ער געווען אין פאטראלן — ער האט זיך נישט געשוינט. ער האט נישט געצווייפלט אויף איין מינוט. ער האט כסדר געקוקט דעם טויט אין די אויגן אריין. דעם ערשטן מאי האט ער גע־קעמפט צווישן די חורבות און ברענענדיקע טיילן פון דעם הויז אויף פראנציסקאנסקא גאס 30. אין דעם דאזיקן הויז האט זיך געפונען א גרויסער באהעלטעניש־פונקט פאר דער ציווילער באפעלקערונג. אן אפ־טיילונג פון דער אידישער קאמפס־ארגאניזאציע האט פארטיידיקט דעם צוטריט צו דעם דאזיקן פונקט. פלוצלינג איז אנגעקומען א ידיעה, אז די דייטשן דערנענטערן זיך צו דעם דאזיקן פונקט און אז זיי האבן זיך שוין דארט אריינגעבראכן. די קעמפער עפענען אויף א שיסעריי. די דייטשן ענטפערן מיט גראנאטן. 3 קעמפער מיט אברהם דיאמאנט אין דער שפיץ רייסן זיך דורך אן אנדער איינגאנג פון דעם באהעלטעניש־פונקט און אטאקירן די דייטשן פון הינטן. 2 דייטשן פאלן טויט, די איבעריקע לויפן זיך פונאנדער. דער ציל איז דערוויל דערגרייכט געווארן. די קעמפער פארנעמען די פאזיציעס אין די רואינען פון דעם שכנות'דיקן הויז. עס דערנענטערט זיך א נייע אפטיילונג פון ס.ס.־לייט. דער קאמף איז א מערדערלעכער. די שאסן, וואס אברהם דיאמאנט גיט אפ, טרעפן

גוט אין ציל. די דייטשן האָבן נישט דעם מוט צוצוקומען נענטער צו דעם פּאָסטן פון די קעמפער. זיי שיסן פון דערווייטנס מיט אויטאָמאַטיש געווער. פּלוצלינג הויבט זיך אָן דער קעמפער דיאַמאַנט צו וואַקלען, אַ קויל טרעפט אים אין האַרץ. ער האָט נאָך געוואָלט אַוועקגעבן זיין ביקס בערלינסקין, דעם אָנפירער פון דער גרופּע, אָבער ער עס שוין נישט באַוויזן. ער איז אַראָפּגעפאַלן מיט זיין ביקס אין די חורבות פון ברענענ־דיקן קעלער. זיין קערפּער האָט מען נישט געפונען. זיין קערפּער איז פאַרברענט געוואָרן.

## 2. דער יונגער פּאַרטיזאַן

דער 16־יעריקער שנן לענט, אַ זון פון איינעם פון די געציילטע אידן טראַמוויי־אַרבעטער און טוער פון די לינקע פּועלי־ציון אין וואַרשע, האָט ער מיט דער מילך פון זיין מוטער איינגעזאַפּט אין זיך די אַטמאָספערע פון געזעלשאַפטלעכן בונט און נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף. ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן, איז ער נאָך געווען אַ שילער פון דער אידישער וועלטלעכער פאָלקס־שולע. אַ פייערדיקער בחור מיט אַ הייסן טעמפּעראַ־מענט, מיט אַ טיפן געפיל פון מענטשלעכן און נאַציאָנאַלן כבוד — האָט ער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די כסדר׳דיקע היטלעריסטישע ליידן און צרות. יעדע באַליידיקונג, יעדע דערנידערונג, יעדע שיקאַנע לגבי דער אידישער באַפעלקערונג האָט ער איבערגעלעבט, ווי אַ פּערזענלעכן אומ־גליק. ער טרוימט וועגן נקמה. ער רייסט זיך צום קאַמף.

ווען די אידיש קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז ענטשטאַנען, האָט לענט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט זיך צו ווערן אַ קעמפער. הגם ער איז געווען זעהר יונג, האָט ער זיך דאָך אויסגעקעמפט דאָס רעכט צו ווערן אַ מיטגליד פון אַ קאַמפּס־אָפּטיילונג.

ווען דער קאַמף האָט אויסגעבראָכן, האָט לענט זיך אַריינגעוואָרפן מיט אַ פאַנאַטישן פייער פון אַן ענטוזיאַסט אין דעם קאַמף אַריין. פרעמד איז פאַר אים געווען דער געפיל פון פּחד. פון יוגנטלעכן פּנים האָט גע־שלאָגן די פרייד פון טאַט. פון אַ יונג אינגל איז ער געוואָרן אַ רייפער מאַן, אַ קעמפער, וואָס איז באַוואוסטזיניק וועגן דער וויכטיקייט פון זיין מיסיע.

פון מינוט צו מינוט איז לענט געוואַקסן אין גייסט. ער האָט גע־ברויזט מיט אַ פייערדיקן פּאַטאָס פון קאַמף. דער טאָג פון 3־טן מאַי איז פאַר אים געווען דער שענסטער טאָג פון זיין לעבן. אין דעם דאָזיקן טאָג האָט ער דער׳הרג׳עט אַ געשטאַפּאָ־אָפיציער און 2 ס.ס.־לייט. ער האָט טריאומפירט. דעם זעלבן טאָג אָבער האָט אים געטראָפן אַ דייטשע קויל. זייענדיק שווער פאַרוואונדעט, ווייל ער נישט זיין קיין באַלאַסט פאַר זיין

קאמפּס־גרופּע. ער וויל אויך נישט אריינפאלן א לעבעדיקער אין די הענט פון שונא. ער בעט א חבר, ער זאל אים דער׳הרג׳ענען און איבערגעבן זיין רעוואלווער דעם אנפירער פון דער אפּטיילונג.

אין די הערצער פון די לעבן־געבליבענע קעמפער וועט לעבן אויף אייביק פארבליבן אין זייער זכרון אלס א סימבאל פון דער ניי־געבוירע־נער אידישער יוגנט.

## 3. די לעצטע רעדע

פייערלעך אנגעפילט מיט טויט און שרעק איז געווען דאס בילד פון קעמפער אברהם אייגער (גוטמאנס אפּטיילונג „דרור" קאמפּס־געביט — „בערשטל־ארבעטער"), ווען ער האט געהאלטן א רעדע פון ערשטן שטאק פון הויז אויף פראנציסקאנסקא 30, דעם 1־טן מאי, צו די אטאקירנדע דייטש סאלדאטן. דער דאזיקער פּארטיזאן, שווער פארוואונדעט אין בויך, האט זיך געראנגלט מיטן טויט. זיין רעוואלווער האט דערפילט די אויפ־גאבע. ער האט אויסגעשאסן זיין אמוניציע־רעזערוו ביז דעם לעצטן קויל. ווען די דייטשן האבן אים אויפגעפאדערט אונטערצוגעבן זיך, ווען זיי האבן אים צוגעזאגט, אז ער וועט בלייבן לעבן, אויב ער וועט אוועקלייגן דאס געווער, האט ער זיי געענטפערט מיט א פלאמענדיקן פּראטעסט. ער האט געהאלטן א רעדע צו די מערדער. אויפן ראנד פון לעבן, מיט א שניידנדיקן וויטאג אין זיינע אינגעווייען, מיט א געפיל פון דעם אנקור־מענדיקן טויט זיינען זיינע ווערטער — קוילן פון א נביא — געווען פול מיט כאראקטער. ער האט זיי געווארפן אין פּנים אריין דעם גאנצן אמת וועגן די היטלעריסטישע מערדערייען. וועגן דעם אומזין פון זייער קאמף, וועגן זייער אומפארמיידלעכער, געמיינער מפּלה, וועגן דער אייביקייט פון אידישן פאלק און וועגן דער שרעקלעכער נקמה, וועלכע זיי דערווארט פאר זייערע אוממענטשלעכע מארדן פון מיליאנען פרויען, קינדער און אלטע לייט.

פון אנהויב זיינען די דייטשן אונטער דעם איינדרוק פון די דאזיקע ווערטער פארשטומט געווארן. די ווערטער פונם שטארבנדיקן קעמפער האבן זיך אפּגעשלאגן מיט א הילכיקן ווידערקול צווישן די ברענענדיקע חורבות.

ווען אברהם אייגער האט זיך אנגעהויבן צו וואקלען אויף זיינע קני, האבן זיך די ס.ס.־לייט אויפגעוועקט, זיינען צוגעלאפן צו אים און מיט א חיה׳שער ווילדקייט אים דערשטאכן מיט זייערע באגנעטן. א פּור־פּור־רויטער פלאמען־מאנטל האט צוגעדעקט דעם יונגער קערפּער. דער טרויער פון געדיכטן און בייסנדיקן רויך האט פארטונקלט די בלויקייט פון הימל.

# זכרונות פון אַ 13-יעריקן אידישן אינגעלע

געשריבן אין וואַרשע, אין אַפּריל 1944

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 איז אויסגעבראָכן די פּויליש־דייטשע מלחמה. דעם 28־טן סעפּטעמבער זיינען די דייטשן אַריין אין וואַרשע. אַזוי שנעל ווי די דייטשן זיינען אַריין אין וואַרשע, האָבן זיי באַלד אויפן צווייטן טאָג גערויבט ביי די אידישע הענדלער און האָבן געכאַפּט מענער אויף שוואַרצע אַרבעט. צווישן אַנדערע אידן האָבן זיי אויך געכאַפּט מיין טאַטע. די דייטשן האָבן געשלאָגן די אידן אַזוי ווי הינט. מיין טאַטע האָט געאַרבעט פון 6 אינדערפרי ביז 10 ביינאַכט. נאָך דער אַרבעט איז דער טאַטע געקומען אַהיים אינגאַנצן אַ צעבראָכענער — די ביינער האָבן אים ווי געטאָן פון אַרבעט און פון שלאָגן. דריי טעג האָט ער נישט געקאָנט שלאָפן. מיר זיינען געווען אין דער היים 5 קינדער און צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע זיינען מיר געווען זאַלבע זיבן. דער עלטערער ברודער איז אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די דייטשן. אויפן וועג האָבן די דייטשן געכאַפּט מיין ברודער צו אַרבעט און האָבן צוגענומען ביי אים דערביי די דאָקומענטן און דעם מאַנטל. ענדלעך איז ער אָנגעקומען אין ביאַליסטאָק, וואו עס איז געווען די סאָוועטישע אַרמיי. אין ביאַליסטאָק האָט ער זיך פאַרשריבן אויף אַרבעט קיין מינסק. ער האָט געאַרבעט דאָרט אַ יאָר צייט. ער האָט באַקומען אורלויב און איז געפאָרן קיין טאַשקענט צום פעטער וועוועק. דעם 3־טן דעצעמבער 1940, אינדערפרי, איז געקומען דער בריוו־טרעגער און האָט אונז געבראַכט אַ בריוו און אַ שפּייז־פּעקל פון ברודער אין רוסלאַנד. מיר האָבן זיך זעהר געפרייט, אַז מיר האָבן עפּעס ידיעות פון ברודער. דאָס פּעקל איז אונז צונויץ געקומען, אָבער די מאַמע האָט פאַרקויפט דאָס פּעקל, פאַר וועלכן זי האָט באַקומען עטלעכע צענדליק זלאָטעס צו האַנדלען.

דעם 15־טן נאָוועמבער 1940 האָבן די דייטשן גענומען די אידן אין געטאָ אַריין און זיי אַרומגערינגלט מיט הויכע מויערן. שפּייז איז באַלד טייער געוואָרן. האָבן דעריבער מיין ברודער און איך זיך דורכגעגנב'עט דורך די לעכער אויף דער אַרישער זייט צו קויפן קאַרטאָפל, כדי אויף דעם אופן צו פאַרדינען אויף אויסצוהאַלטן אונזערע עלטערן און זיך אַליין. אַרויסצובאַקומען זיך אויסער די מויערן איז געווען זעהר געפערלעך, ווייל יעדן אינגל, וועלכן די דייטשן האָבן געכאַפּט, פלעגן זיי דערשיסן. דאָך האָבן מיין ברודער און איך געמוזט זיך ־אַריבער'גנב'ענען, ווייל אין דער היים איז נישט געווען וואָס צו עסן און דער טאַטע האָט

נישט געקאָנט פאַרדינען, ווייל מען האָט כסדר געכאַפּט מענער צו אַרבעטן און אָוועקגעשיקט זיי אין די לאַגערן. האָבן מיר דעריבער בעסער געוואָלט איינשטעלן אונזער לעבן, איידער אומצוקומען פון הונגער. און אַזוי האָבן מיר געלעבט אַ פּאָר וואָכן.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט אַ פּאָליציאַנט געכאַפּט מיין ברודער און צוגענומען ביי אים די גאַנצע סחורה. האָבן מיר נישט געהאַט פון וואַנען צו לעבן, זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען אויף דעם אַרישן טייל, אויף מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס, צו קויפן סאַכאַרין, אויף וועלכע מען האָט געקאָנט פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן. ליידער האָבן מיך געכאַפּט 2 זשאַנדאַרמען אין געשעפט אויף מאַרשאַלקאָווסקאַ גאַס, וועלכע האָבן מיך געדראָט, אַז זיי וועלן מיך דערשיסן, ווייל איך בין אַ איד. זיי האָבן מיך אָבער נאָר אָוועקגעפירט אין 11־טן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אויף פּאָזנאַנסקאַ גאַס 13. איך בין דאָרט געווען 48 שעה, דערנאָך האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט און מען האָט מיך געהייסן צוריקקערן זיך אין געטאָ. אויפן וועג האָב איך אָנגעזאַמלט 3 זלאָטעס און אַביסל ברויט און איך האָב זיך צוריקגעקערט אין געטאָ. עטלעכע טעג שפּעטער, בין איך ווידער אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ און בין געגאַנגען אין מאַרק אויף קאַשיקאָווא גאַס. דאָרט האָט מיך ווידער ליידער געכאַפּט אַ ס.ס.־אָפיצער, וועלכער האָט מיך אָפּגעפירט אין 11־טן קאָמיסאַריאַט אויף דער פּאָזנאַנסקאַ גאַס. דאָרט בין איך שרעקלעך דורך אים געשלאָגן געוואָרן מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. דערנאָך האָט ער געהייסן אַ פּוילישן פּאָליציאַנט אָפּפירן מיך אויפן פּאָסטן פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, כדי זיי זאָלן מיך דאָרט דערשיסן. כ׳האָב געהאַט מזל — פאַרן איינגאַנג אין געטאָ איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַ גוטער זשאַנדאַרם, האָט ער מיר געגעבן עטלעכע זעץ אין קאָפּ אַריין און האָט מיך געהייסן אַנטלויפן אין געטאָ אַריין.

ווען איך בין אַהיימגעקומען, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מיין ברודער זיצט שוין זייט 3 טעג אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט פאַרן אַריבער־גיין אויף דער אַרישער זייט, און קאָן נישט אַהיימקומען, ווייל ער האָט אָפּגעפרוירענע פיס. איך בין געפאָרן מיט אַ „ריקשאַ" אין פּאָליציי־קאָ־מיסאַריאַט און איך האָב אַהיימגעפירט מיין ברודער. ער האָט געמוזט בלייבן עטלעכע וואָכן אין בעט, זיך אויסצוהיילן.

ווען מיין ברודער איז געזונט געוואָרן, בין איך אַרויסגעגאַנגען צו־זאַמען מיט אים אויף דער אַרישער זייט, כדי צו פאַרדינען אויף ברויט. אַזוי האָבן מיר געלעבט ביז דעם 22־טן יולי 1942, דאָס הייסט ביז צו דעם טאָג, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן דעפּאָרטירן די אידן אויף מזרח, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך עטלעכע טעג פאַר נישט־אמת, ווייל מען האָט די אידן אַרויסגעשיקט, אַנשטאָט אויף מזרח — אין טרעבלינקע אויף טויט. צוליב דעם ווייל די שפּייז אין געטאָ איז באַלד זעהר טייער געוואָרן

און דאָס אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט איז געווען אוממעגלעך, ווייל די מויערן זיינען געווען אַרומגעשטעלט מיט אוקראַינער און לעטען, וועלכע האָבן אָן רחמנות אויף יעדן געשאָסן — איז, עטלעכע טעג פאַר די בלאָקאַדן, מיין יונגסטער ברודערל, לעאָן, געגאַנגען אין געטאָ אַריין, כדי צו שפּייזן די עלטערן. דעם ערשטן טאָג פון די בלאָקאַדן האָבן זיי אַרויס־געפירט קיין טרעבלינקע מיין ברודערל, די מאַמע, דעם טאַטן און די שוועסטער, וועלכע זיינען דאָרט אומגעקומען. איך בין געבליבן אַליין מיטן ברודער, פאַרלאָזט פון אַלעמען. מיר האָבן זיך געמוזט באַמיען צו פאַרדינען אויף לעבן. דעמאָלט האָבן די דייטשן און די פּוילישע פּאָ־ליציי איינגעאָרדנט אַבלאַוועס אויף אידן אין דעם אַרישן טייל. זיי האָבן געכאַפּט אַ סך אונזערע קאָלעגן. פון געטאָ האָט מען אַרויסגעפירט אַז אויפהער ווייטער אידן קיין טרעבלינקע. האָב איך זיך אָפּגערעדט מיט מיין ברודער צוריקצוגיין אין געטאָ, כדי אין די פאַרלאָזענע אידישע דירות צו זוכן פאַר זיך אַ אנצוג און שיך, ווייל דער ווינטער קומט אָן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין אנצוג. מיין ברודער איז אַליין צוריק־געגאַנגען אין געטאָ, וואו ער האָט זיך באַקענט מיט הער קאָהען, וועלכער האָט אים גענומען צו זיך. עטלעכע טעג שפּעטער איז געקומען נאָך מיר מיין ברודער און מיר זיינען געגאַנגען צו קאָהענס, וואו מיר האָבן זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע מאָנאַטן.

דעם 15־טן יאַנואַר 1943 האָבן די דייטשן אָנגעהויבן די ווייטערדיקע אַקציע, האָבן אַרומגערינגלט די געטאָ מיט אוקראַינער און האָבן אַרויס־געשלעפּט פון די הייזער אידן אַוועקצושיקן קיין טרעבלינקע. ווער עס האָט געקאָנט, האָט זיך באַהאַלטן אין אַ באַהאַלטעניש. לײַדער האָבן די דייטשן ענטדעקט אַ סך באַהעלטענישן, און די אידן, וועלכע זיי האָבן גע־פונען, האָבן זיי אויפן אָרט דערשאָסן. איך מיט מיין ברודער האָבן זיך אויך באַהאַלטן. מיר האָבן געהאַט מזל — זיי האָבן אונז נישט געפונען און מיר זיינען ווייטער געבליבן ביי הער קאָהען, אויף מילא גאַס 49, וואוינונג 24.

אין מערץ 1943 האָב איך זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט, ווייל עס האָבן ווידער געדראָפּט זיין בלאָקאַדן, און פּאַקטיש דעם 19־טן אַפּריל האָבן די דייטשן אָנגעהויבן די לעצטע דעפּאָרטאַציע פון אידן. עטלעכע טעג פאַר דער דאָזיקער אַקציע איז מיין ברודער אויך אַנטלאָפן פון געטאָ און מיר זיינען צוזאַמען געווען אויף דער אַרישער זייט. עס איז אונז געווען גוט, ווייל אַ סך רחמנות׳דיקע מענטשן האָבן אונז געשטיצט. די לעצטע אַקציע האָבן די דייטשן דורכגעפירט זעהר בלוטיק, ווייל זיי האָבן דערשאָסן אַ סך מענטשן אויפן אָרט און האָבן פאַרברענט הייזער צוזאַמען מיט מענטשן אין די באַהעלטענישן. אונזערן באַשיצער קאָהען האָבן זיי צוזאַמען מיט זיין זון אַרויסגעשיקט מיט אַ

טראַנספּאָרט קיין לובלין. אויפֿן וועג איז געלונגען קאָהענס זון אַרויסצושפּרינגען פֿון וואַגאָן אין אָטוואָצק. ער איז טאַקע געשאָסן געוואָרן אין די פֿיס אַריין, אָבער ער האָט זיך דערשלעפּט ביז וואַרשע, און האָט מיך אָפּגעזוכט מיט מיין ברודער און מיר האָבן זיך געמוזט מיט אים איצט פֿאַרנעמען. אין געטאָ אַריין האָט מען נישט געקאָנט צוריקגיין, ווייל אַלע הייזער, וואו די אידן האָבן געוואוינט, זיינען געוואָרן פֿאַרברענט, און מיר זיינען געגאַנגען איבער די הייזער. די רחמנות׳דיקע מענטשן האָבן אונז געגעבן עטלעכע גראָשן, פֿאַר וועלכע מיר האָבן קודם־כל געקויפֿט מעדיצינען און באַנדאַזשן פֿאַר אונזער קאָלעגע. מיט אונזער קאָלעגע זיינען מיר געווען זאַלבעדריט נאָר 6 טעג, ווייל אימיצער האָט אונז גע׳מסר׳ט אויף דער פּאָליציי, וועלכע האָט אַרומגערינגלט אונזער באַהעלטעניש אין דרעשערס גאָרטן אויף דער אדיניעץ גאַס. זיי האָבן געכאַפּט מיין ברודער און קאָהענס זון און זיי אָפּגעפֿירט אין קאָמיסאַריאַט אַריין אויף דער אדאַלאַנסקא גאַס, פֿון וואַנען מען האָט זיי איבערגעגעבן אין דייטשע הענט. מיך האָט אויך איינגעהאַלטן אַ פּאָליציאַנט, אָבער איך האָב זיך אַרויסגעריסן פֿון זיינע הענט און אַ דאַנק דעם בין איך געראַטעוועט געוואָרן. מיין ברודער און קאָלעגע האָבן נישט געקאָנט אַזוי טאָן, ווייל דער קאָלעגע איז געווען פֿאַרוואונדעט אין פֿוס און ער האָט נישט געקאָנט אַנטלויפֿן. נאָך מיין אַנטלויפֿן האָבן די פּאָליציאַנטן פֿעסט געהאַלטן מיין ברודער. אַממיינסטן האָט זיך ביי דעם אויסגעצייכנט אַ פּוילישער פּאָליציאַנט, וועלכער וואוינט אויף דער וויקטאָרסקא גאַס 3, אויפֿן פּאַרטער. נאָכדעם ווי דער קאָלעגע און מיין ברודער זיינען צוגענומען געוואָרן, בין איך ווידער געבליבן איינזאַם, פֿאַרלאָזט פֿון אַלעמען. אין געטאָ האָב איך אויך נישט געקאָנט צוריקגיין, ווייל די דייטשן האָבן אַרויסגעפֿירט אַלע אידן פֿון וואַרשעווער געטאָ אויף טויט קיין לובלין, פּאָניאַטאָוו, טרעבלינקע און טראַווניקי. בין איך געווען אַליין אויף דער אַרישער זייט. ווען איך בין געגאַנגען אויפֿן פּלאַץ פֿון אוניא לובעלסקא האָט מיך איינגעהאַלטן אַ פּאָלקסדייטש מיט אַ געשריי — איד! איך וועל דיך אָפּפֿירן צו די דייטשן — און ער האָט אָנגעהויבן מיטן גאַנצן כוח צו רופֿן נאָך הילף. אויף מיין מזל איז נישט געווען אין דער שכנות קיין פּאָליציאַנט. כ׳האָב דעם דייטש אַ ביס געטאָן אין דער האַנט אַריין און געקאָנט אויף אַזאַ אופֿן אַנטלויפֿן. ער האָט מיך, וואָס אַ אמת, לאַנג נאָכגעיאָגט, אָבער צו מיין גליק האָט ער מיך נישט געקאָנט כאַפּן. דער דאָזיקער פּאָלקסדייטש וואוינט אויף פּאַצימסקא גאַס 13, אין פּראָנט, אויפֿן 4־טן שטאָק. אין מיין וואַנדערונג האָב איך געטראָפֿן אַ סך רחמנות׳דיקע מענטשן, אַ דאַנק וועלכע איך האָב געקאָנט לעבן.

און אַזוי נאָכדעם, ווי מען האָט צוגענומען מיין ברודער און ווען איך בין אַ פֿאַרוויינטער געשטאַנען אין גאָרטן — איז צוגעקומען צו מיר

פרוי ד. . . . , וועלכע האט מיך בארואיקט, גענומען צו זיך אהיים, געגעבן מיר פרישטאג און 30 זלאטעס און געהייסן מיך קומען צו איר אפטער. צוויי טעג שפעטער, נאכדעם ווי מען האט צוגענומען מיין ברודער, האב איך געטראפן אויף דער ראקאוויעצקא גאס א אידיש אינגל, חיים בורשטיין, וועלכער איז אלט געווען 12 יאר. איך בין 13 יאר אלט און דער אינגל איז, אזוי ווי איך, געבליבן איינער אליין. האבען מיר באשלאסן צו האלטן זיך צוזאמען. מיר האבן געהאט אונזער באהעלטעניש אויף דער טשעטשאטא גאס, וואו מיר האבן איינגעארדענט אונזער דירה. עטלעכע טעג שפעטער האבן מיר געטראפן אויף דער טיניעצקא גאס די פרוי עווא ר . . ., וועלכע האט אונז געהייסן קומען יעדע עטלעכע טעג אויף מיטאג און זי האט אונז אפילו געגעבן אנצוגן און געלט אויף א גאנצער וואך צום עסן — און אזוי איז אונז צוזאמען מיט חיים׳ל די צייט אוועקגעגאנגען. בייטאג זיינען מיר געגאנגען צוזאמען אויף די גאסן, אכטונג געגעבן איבעראל, אז אימיצער פון די דורכגייער זאל אונז נישט איבערגעבן אין די הענט פון דער פאליציי און זשאנדארמען. אויף דער ראקאוויעצקא גאס איז אונז געווען ווי אמבעסטן, ווייל די איינוואוינער פון דער דאזיקער גאס זיינען צו אונז געווען זעהר פריינדלעך געשטימט און מיר האבן אפילו געקאנט קויפן א שטופ־וועגעלע און א גאנצן טאג געקאנט פארן איבער דער גאס. ליידער האט אונז, אויף פיליצקא גאס, סטאניסלאוו זוכמאנטאוויטש, וועלכער וואוינט אויף דער פיליצקא גאס 23, פאר׳מסר׳ט פאר דער פאליציי, אז אידן פארן אויף א שטופ־וועגעלע און שטערן די רו. צוליב דעם איז געקומען די פאליציי צו נעמען אונז צוזאמען מיטן שטופ־וועגעלע. צום גליק האט זיך דאס געענדיקט דערמיט, וואס די פאליציי האט נאר צוגענומען דאס שטופ־וועגעלע, ווייל מיר האבן געהאט מזל און עס איז אונז געלונגען צו אנטלויפן. צו אונזער גרויסער פרייד האבן מיר דעם אנדערן טאג אפגעקויפט אונזער שטופ־וועגעלע פון איינעם וואס האט עס געקויפט פון דעם פאליציאנט. און אזוי האט דאס זיך איבערגע׳חזר׳ט דריי מאל. צום לעצטן מאל, ווען מען האט אונז צוגענומען דאס שטופ־וועגעלע, איז מיט גרויסע שוועריקייטן אונז געלונגען צו אנטלויפן, אבער דאס וועגעלע האבן מיר נישט געקאנט צוריקבאקומען. א צייט שפעטער זיינען מיר אנטקעגנגעקומען 3 פאליציאנטן אויף דער פיליצקא גאס. צוליב דעם, וואס עס איז געווען פינסטער, האב איך נישט געזען די אנקומענדיקע געפאר, און ערשט נאכדעם, ווען זיי האבן מיר אריינגעלויכטן מיט א לעמפל אין די אויגן אריין, האב איך אנגעהויבן מיט אלע כוחות צו אנטלויפן. איין פאליציאנט האט מיך געכאפט פאר דער האנט, אבער איך האב זיך ארויסגעריסן, און א דאנק דעם, וואס עס איז געווען פינסטער, איז מיר ווידער געלונגען צו ראטעווען דאס לעבן.

אויף דער ראקאוועצקא גאס האבן מיך ארומגערינגלט פוילישע און דייטשע אינגלעד, וועלכע וואוינען אויף דער נארבוטא גאס 52, האבר מיך אנגעהויבן צו שלאגן, און איינער פון זיי איז אוועקגעלאפן צו טעלעפאנירן די זשאנדארמען, זיי זאלן מיך צונעמען אויף טויט. אויף מיין מזל האט זיך פאר מיר אנגענומען א געוויסער פרוכטהענדלער, וועלכער האט אין דער שכנות געהאט זיין פרוכט־שטענדער, האט א זעץ געטאן איין אינגל אין פנים אריין און מיר איז געלונגען צו אנטלויפן דורך דעם הויף פון הויז אויף אספאלטאווא גאס אויף דער אפאטשינסקא גאס. עטלעכע מינוט שפעטער איז דאס הויז אויף דער אספאלטאווא גאס ארומגערינגלט געווארן פון זשאנדארמען, ווייל די אינגלעך האבן אנגעוויזן, אז איך באהאלט זיך אויס אין דעם הויז. און צוליב דעם, וואס זיי האבן מיך נישט געפונען, ווייל איך בין שוין אנטלאפן דורכן פלויט, האבן די זשאנדארמען פון גרויס בייזקייט צוגענומען ביי מיין פארטיידיקער אלע פרוכטן.

אויף אזא אופן האב איך געראטעוועט מיין לעבן און כ'האב ווידער אנגעהויבן מיין וואנדער־לעבן. איך פלעג גיין צו איין פרוי אויף דער מאלטשעווסקא גאס, וואו איך פלעג באקומען זעהר אפט מיטאג און וואו איך האב אפילו באקומען פאר זיך און מיין חבר חיים אנצוגן. ביז מיר זיינען איין טאג געקומען צו א געוויסער פרוי אויף דער פיליצקא גאס און דארט זיינען מיר געווער געווארן, אז א פרוי זוכט אונז, וועלכע וויל אונז רעקאמענדירן צו אן אנדער פרוי, וועלכע פארנעמט זיך מיט איינארדענען היימלאזע אידן. מיר האבן זיך זעהר געפרייט, ווייל עס איז אונז שוין געוועזן שווער אזוי לאנג צו וואלגערן זיך, און ספעציעל דערפאר, וואס מען האט ענטדעקט אונזער נארע, און מיר האבן געמוזט נעכטיקן אויף די טרעפ אין די הייזער, וואס איז געווען זעהר געפערלעך. נאך עטלעכע טעג זיין אויף דער פיליצקא גאס ביי אונזער באקאנטער פרוי, האבן מיר געטראפן פרוי מארישא, וועלכע האט אונז צוגעזאגט צו באקומען פאר אונז א דירה אין א וואלד ארום. מיר האבן זיך געמאטערט די גאנצע וואך, ביז ס'איז אנגעקומען פאר אונז די גליקלעכע מינוט, ווען מען האט אונז איינגעארדענט אין א ריינער און ווארימער דירה.

---

איינע פון די הילפס־קעמערלעך פון דעם אידישן נאציאנאלן קאמיטעט האט זיך פארנומען מיט די דאזיקע אינגלעך.

# אַ יאָר אין טרעבלינקע

„אַ יאָר אין טרעבלינקע" פון י. ל. איז אַרויסגע-
געבן געוואָרן אין 1944 אין וואַרשע אין דער פאָרם
פון אַ בוך דורך דעם אידישן קאָאָרדינאַציע-קאָמיטעט

## טייערער לעזער!

בלויז צוליב דיר האָב איך פאַרלענגערט מיין אָרים לעבן. פאַר מיר האט דאָס לעבן פאַרלוירן יעדן רייץ, ווייל צי קאָן איך פריי עטעמען און פרייען זיך מיט אַלץ, וואָס די נאַטור האָט געשאַפן?

זייער אָפט וועק איך זיך אויף ביינאַכט מיט פיינלעכע קרעכצן. קאָשמאַרן רייסן זיך איבער מיין שלאָף. איך זע טויזנטער מתים, וועלכע ציען אויס צו מיר זייערע טויטע הענט און בעטן רחמנות. אַ באַגאָסענער מיט אַ שווייס, ראַנגל איך זיך אומבאַהאָלפן. איך וועק זיך דערמאַלט אויף, רייב אויס די אויגן און פריי זיך, וואָס עס איז בלויז אַ חלום. מיין לעבן איז פול מיט סם. טויטע גייסטער זע איך תמיד פאַר מיינע אויגן. קינדער, קינדער און נאָכאַמאָל קינדער.

אַלע מיינע נאָענטסטע האָב איך פאַרלוירן. איך האָב זיי אַליין געפירט צום טויט. איך האָב אַליין געבויט פאַר זיי די טויט־קאַמערן.

היינט בין איך אַן אַלטער, היימלאָזער מענטש. אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַ משפחה, אָן נאָענטע. איך רעד אַליין צו זיך. איך דערצייל זיך אַליין. איך בין נע־ונד. מיט פחד באַזוך איך אַ מענטשלעכן ישוב. עס דוכט זיך מיר, אַז אַלע מיינע איבערלעבונגען זיינען אויסגעקריצט אויף מיין פנים. ווען איך קוק זיך צו צו זיך אין אַ וואַסער אָדער אַ טייכל — שרעק און פאַרוואונדערונג קרימען אויס מיין פנים. צי בין איך ענלעך צו אַ מענטש? ניין. הונדערט מאָל ניין. באַוואַקסן, אָפּ־געלאָזט, פאַרניכטעט. הונדערט יאָרהונדערטער שלעפּ איך אויף מיינע פּלייצעס. ס'איז מיר שווער. אַך ווי שווער איז מיר. אָבער דערווייל מוז איך דאָס טראָגן זיי. כ'וויל און מוז. איך, וועלכער האָט געזען די פאַר־טיליקונג פון 3 דורות, מוז לעבן פאַר דער צוקונפט. די גאַנצע וועלט מוז זיך דערוויסן וועגן די שאַנד־טאַטן פון די באַרבאַרן. יאָרהונדערטער און דורות מוזן זיי פאַרדאַמען. דווקא איך — מוז גורם זיין צו דעם. אין דער

דרייסטער פאַנטאַזיע אַפילו קאָן זיך קיינער ניט שאַפן אַזאַ בילד, וועלכעס איך האָב געזען און איבערגעלעבט. קיין שום פעדער איז ניט בכוח דאָס צו באַשרייבן. איך וויל איבערגעבן אַלץ גענוי. זאָלן מענטשן וויסן. זאָל די גאַנצע וועלט וויסן, וואָס עס איז די „מערב־קולטור". איך האָב געליטן, פירנדיק מיליאָנען אויף אומקום, זאָלן זיך מיליאָנען וועגן דעם דערוויסן. צוליב דעם לעב איך. דאָס איז מיין איינציקער ציל. אין מיין איינזאַמקייט טראַכט איך וועגן דעם אַלעמען און גיב עס גענוי איבער. די איינזאַמקייט און די רו זיינען מיינע געטרייסטע פריינד. בלויז דער געזאַנג פון די פייגעלעך באַגלייטן מיך אין מיין טראַכטונג און אין מיין אַרבעט. אַ, טייערע פייגעלעך. איר האָט מיך נאָך ליב. אויב נישט — וואָלט איר נישט אַזוי פריילעך געזונגען און איר וואָלט זיך נישט אַזוי שנעל געפילט מיט מיר אַזוי היימיש. כ'האָב אייך ליב. אַזוי ווי איך האָב ליב יעדע באַשעפעניש פון גאָט. אפשר וועט איר מיך אויסהיילן. אפשר וועל איך נאָך קאָנען אַמאָל לאַכן.

אפשר וועט דאָס זיין דעמאָלט, ווען איך וועל ענדיקן מיין אַרבעט און ווען אונזערע פיס וועלן פריי ווערן פון די שקלאַפן־קייטן.

---

דאָס איז געשען דעם 23־טן אויגוסט 1942 אין וואַרשע בשעת דער בלאָקאַדע. איך בין דעמאָלט געווען ביי שכנים און כ'האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַהיימצוגיין. פון אַלע זייטן האָט מען געהערט מאַשינגעווער שיסן. מיר האָבן נישט געוואוסט דעם ביטערן אמת. דאָס אַריינקומען פון דייטשע „שאַרפפירער" און אוקראַאינישע „וואַך־מענער" האָבן נאָך פאַרגרעסערט אונזער אומרו. מיט אַ הילכיקן און דראָענדיקן קול האָבן זיי געשריגן: „אַלע אַרויס!" אויף דער גאַס האָט דער „שאַרפפירער" איינגעשטעלט אַלע אין רייען. פאַרזאַמלט זיינען געווען אַלע, אָן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער. דער „שאַרפפירער" האָט אויסגעפירט זיין אַרבעט מיט פאַרגעניגען און צופרידנהייט. זיין פּרצוף האָט געשיינט מיט שמייכלען. אומעטום איז ער געווען. אומעטום האָט ער זיך באַוויזן. ער האָט אונז באַקוקט און סאָרטירט. זיין בליק האָט זיך דורכגעגליטשט דורך אַלע. מיט אַ סאַדיסטישן שמייכל האָט ער געקוקט אויף דעם גרויסן ווערק פון זיין גרויס פאַטערלאַנד, וואָס וועט מיט איין פאַרזוך אַ סוף מאַכן צו אַלץ און מאַכן אַ תל פון אַלץ. מיין בליק פאַלט אויף זיין פּרצוף. ער איז דער געמיינסטער פון אַלע. אַ מענטשנס לעבן איז פאַר אים גאָרנישט. צו טויטן אַ מענטש אין די גרעסטע פייניקונגען איז געווען פאַר אים דאָס גרעסטע פאַרגעניגן. פאַר זיינע „העלדישקייטן" איז ער באַשימט געוואָרן אַלס „אונטער־שאַרפפירער". זיין נאָמען איז געווען פראַנץ. זיין הונט האָט געהייסן באַרי, אָבער וועגן דעם אַ ביסל שפּעטער. איך בין געשטאַנען אין דער רייע אַנטקעגן מיין הויז אויף וואַ־

לינסקא גאס. פון דארט האט מען אונז ארויסגעפירט אויף זאמענהאף גאס. אין אונזער געגענוואַרט האבן זיך די אוקראַינער געטיילט מיט דעם רויב. זיי האבן זיך געקריגט צווישן זיך, האבן פאנאנדערגעלייגט די זאכן און סעגרעגירט זיי. אויף דער גאס האט געהערשט א שטילקייט, הגם א גרויסער עולם איז געווען פארזאמלט. א שטומע און אומברחמנותדיקע פארצווייפלונג האט ארומגענומען אלעמען. וואס פאר רעזיגנאציע. דאך האבן מיר זיך נישט אפגעגעבן קיין דין וחשבון וועגן דער ווירקלעכקייט. מען האט אונז פאטאגראפירט אזוי ווי חיות פון פאר־מבולס־צייטן. איינ׳יקע האבן אפילו ארויסגעוויזן צופרידנקייט. . . . איך אליין האב געהאפט צו קאנען אהיימגיין. כ׳האב געמיינט, אז מען וועט אונז לעגיטימירן. אויפן באפעל, רירן מיר פון ארט. וואס פאר א גרויל. די נאקעטע ווירקלעכקייט האט זיך באוויזן פאר אונזערע אויגן. וואגאנעס. לײדיקע וואגאנעס. דער זומערדיקער טאג איז א הערלעכער און א הייסער. עס דוכט זיך, אז די זון בונטעוועט זיך געגן דער דאזיקער אומרעכט. וואס זיינען שולדיק אונזערע פרויען, קינדער און מאמעס? פארוואס? די זון באהאלט זיך אונטער די כמארעס. עס איז הערלעד, שטראלנדיק ליכטיק. די זון וויל נישט קוקן אויף אונזער דערנידערונג און אונזערע ליידן.

ס׳פאלט א באפעל אריינצוגיין אין די וואגאנעס אריין. זיי פאקן אריין צו 80 פערזאן. דער וועג צוריק איז אפגעשלאסן. כ׳האב געהאט אויף זיך נאר מיינע הויזן, מיין העמד און מיינע פאנטאפל. אין דער היים איז געבליבן מיין רוק־זאק מיט די צוגעגרייטע זאכן און הויכע שטיוול. כ׳האב דאס אלץ פריער צוגעגרייט, ווייל ס׳האבן זיך פארשפרייט קלאנגען, אז מען וועט אונז אוועקשיקן קיין אוקראינע אויף ארבעט. דער צוג איז אריבער פון איין זייטיקער ליניע אויף דער אנדערער. איך האב געקענט דעם דאזיקן באן־קנויט און כ׳האב פארשטאנען, אז מיר שטייען אויף איין ארט. די אוקראניער האבן זיך דערוויל זעהר גוט געוויילט. ס׳האבן זיך דערטראגן צו אונז זייערע הויכע געשפרעכן און זייערע פרייליכע געלעכטער. אין וואגאן ווערט וואס אמאל דושנער, ס׳פעלט לופט צום אטעמען. הילפלאז, אומעטיק און שרעקלעך. מיין בליק האט ארומגענומען אלץ און אלעמען. אבער כ׳בין דאך נישט געווען ביכולת ארומצונעמען דעם גרויס פון אומגליק. כ׳האב געגלויבט אין ליידן, נע־ונד זיין און אין הונגער, אבער איך האב נישט געגלויבט, אז אז אומברחמנותדיקע האנט פון א תליון וועט הענגען איבער אונזערע קעפ, איבער אונזערע קינדער און איבער אונזער גאנצער עקזיסטענץ. אין אומענדלעכע ליידן קומען מיר אן קיין מאלקין. דא זיינען מיר געשטאנען א גאנצע נאכט. אוקראינער זיינען אריין אין וואגאן און האבן פארלאנגט חפצים. אלע האבן געגעבן וואס זיי האבן געהאט, כדי כאטש אויף א ווײלע צו ראטעווען זייער לעבן. איך האב ליידער גארנישט געהאט. ערשטנס, בין איך צופעליק ארויס פון

הויז; צווייטנס, האָב איך אַלץ בשעת דער מלחמה פאַרקויפט, כדי צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן, ווייל איך האָב דאָך גאָרנישט פאַרדינט. אינ־דערפרי האָט דער צוג זיך גערירט פון אָרט און מיר זיינען פאַרפאָרן אויף דער סטאַנציע טרעבלינקע. כ'האָב באַמערקט אַ דורכלויפנדיקן צוג, אין וועלכן עס זיינען געווען אָפּגעריסענע און האַלב־נאַקעטע מענטשן. זיי האָבן עפּעס געזאָגט צו אונז, אָבער מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען. דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער. געפערלעך דורשטיק. מיר זיינען געווען זייער דאַרשטיק. מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. פויערים האָבן געבראַכט וואַסער און האָבן פאַרלאַנגט פאַר אַ פלאַש וואַסער 100 זלאָטעס. איך האָב נאָר געהאַט אַ פּאַפּירענעם צענער־זלאָטע און 3 זילבער־מטבעות פון 2, 5 און 10 זלאָטעס מיט דעם בילד פון מאַרשאַל (פּילסודסקי), וועלכע איך האָב באַהאַלטן, אַלס אַן אָנדענקונג. צוליב דעם האָב איך גע־מוזט רעזיגנירן פון וואַסער. אַנדערע האָבן געקויפט וואַסער. פאַר איין קילאָ שוואַרץ ברויט האָט מען געצאָלט 500 זלאָטעס. דער דורשט האָט מיך גע־פּייניקט ביז מיטאָג. שפּעטער איז אַריינגעקומען דער צוקונפטיקער „הויפּט־שטורמפירער". ער האָט אויסגעקליבן 10 מענטשן, וועלכע האָבן אונז גע־בראַכט וואַסער. מיין דורשט איז אַ ביסל געשטילט געוואָרן. מען האָט באַפוילן צו באַזייטיקן די מתים, וועלכע זיינען אָבער נישט געווען צו געפינען. 4 אַזייגער מיטאָג האָט דער צוג גערירט. עטלעכע מינוט שפּעטער זיינען מיר פאַרפאָרן אין לאַגער טרעבלינקע. ערשט דאָרט איז אונז אַראָפּ־געפאַלן דער שלייער פון די אויגן (ערשט דאָרט האָבן מיר דערזען די ביטערעווירקלעכקייט). אויף די דעכער פון די באַראַקן זיינען געשטאַנען די אוקראַינער מיט ביקסן און מאַשין־געווער. דער פּלאַץ איז געווען פאַר־זייט מיט טויטע קערפּער. זיי זיינען געווען נאַקעטע מתים און מתים אין די קליידער. זייערע פּנימער זיינען געווען אויסגעקרימט פון שרעק און שוידער. זיי זיינען געווען שוואַרץ און געשוואָלן. די אויגן ברייט אָפן, די צונגען זיינען אַרויסגעהאַנגען, צעבראָכענע שאַרבנס, דעפאָרמירטע קערפּער. איבעראַל בלוט. אונזער אומשולדיק בלוט. בלוט פון אונזערע קינדער, ברידער און שוועסטער. בלוט פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס. מיר, די הילפלאָזע, פילן, אַז מיר וועלן נישט אַנטגייען אונזער גורל. אויך מיר וועלן אומקומען. אָבער וואָס קאָן מען צו דעם העלפן? הלואי וואָלט עס נאָר געווען אַ קאַשמאַרנער חלום. אָבער ניין, דאָס איז ניט קיין חלום — דאָס איז די נאַקעטע ווירקלעכקייט. ליידער איז דאָס די אַזוי־גערופענע דעפּאָרטאַציע — די דעפּאָרטאַציע אויף דער אַנדערער וועלט אין אוממענטשלעכע ליידן. ס'פאַלט אַ באַפעל אויסצושטייגן פון די וואַ־גאָנען און איבערצולאָזן דאָרטן די פּעקלעך. מען פירט אונז אַרוים אויפן הויף. פון ביידע זייטן הויף זיינען געווען באַראַקן. עס זיינען געווען 2 גרויסע טאָוולען מיט אויפשריפטן, מען זאָל אוועקגעבן גאָלד, זילבער,

בריליאַנטן, געלט און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. פאַר נישט אָוועקגעבן דראַט טויט. אויף די דעכער זיינען געשטאַנען אוקראַינער מיט מאַשין־געווער. די פרויען און קינדער האָט מען געהייסן גיין אויף דער לינקער זייט, די מענער האָט מען געהייסן זיך זעצן אויף דער רעכטער זייט אין הויף. ווייט פון אונז זיינען געשטאַנען מענטשן און געאַרבעט. זיי האָבן צוזאַמענגעלייגט פעקלעך, וועלכע זיי האָבן אויסגעלאָדן פון די וואַגאָנעס. איך האָב זיך אַריינגעגנבעט צווישן די אַרבעטנדיקע. איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן און האָב באַקומען דעם ערשטן זעץ מיט אַ נאַהאַיקע פון אַ דייטש, וועלכן מיר האָבן גערופן פראַנקענשטיין. די פרויען און קינדער האָט מען זיך געהייסן אויסטאָן. וואָס זיי האָבן געטאָן מיט די מענער האָב איך נישט באַמערקט. איך האָב זיי מער נישט געזען. פאַרנאַכט איז אָנגעקומען נאָך אַ צוג פון מעזריטש. דאָרט איז געווען 80 פּראָצענט טויטע. מיר האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן. מען האָט אונז געשלאָגן אָן רחמנות ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט. איך האָב גע־פרעגט איינעם פון די אַרבעטער וואָס זאָל דאָס אַלץ באַדייטן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דער, מיט וועלכן מען רעדט היינט, דער וועט שוין מאָרגן נישט זיין. מיר וואַרטן אין שרעק און אין דענערוווירונג. אַ ביסל שפּעטער האָט מען אונז געהייסן זיך אויסשטעלן אין אַ האַלבן קרייז. עס איז צוגעקומען צו אונז דער „שאַרפפירער" פראַנץ מיטן הונט און אַ אוקראַינער. מיר זיינען בערך 500 מענטשן. מיר שטייען שטומע אין ערוואַרטונג. זיי האָבן אויסגעקליבן פון אונזער גרופּע 100 פּערזאָן. זיי שטעלן אונז איין אין פּיפּטלעך, פירן אונז וויטער און הייסן אונז זיך שטעלן אויף די קני. אויך איך בין געווען צווישן די אויסגעקליבענע. מיר הערן דאָס קנאַקעריי פון מאַשין־געווער, דאָס קרעכצן און געשרייען פון די, וואָס ווערן דערשאָסן. איך האָב זיי מער קיינמאָל נישט געזען. מען האָט אונז אַריינגעטריבן אין די באַראַקן און אויפן וועג אונז כסדר געשלאָגן מיט די קאָלבעס און נאַהאַיקעס. אין באַראַק איז פינסטער, נישט פאַראַן קיין פּאָדלאָגע דאָרט. איך האָב זיך אָוועקגעזעצט אויפן זאַמד און בין איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן האָט אונז אויפגעוועקט אַ הויכער געשריי: „אויפ־שטיין!" מיר האָבן זיך באַלד געגעבן אַ ריס פון די ערטער, מיר האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון באַראַק אויפן הויף. אַרום און אַרום האָבן זיך געהערט די געשרייען פון די אוקראַינער. די „שאַרפפירער" האָבן אונז אויפן גאַנצן וועג געשלאָגן מיט די נאַהאַיקעס און קאָלבעס. מען האָט אונז געהייסן זיך אויסשטעלן אין רייען. לענג־אויס פון די רייען זיינען געשטאַנען אונזערע פייניקער און אונז געשלאָגן אויף אַן אומרחמנותדיקן אופן. מיר זיינען געשטאַנען זעהר לאַנג. זיי האָבן אונז געשלאָגן מכות רצח און מיר האָבן נישט באַקומען קיין שום באַפעלן. דאָס איז געווען

בשעת דער זון־אויפגאנג. איך האב זיך געטראכט, אז די נאטור אליין וועט זיך אננעמען פאר אונז און וועט דונערן אויף די קעפ פון די בארבארישע פייניקער. אבער די זון האט, אזוי ווי גאט האט געבאטן, פלוצלינג העל אויפגעשיינט און האט איינגעשניטן איר שטראלנדיקן בליק אין אונזערע פארבלוטיקטע, פארוואונדעטע קערפער און האט אריינגעדרונגען אין אונזערע ווייטאגדיקע נשמות. כ׳האב זיך אויפגעוועקט פון טראכטונגען. מיט א ציטער האב איך דערהערט „אכטונג״. ארום אונז איז געשטאנען די גאנצע גרופע „שארפפירער״ און אוקראינער מיט דעם „אונטערשטורמפירער״ פראנץ און זיין הונט בארי אין דער שפיץ. פראנץ האט געזאגט צו זיינע קאלעגן, אז ער וועט עס ארויסגעבן דעם באפעל. אויף דעם געגעבענעם צייכן האט מען אונז אנגעהויבן מוראדיק צו שלאגן. מען האט אונז געשלאגן בלינדערהייט, וואו זיי האבן געקענט, וואו עס האט זיך געלאזט. מען האט צעריסן און פארוואונדעט אונזערע פנימער, אונזער גאנצן קערפער. יעדער האט זיך געמוזט האלטן גלייך, ווייל פאר דעם קלענסטן איינבויגן זיך, איז מען געווארן דערשאסן אלס אומפייאיקער צו ארבעטן. ווען זיי האבן שוין גענוג אנגעזעטיקט זייער בלוטדורשטיקע תאוה און ווען מיר זיינען שוין געווען אינגאנצן צע׳ממית׳ט, האט מען אונז אנגעהויבן איינצושטעלן אין רייען. מיך האט מען איינגעשלאסן אין דער גרופע, וועלכע האט געארבעט ביי די מתים. דאס איז געווען זעהר א שווערע ארבעט, ווייל זאלבעצווייט האט מען געמוזט שלעפן דעם טויטן בערך 300 מעטער. טייל מאל האבן מיר ארומגעבונדן דעם טויטן און אים געשלעפט ביז צום קבר. פון דערווייטנס האב איך דערזען א לעבעדיקע נאקעטע פרוי. זי איז געווען יונג און שיין. איר בליק איז געווען א משוגענער. זי האט עפעס גערעדט צו אונז, אבער מיר האבן זי נישט פארשטאנען און מיר האבן איר נישט געקאנט העלפן. זי האט ארויפגעווארפן אויף זיך א ליילעך, אונטער וועלכן זי האט באהאלטן א קליין קינד. זי האט געזוכט א באהעלטעניש. פלוצלינג האט א דייטש זי באמערקט ער האט איר געהייסן אריינגיין אינם אויסגעגראבענעם קבר און ער האט איר דערשאסן צוזאמען מיטן קינד. דאס איז דאס ערשטע מאל, וואס איך האב דערזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי מענטשן ווערן דערשאסן. איך האב זיך ארומגעקוקט ארום די קברים. די טיפקייט, ברייטקייט און לענג פון יעדן קבר איז געווען 50, 25 און 10 צענטימעטער. איך האב זיך אוועקגעשטעלט ביי איינעם פון די קברים, וועלנדיק אריינווארפן א מת. אין דעם מאמענט האט זיך באוויזן אונטער מיר א דייטש און ער האט מיך געוואלט דערשיסן. איך האב זיך אומגעדרייט און געפרעגט אין וואס באשטייט מיין שולד. האט ער געענטפערט, אז איך האב אן א סיבה געוואלט אריינגיין אין גרוב אריין. איך האב אים אויפגעקלערט, אז איך האט געוואלט אריינווארפן א מת. כמעט לעבן יעדן פון אונז איז גע־

שטאַנען אַ דייטש מיט אַ נאַהאַיקע, אָדער אַ אוקראַינער מיט אַ ביקס און האָבן אונז געשלאָגן איבער די קעפּ בשעת דער אַרבעט. נישט ווייט פון אונז איז געשטאַנען אַ מאַשין, וועלכע האָט אויסגעגראָבן די קברים. ביים טראָגן די טויטע, אָדער, בעסער געזאָגט, ביים שלעפּן די טויטע, האָבן מיר געמוזט לויפן, ווייל פאַר יעדער קלייניקייט האָט מען אונז געשלאָגן. די טויטע זיינען געלעגן זעהר לאַנג. זיי האָבן זיך שוין אָנגעהויבן פונאַנדער־צופאַלן. דער ריח פון פאַנאַנדערפאַל האָט זיך צעטראָגן אין דער לופט. פליגן און מיאוסקייטן האָבן געהויזט איבער די אומגליקלעכע קערפּער. ווען מיר פלעגן אַרומבינדן די טויטע מיט אַ פּאַס, פלעגט אָפט אַראָפּפאַלן אַ האַנט אָדער אַ פוס.

אַזוי האָבן מיר געאַרבעט איבער אונזערע אייגענע קברים ביז צום זון־אונטערגאַנג אָן עסן און אָן טרינקען. דער טאָג איז געווען זעהר אַ הייסער און דער דורשט האָט אונז זעהר געמאַטערט. ביינאַכט, ווען מיר זיינען אַהיימגעקומען אין די באַראַקן, האָט יעדער פון אונז געזוכט באַקאַנטע, וועלכע מיר האָבן נעכטן געזען — אָבער לײדער, מיר האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען — זיי האָבן שוין נישט געלעבט. מערסטנס זיינען אומגעקומען די, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים סאָרטירן די פּעקלעך. ווען זיי זיינען הונגעריק געווען, האָבן זיי עפּעס אַרויסגעצויגן פון די פּעקלעך פאַר זיך. אַזאַ פאַרברעכער האָט מען געפירט צום קבר און דאָרט האָט אַ קויל אין זיין נאַקן געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן. דער פּלאַץ איז געווען פאַרזייט מיט פּעקלעך, וואַליזעס, אַנצוגן, רוק־זעק און מיט אַלץ, וואָס די קרבנות האָבן פאַר דעם שרעקלעכן טויט פון זיך אַראָפּ־געוואָרפן. כ'האָב באַמערקט ביי דער אַרבעט, אַז אייניקע אַרבעטער טראָגן אויף די הויזן געלע און רויטע לאַטעס. כ'האָב נישט געהאַט קיין אַהנונג, וואָס דאָס באַדייט. זיי האָבן פאַרנומען אַ טייל פון אונזער מיט דראָט אַרוימגעצוימטן באַראַק, וועלכער איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַן אינערלעך ווענטל. צווישן זיי זיינען געווען 50 מענער און 1 פרוי. ביי אַזאַ אַרבעט און אין אַזעלכע באַדינגונגען האָב איך געלעבט 4 טעג.

פרייטאָג, דעם 28־טן אויגוסט, גייען מיר צוריק פון דער אַרבעט. אַזוי ווי תמיד „אַכטונג", „מיטצען אויף אונד אַב" (נעמט אַראָפּ די היטלען) און אַ רעדע פון פראַנץ. ער האָט אויסגעקליבן צווישן אונז אַ קאָמאַנדאַנט און עטלעכע גרופּן פירער, וועלכע האָבן געדאַרפט אונז אָנטרייבן צו דער אַרבעט. מיט זיין רעדע האָט פראַנץ אונז אויפגעפאָדערט צו אַרבעטן ערלעך און דערפאַר וועלן מיר באַקומען אַלץ, וואָס מיר דאַרפן. אין געגנטייל אָבער, וועט ער זיך מיט אונז ראַדיקאַל אָפּרעכענען. די קונסט פון אַ דייטש, האָט ער געזאָגט, באַשטייט אין דעם, אַז ער קאָן באַהערשן יעדע סיטואַציע. זיי פירן דורך אויף אַזאַ אופן די דעפּאָרטאַ־ציע, אַז די אידן שטופּן זיך אין וואַגאָנעס אַריין, נישט האָבנדיק די

מינדסטע אהנונג, וואָס זיי דערוואַרטן. דערביי האָט ער צוגעגעבן אַ גע־העריגע פּאַרציע פון זיינע עפּיטעטן.

דעם 29־טן אויגוסט וועקט מען אונז אויף, ווי תמיד, אָבער דאָס מאָל אין פּויליש. מיר שטייען אויף תיכף־ומיד און גייען אַרויס אויפן פּלאַץ. מיר דאַרפן זיך נישט אָנטאָן, ווייל מיר שלאָפן אין די קליידער. דעם באַפעל פירן מיר אויס זעהר שנעל. מיר שטעלן זיך אויס אין רייען. ס'פאַלט דער באַפעל אין פּויליש. בכלל באַציען זיי זיך צו אונז זעהר העפלעך. פראַנץ האַלט ווידער אַ רעדע. ער זאָגט, אַז פון היינט אָן וועט יעדער אַרבעטן אין זיין פאַך. ער האָט אָנגעהויבן אויסצוקלייבן פאַכ־מענער. די ערשטע זיינען געווען די בוי־אַרבעטער. איך האָב זיך גע־מאָלדן אַלס אַ בוי־מייסטער. מען האָט אונז אָפּגעטיילט פון די איבעריקע. מיר זיינען געווען צוזאַמען 15 מאַן. מען האָט אונז איבערגעגעבן אין די הענט פון 3 אוקראַאינער. איין עלטערער סאָלדאַט, קאַסטענקאָ, האָט נישט געהאַט קיין געפערלעכן אויסזען. דער צווייטער, אַנדרעיעוו, אַ גע־ווינלעכער „וואַכמאַן", מיטעלער וואוקס, אַ דיקער מיט אַ קיילעכדיקן רויטן פּנים. ער איז געווען אַ גוטער און רואיקער מענטש. דער דריטער, מיקאַדאַ, אַ נידעריקער, אַ דאַרער, אַ בייזער מיט באַנדיטישע אויגן און אַ סאַדיסט. צו די דאָזיקע 3 האָט מען נאָך צוגעגעבן 2 אוקראַאינער מיט ביקסן, זיי זאָלן אונז היטן. מען האָט אונז אַוועקגעפירט אין וואַלד אַריין און געהייסן אונז פונאַנדערנעמען די שטעכנדיקע דראָטן און אויסהאַקן ביימער אין וואַלד. קאַסטענקאָ און אַנדרעיעוו זיינען געווען זעהר מילד צו אונז. זיי האָבן געקוקט אויף אונזער אַרבעט דורך די פינגער. דאַגעגן מיקאַדאַ האָט אונז אונטערגעיאָגט צו דער אַרבעט מיט אַ בייטש און האָט כסדר געשריגן. צווישן די אויסגעקליבענע זיינען, וואָס אַ אמת, נישט געווען קיין פאַכלייט, אָבער זיי האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס אַרבעטער, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט אַרבעטן ביי די מתים. מען האָט פון זיי געשפּאָט און מען האָט זיי נישט געקאַרגט קיין בייטשן. 12 אַזייגער האָבן מיר איבערגעריסן די אַרבעט און זיך צוריקגעקערט אין די באַראַקן אויף מיטאָג. דער מיטאָג איז באַשטאַנען פון זופּ, קאַשע און פאַרשימלט ברויט. דאָס איז געווען אַ מיטאָג נישט צום עסן. אָבער זייענדיק הונגעריק און אויס־געמאַטערט האָבן מיר אַלץ אויפגעגעסן. 1 אַזייגער זיינען געקומען נאָך אונז די „וואַכמענער" מיט די אוקראַנער און אַזוי האָבן מיר געאַרבעט ביז ביינאַכט.

ביינאַכט, אַזוי ווי תמיד, ווען מיר זיינען אַהיימגעגאַנגען, זיינען גע־פאַלן באַפעלן א. א. וו. דעם טאָג האָבן מיר ווידער געזען אַ סך דייטשן אַרום אונז. און געווען זיינען מיר דעמאָלסט בערך 700 מאַן. צווישן די דייטשן איז געווען פראַנץ מיט זיין הונט. פּלוצלינג פרעגט ער מיט אַ שמייכל, ווער עס קען די דייטשע שפּראַך. ס'האָבן זיך געמאָלדן בערך

50 מאַן. ער האָט זיי געהייסן אַרויסטרעטן פון די רייען און שטעלן זיך באַזונדער. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן מיט אַ שמייכל, אַזוי אַז מיר זאָלן אים נישט קאָנען אין גאָרנישט חושד זיין. מען האָט זיי אַוועקגעפירט, אָבער צו אונז האָבן זיי זיך קיינמאָל נישט צוריקגעקערט. אין דער רשימה פון די לעבעדיקע האָבן זיי אויך נישט פיגורירט. ווי אַזוי זיי זיינען אומגעקומען, אין וועלכע לײדן, אין וועלכע מאַטערנישן — קאָן קיין שום פעדער נישט באַשרייבן.

און ווידער זיינען אַוועק אין די זעלבע באַדינגונגען און ביי דער זעלבער אַרבעט עטלעכע טעג. מיט איין קאָלעגע האָב איך געאַרבעט די גאַנצע צייט צוזאַמען. אַ מאָדנער גורל האָט אונז ביידן אָפּגעראַטעוועט. אפשר דערפאַר, ווייל מיר זיינען ביידע געווען פאַד־לייט אָדער אפשר דער־פאַר, ווייל עס איז באַשערט געווען צו זען די לײדן און די טויטע קערפּער פון אַזוי פיל ברידער אונזערע. מיין קאָלעגע און מיר האָבן זיי געגעבן קאַסטנס אויף וואָפּנע, און ס'האָט אונז געהיט אַנדרעיעוו. מיין קאָלעגע איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה. ער פלעגט פאָלגן מיינע עצות. די אַרבעט איז געפעלן געוואָרן דעם „וואַכמאַן". ער האָט אונז אַרויסגעוויזן אַ סך פריינדלעכקייט. ער האָט אונז אפילו געבראַכט צו שטיקלעך ברויט. דאָס איז פאַר אונז געווען זייער אַ גרויסע זאַך. מיר זיינען ממש אומגעקומען פון הונגער. מענטשן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון אַן אַנדער טויט, וועלכן איך וועל שפּעטער באַשרייבן, זיינען געשוואָלן געוואָרן פון הונגער, זיינען געל געוואָרן און אַוועקגעפאַלן פון הונגער. אונזער גרופּע ביי דער אַרבעט האָט זיך פאַרגרעסערט. עס זיינען צוגעקומען נייע אַרבעטער. מען האָט אָנגעהיבן צו גראָבן אַ פונדאַמענט פאַר אַ נייער געביידע. וואָס פאַר אַ געביידע דאָס האָט געדאַרפט זיין — דאָס האָט קיינער פון אונז נישט געוואוסט. אויפן הויף איז געשטאַנען 1 הילצערנע געביידע, אַרומ־גערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַ הויכן פּאַרקאַן. ס'איז געווען פאַר אַלעמען אַ געהיימניש און קיינער האָט נישט געוואוסט צו וועלכע צוועקן עס איז באַשטימט. עטלעכע טעג שפּעטער איז אָנגעקומען אַ דייטשער מייסטער מיט זיין פאַרטרעטער און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט. עס האָבן געפעלט מויערער אַרבעטער. זעהר אַ סך האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר אַרבעטער, כדי זיי זאָלן נישט אַרבעטן ביי די מתים, אָבער מען האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט. איינמאָל האָב איך באַמערקט ביי דער אַרבעט מיין באַקאַנטן פון וואַרשע, ראָזאַנאָוויטש. ער איז געשטאַנען מיט אַן אונטער־געהאַקט אויג. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז מען וועט אים ביינאַכט דערשיסן. אַ געוויסער וואַרשעווער אינזשינער, עבערט, האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין זון, אָבער דעם תליונס הענט האָבן שנעל געמאַכט אַ סוף צו זייער לעבן. דער גורל האָט מיך גאָרנישט געשוינט. עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט צו וועלכע צוועקן עס דינט די געביידע, וואָס איז

ארומגערינגלט מיט א הויכן פארקאן. עס איז מיר דורכגעגאנגען א גרוילציטער. איך און מיין קאלעגע האבן געהאקט האלץ און צוגעגרייט קאנטיקע ברעטער. אין אזעלכע באדינגונגען איז אונז געווען זעהר שווער צו ארבעטן. כ'האב שוין 25 יאר נישט געארבעט אזוי. מיין קאלעגע איז נישט געווען קיין האלץ־ארבעטער. ס'איז אים אלץ אנגעקומען זעהר שווער. פון פאד איז ער געווען א סטאלער און ער האט זיך נישט געקאנט גוט באגיין מיט דער האק. ער האט זיך ווי עס איז אן עצה געגעבן א דאנק מיין הילף. איך בין פון פאד א האלץ־ארבעטער. א רייע יארן בין איך אין דער ווארשעווער האנטווערקער־קאמער געווען א מיטגליד פון דער עקזאמינאציע־קאמיסיע. אזוי זיינען אוועק 8 טעג פון געפערלעכער וועגעטאציע, אזוי זיינען אוועק 8 טעג פון לעבן, וועלכע מען קאן נישט איבערגעבן אויף פאפיר. במשך פון דער צייט זיינען נישט אנגעקומען קיין נייע טראנספארטן. ערשט אויפן 8־טן טאג איז אנגעקומען א נייער טראנספארט פון ווארשע.

דער לאגער אין טרעבלינקע איז געווען צעטיילט אויף 2 טיילן. אין לאגער נומער 1 איז געווען א זייטיקע באן־ליניע און א לאדונגס־פונקט אויסצולאדן די לעבעדיקע טראנספארטן. אויסער דעם איז געווען א גרויסער פלאץ, וואו מען פלעגט אוועקלייגן די זאכן פון די אנגעקומענע. אממיינסטע זאכן האבן מיט זיך געבראכט די אויסלענדישע אידן. דארט האט זיך געפונען א „לאזארעט". ער האט 30, 6 און 2 מעטער. דארט האבן געארבעט 2 מענער. זיי האבן געטראגן ווייסע פארטיכער און רויטע קרייצן אויף דעם ארעם. זיי זיינען אנגעגאנגען אלס דאקטוירים. פון די טראנספארטן האבן זיי אויסגעקליבן אלטע לייט און קראנקע, האבן זיי אויסגעזעצט אויף א לאנגער באנק מיט אויסגעדרייטע פנימער צום קבר. הינטער זיי זיינען געשטאנען דייטשן און אוקראינער. זיי האבן געטויט די קרבנות, שיסנדיק זיי אין קארק אריין. דער טויטער קערפער איז געפאלן גלייך אין קבר אריין. ווען עס האבן זיך אנגעזאמלט א גרויסע צאל טויטע, האבן זיי זיי צוזאמענגענומען און אונטערגעצונדן. זיי זיינען פארברענט געווארן אין א העליש פייער.

נישט ווייט פן דארט זיינען געשטאנען באראקן, וואס זיינען געווען באוואוינט דורך דייטשן און אוקראינער. א קאנצעלאריע, באראקן פאר ארבעטנדיקע אידן, פארשיידענע ווארשטאטן, שטאלן, שפייז־מאגאזינען, אמוניציע־מאגאזינען. אויפן הויף זיינען געשטאנען לאסט־אויטאס. אויסערלעד האט דער לאנגער נישט אויסגעזען שרעקלעך. מען האט געהאט דעם איינדרוק, אז ס'איז באמת אן ארבעטס־לאגער.

דער לאגער נומער 2 איז געווען לחלוטין אן אנדערער. דער באראק פאר די ארבעטער איז געווען 30 מעטער אויף 10 מעטער. עס זיינען געווען: א וועשעריי, א קליינער לאבאראטאריום, א ספעציעלע היים פאר

17 פרויעז, א וואר־געביידע פאר דער וואר און א ברונעם. אויסער דעם זייענע געוועז 13 קאמערן, וואו מ׳האט געטויט די קרבנות מיט גאזן, וועלכע איך וועל בענויער באשרייבן. די געביידעס זיינען געוועז ארומגערינגלט מיט שטעכנדיקן דראט. ארום דעם אפגעטיילטן ארט פון שטעכנדיקן דראט איז געוועז א ראוו. אויף דער אנדערער זייט פון ראוו איז געוועז אן אנדער אפצאמונג פון שטעכנדיקע דראטן. דיביידע דראט־אפצאמונגען זיינען געוועז 3 מעטער הויך. צווישן די פארקאנעם זיינען געוועז אפצאמונגען פון שטאלענעם דראט. ארום און ארום זיינען געשטאנען אוקראינער אויף דער וואר. דער גאנצער לאגער איז געוועז ארומגערינגלט מיט א פארקאן, 4 מעטער הויך, פון שטעכנדיקן דראט. דער פארקאן איז געוועז באפוצט מיט קליינע ביימלעך. אויפן פלאץ זיינען געוועזן 4־שטאקעדיקע אבסערוואציע־טורעמס און 6 איינשטאקעדיקע אבסערוואציע־טורעמס. 50 מעטער אונטערן לעצטן פארקאן זיינען געשטאנען אנטי־טאנק מאשינען.

ווען איך בין אנגעקומען אין לאגער אריין זיינען שוין דארט געוועזן 3 גאז־קאמערן. בשעת מיין זיין דארט זיינען צוגעקומען נאך 10. יעדער גאז־קאמער איז געוועזן 5 מעטער אויף 5 מעטער, צוזאמען 25 קוואדראט מעטער און 1 מעטער 90 צענטימעטער הויך. דער אויסגאנג צום דאך איז געוועזן הערמעטיש פארמאכט, די טעראקאטען־פאדלאגע איז געוועזן משופעדיק געבויט אין דער ריכטונג פון לאדונגס־פונקט.

די געמויערטע געביידע איז געוועזן אפגעטיילט פון לאגער נומער 1 מיט א הילצענער וואנט. די ביידע ווענט, די הילצערנע און די געמויערטע, האבן צוזאמען געבילדעט א קארידאר, וועלכער איז געוועזן העכער פונם אויבערפלאך פון דער גאנצער געביידע מיט 80 צענטימעטער. די גאז־קאמערן זיינען געוועזן פאראייניקט מיטן קארידאר. אין יעדן צימער אריין האבן געפירט הערמעטיש פארשלאסענע אייזערנע טירן. די קאמערן פון דער זייט פון לאגער נומער 2 זיינען געוועזן פאראייניקט מיט א לאדונגס־פונקט, 4 מעטער ברייט, לענג־אויס אלע דריי קאמערן. די הויך פון לאדונגס־פונקט איז געוועזן בערך 80 צענטימעטער. פון דער זעלבער זייט זיינען געגאנגען הערמעטיש פארשלאסענע הילצערנע טירן. די טירן פון יעדן צימער פון דער זייט פון לאגער נומער 2 (צוויי און א האלב מעטער אויף איין מעטער 80) האבן זיך אויפגעמאכט נאר פון דרויסן, פון הינטן ארויף, מיט דער הילף פון אייזערנע שטענגלעך. מען האט פארמאכט די טירן מיט דער הילף פון אייזערנע האקעס, וועלכע האבן זיך געפונען אויף די פוטרינעס פון די טירן. די קרבנות האט מען אריינגעלאזט דורך טירן אין קארידאר. דורך די טירן פון דער זייט פון לאגער 2 האט מען ארויסגעשלעפט די קערפער, וועלכע זיינען דערשטיקט געווארן מיט גאזן. לענג־אויס דעם גאז־קאמער האט זיך געפונען אן

עלעקטרישע סטאַנציע, כמעט אַזוי גרויס, ווי דער קאַמער, אָבער העכער מיט 80 צענטימעטער. די עלעקטרישע סטאַנציע האָט באַזאָרגט מיט ליכט דעם ערשטן און צווייטן לאַגער. דאָרט איז געשטאַנען אַ מאָטאָר פון אַ סאָוועטישן טאַנק, דורך אים האָט מען אַריינגעלאָזט דעם גאַז דורך די קאַמערן.ביים אַריינלאָזן דעם גאַז האָט מען פאַראייניקט דעם מאָטאָר מיט אינערלעכע רערן. די שנעלקייט פון טויט פון די קרבנות איז געווען אָפּהענגיק פון דער צאָל פון אַריינגעפירטן גאַז.

ביי די מאַשינען האָבן געאַרבעט 2 אוקראַינער. איוואַן, אַ הויכער, מיט אַנגענעמע אויגן אָבער דאָך אַ סאַדיסט. די ליידן און די מאַטערנישן פון די קרבנות האָבן אים פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגען. ער איז נישט איינמאָל צוגעלאָפן צו אונז און מיט אַ טשוואַק דורכגעלעכערט אונזער אויער צו דער וואַנט, אָדער האָט געהייסן זיך אונז אויסליגן אויף דער ערד און האָט אונז געפערלעך געשלאָגן. דערביי האָט זיין פּרצוף אויסגעדריקט אַ סאַדיסטישע הנאה. ער האָט געלאַכט און זיך געוויצלט. די קרבנות האָט ער געטויט אויף פאַרשיידענע אופנים, עס איז געווען אָפּהענגיק פון זיין שטימונג. דער אַנדערער, מיקאָלאַי, נידעריקער ווי איוואַן, מיט אַ בלייך פּנים אָבער מיט דער זעלבער גייסטיקער סטרוקטור. אין דעם טאָג, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געזען, ווי מען פירט צו צו דער געביידע קינדער, פרויען און מענער, בין איך שיר נישט משוגע געוואָרן. איך האָב זיך אויסגעריסן די האָר פון קאָפּ און איך האָב ביטער געוויינט, כ'האָב נישט געקאָנט אויסהאַלטן. אַממייִנסטן האָב איך געליטן, ווען איך האָב געקוקט אויף די קליינע קינדער אויף די מאַמעס הענט אָדער אויף די איינזאַמע קינדער, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, אַז זייער קורץ לעבן וועט איבערגעהאַקט ווערן אין די ערגסטע פייניקונגען און ליידן. זייערע איינגעלעך זיינען געווען אָנגעגליט מיט שרעק, און נאָך מער, מיט פאַרוואונדערונג. אויף די ליפּעלעך פון די קינדער האָט גע־האַנגען אַ פאַרגליווערטע פראַגע: „וואָס איז דאָס, נאָך וואָס איז דאָס און פאַרוואָס?" זעענדיק אָבער די פאַרשטיינערטע פּנימער פון די על־טערן, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן רואיק און צוגעפּאַסט צו דער סיטואַציע. זיי שטייען אומבאַוועגלעך אָדער טוליען זיך צו איינס צום אַנדערן אָדער צו זייערע עלטערן, וואַרטנדיק אין אָנשטרענגונג אויף זייער גרויליקן סוף. פּלוצלינג מאַכן זיך אויף די טירן פון דער איינגאַנג־זייט. איוואַן האַלט אין דער האַנט אַ גראָבע גאַז־רער, אַ מעטער לאַנג, מיקאָלאַי האַלט אַ שווערד. אויף אַ געגעבענעם צייכן הויבן זיי אָן אַריינצולאָזן די קרבנות. דערביי שלאָגן זיי אָן רחמנות. דער מוראדיקער געשריי פון די פרויען און דאָס געוויין פון די קינדערלעך קלינגט מיר נאָך היינט אין מיינע אויערן. אַ פאַרצווייפלטער און אַ וויטאַגדיקער געשריי. אַ געשריי וואָס בעט רחמנות. אַ געשריי וואָס רופט צו גאָט נאָך נקמה. די קרעכצן

און דאָס וויינען לאָזן מיך נישט פאַרגעסן וועגן די אומגליקן, וועלכע איך האָב אַליין ביינגעוואוינט מיט מיינע אייגענע אויגן.

אין דעם קאַמער, וואָס האָט געהאַט 25 קוואַדראַט מעטער, האָט מען אַריינגעלאָזט 450 - 500 מענטשן. ס׳איז געווען געפּערלעך ענג. איינער איז געשטאַנען ביים אַנדערן. מען האָט אַריינגעטראָגן די קינדער, זיי זאָלן מיינען, אַז אויף אַזאַ אופן וועלן זיי אויסמיידן דעם טויט. אויפן וועג צום טויט, האָט מען זיי געשלאָגן און געשטופּט מיט די קאָלבעס און מיט דער גאַז־רער. מען האָט אָנגערייצט אויף זיי הינט. די הינט האָבן געהאַוועט, האָבן געביסן און האָבן זיך געוואָרפן אויף די קרבנות. יעדער איינער, וועלנדיק אויסמיידן די קלעפּ און די הינט, האָט זיך איבער־געגעבן מיט אַ געשריי אין די הענט פון טויט און זיינען אַריינגעלאָפן אין דער קאַמער. די שטאַרקערע האָבן אונטערגעשטופּט די שוואַכערע. דאָס געשריי און גערודער האָט געדויערט קורץ. די טירן האָבן זיך צוגעמאַכט מיט אַ גערויש. דער קאַמער איז איבערגעפּילט. זיי לאָזן דעם מאָטאָר אין באַוועגונג. פאַראייניקן אים מיט די רערן. נאָך 25 מינוט ליגן שוין אַלע אויסגעצויגן טויט. זיי ליגן נישט אַפילו, ווייל זיי האָבן נישט וואו. זיי פאַלן פּשוט איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס און בלייבן שטיין. זיי שרייען שוין נישט מער. דער פאָדעם פון זייער לעבן איז געוואָרן איבער־געריסן. זיי האָבן נישט קיין שום פאַרלאַנגען און נויטן. מאַמעס און קינדער זיינען צוזאַמען געאַרעמט אין טויט. נישטאָ קיין שונאים און נישטאָ קיין גוטע פריינד. נישטאָ קיין קנאה, אַלע זיינען גלייך. נישטאָ קיין שיינע, נישטאָ קיין מיאוסע, אַלע זיינען געל, אַלע זיינען דערשטיקט. נישטאָ קיין רייכע, נישטאָ קיין אָרימע, אַלע זיינען זיי גלייך פאַר גאָט.

פאַרוואָס? פרעג איך זיך אַליין. ס׳איז מיר שווער צו לעבן, זעהר שווער, אָבער איך מוז דאָך לעבן, ווייל איך וויל איבערגעבן דער וועלט די דאָזיקע געמיינהייטן, די דאָזיקע באַרבאַרישקייטן.

נאָכדעם ווי די „אַרבעט" איז פאַרענדיקט, האָבן איוואַן און מיקאָלאַי קאָנטראָלירט, צי אַלץ איז אין אָרדנונג. דערנאָך זיינען זיי אַריבערגע־גאַנגען אויף דער אַנדערער זייט, וואו עס געפינען זיך די טירן ביים לאַדונגס־פּונקט, האָבן אויפגעמאַכט די טירן און אַרויסגעוואָרפן די מתים. מיר האָבן געדאַרפט אַריבערטראָגן די טויטע אין די קברים אַריין. מיר זיינען געווען זעהר מיד, ווייל פון אינדערפרי אָן האָבן מיר געאַרבעט ביי דער בוי־אַרבעט. ס׳איז אָבער נישט געווען צו ווענדן צו אַפּעלירן. מיר האָבן זיך נישט געקאָנט געגנשטעלן, ווערן געשלאָגן דערפאַר און אומ־קומען מיט דעם זעלבן אָדער מיט נאָך אַ שרעקלעכערן טויט, ווי די אַנ־דערע. האָבן מיר דעריבער געטאָן אַלץ וואָס מען האָט אונז געהייסן. איבער אונז איז געשטאַנען דער „הויפּטמאַן" (איך ווייס נישט ווי ער האָט געהייסן. ער איז געווען פון מיטעלן וואוקס און ער האָט געטראָגן

ברילן). ער שרייט און שלאָגט אונז, שלאָגט אונז און שרייט. איך האָב אויך באַקומען געשלאָגן. ער האָט מיך געשלאָגן אַז אויפהער. איך האָב געווענדט צו אים מיין פרעגנדיקן בליק. פּלוצלינג זאָגט ער: „אויב דו הייסט נישט צימערמאַן וועסטו געטויט ווערן". איך קוק זיך אַרום מיר. כמעט אַלע אַרבעטער זיינען אין דער זעלבער לאַגע וואָס איך. אַ גאַנצע כאַפּטע־הינט, דייטשן און אוקראַינער, שלאָגן און בייסן. 25 פּראָצענט פון אונז פאַלן ביי דער אַרבעט. מיר וואַרפן זיי אַריין אין די גריבער, נישט קאָנטראָלירנדיק ווער זיי זיינען. מיר קערן זיך אום צוריק אין אַ פאַרקלענערטער צאָל. מיר האָט צוגעשפּילט דער מזל, אַז נאָכן אַוועקגיין פון דעם „הויפּטמאַן" האָט מיך דער "אונטערשאַפּירער" באַפרייט פון דער אַרבעט.

מען האָט דערשטיקט מיט גאַז יעדן טאָג פון 10,000 ביז 12,000 מענטשן. מיר האָבן אויפגעבויט אַ שמאָלע באַן־ליניע און אויף דער פּלאַטפאָרם האָט מען איבערגעפירט מענטשן גלייך אין די קברים אַריין. אָבער מען האָט נישט געקאָנט דערוויזן אַלץ דאָס צו טאָן. האָט מען דעריבער געצווינגן זאַלבעצווייט אויף פּאָסן די טויטע. דעם זעלבן אָוונט האָב איך איבערגעלעבט נאָך איין שווערן מאָמענט. נאָך דעם שווער־אָפּגעאַרבעטן טאָג האָט מען אונז אַוועקגעפירט נישט אין דעם לאַגער נומער 1, נאָר אין דעם לאַגער נומער 2. פון דאָנען האָבן מיר געזען אַ גאַנץ אַנדער בילד. דאָס בילד וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דאָס בלוט איז מיר פאַרגליווערט געוואָרן. דורכגייענדיק ביי דעם לאַדונגס־פּונקט האָב איך געזען טויזנטער טויטע. זיי האָבן זיך געוואַלגערט אויף דעם לאַגער־הויף. דאָס זיינען געווען קערפּערס פון פרישע קרבנות. די אוקראַינער און די דייטשן האָבן אַרויסגעגעבן בלוטיקע באַפעלן. זיי האָבן ווילד געשריגן און האָבן אויף אַן אוממענטשלעכן אופן געשלאָגן מיט די קאָלבעס און מיט די דרענגער די אַרבעטער, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבלוטיקטע פּנימער, אונטערגעהאַקטע אויגן, און די מלבושים צעריסן דורך די הינט. ביים איינגאַנג צום לאַגער נומער 2 געפינען זיך איינשטאָקעדיקע אָבסערוואַציע־טורעמס. אויף די טורעמס איז מען אַרויפגעגאַנגען אויף לייטערס. ביי די דאָזיקע לייטערס האָט מען געפייניקט די קרבנות. מען האָט זיי אַריינגעשטעלט צווישן די פּיס דרענגער, דעם קאָפּ האָט מען זיי אַראָפּגעבויגן, אַזוי אַז דער קרבן האָט זיך נישט געקאָנט רירן. דער גרופּן־פירער האָט אויסגעלאָדן זיין ווילדקייט און זיין רציחה אויף די אָרימע קרבנות, שלאָגנדיק זיי אומברחמנותדיק. די קלענסטע שטראָף איז געווען 25 קלעפּ מיט אַ נאַהאַיקע. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דאָס געזען ביינאַכט. די לבנה און די רעפלעקטאָרן האָבן באַלויכטן די שרעק־לעך מאַסאַקרירטע, האַלב־לעבעדיקע, און די טויטע, וועלכע זיינען גע־ליגן לעבן זיי. קרעכצן פון די מערדערלעך געשלאָגענע האָבן זיך צו־

נויפגעגאַסן מיט דעם הילכיקן געוויש פון די בייטשן, וואָס זיינען געפאַלן אויף זייערע רוקנס.

ווען איך בין אָנגעקומען, איז אין לאַגער נומער 2 געווען נאָר איין באַראַק, די פּריטשעס זיינען נישט געווען פאַרענדיקט און די פעלד־קיך איז געשטאַנען אויפן הויף. איך האָב געטראָפן אַ סך באַקאַנטע פון וואַרשע, וועלכע האָבן זיך געענדערט נישט צו דערקענען. שוואַרצע, געשוואָלענע, צעשלאָגענע. כ'האָב זיך אָבער לאַנג ניט געפּרייט אָנצוקוקן זיי. נייע פּנימער, נייע באַקאַנטע. כסדר נייע — אַ כסדרדיקער טויט. כ'האָב זיך אויסגעלערנט צו קוקן אויף יעדן לעבעדיקן ווי אויף אַ מענטשן, וועלכער וועט אומקומען אין די נאָנטסטע טעג. איך האָב יעדן געשאַצט מיטן אויג, געטראַכט וועגן זיין וואָג. כ'האָב געטראַכט, ווער וועט אים אַוועקטראָגן אין קבר אַריין און וויפיל וועט דער טרעגער באַקומען קלעפּ דערביי. דאָס איז שרעקלעך, אָבער עס איז אמת. צי וועט איר גלויבן, אַז אַ מענטש אין די דאָזיקע באַדינגונגען קאָן זיין פּייאיק טיילמאָל צו לאַכן און צו מאַכן אַ וויץ? צו אַלצדינג קאָן מען זיך צוגעוואוינען.

דער דייטשער רעגירונגס־סיסטעם געהערט צו די בעסטע סיסטעמען. אַמטן און ווידער אַמטן. גרעסערע אַמטן און קלענערע אַמטן. וואָס איז נאָך מער וויכטיקער, אַז אומעטום איז דאָ אַ געהעריקער מענטש אויף דעם געהעריקן אָרט. דאָרט וואו עס איז נויטיק אַז אומבאַדינקטע ענטשלאָסנהייט און דאָרט וואו מען דאַרף ענטגילטיק פאַרניכטען „די שלעכטע און די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן", דאָרטן באַווייזן זיך גרויסע פּאַטריאָטן, וועלכע פירן אַלץ אויס. אַ מאָדנע זאַך, אַז אויף די דאָזיקע אַמטן געפינען זיך תמיד מענטשן, וועלכע פאַרניכטן און הרגענען די נאָענטע, באַנוצנדיק די שאַרפסטע רעפּרעסיעס. כ'האָב קיינמאָל נישט באַמערקט ביי זיי קיין מיטגעפיל. זיי האָבן קיינמאָל נישט באַוויינט דעם גורל פון די אומשולדיקע. זיי זיינען אויטאָמאַטן, וועלכע, ביי דער קלענסטער באַוועגונג, לאָדן אויס פון זיך אַלץ וואָס זיי קענען. אַזעלכע היענעס האָבן דעם גרעסטן פעלד פון טעטיקייט בשעת רעוואָלוציעס און מלחמות. דערוועג צום שלעכטס איז דער לייכטסטער און דער אָנגענעמסטער. אַ שטאַרקער און אַ יושרדיקער סיסטעם קאָן פונדעסטוועגן האָמעווען דורך דערציאונג, ביישפּיל און גוטע פאַראָרדנונגען — די שלעכטע אינסטינקטן.

פינסטערע טיפן פאַרשטעקן זיך אין די נאָרעס און דאָרט פירן זיי אויס זייער קרעטן־אַרבעט. היינט איז אַלץ איבעריק. וואָס שלעכטער דו ביסט, וואָס געמיינער דו ביסט — אַלץ אַ גרעסערן אַמט האָסט דו. דיין אַמט איז אָפּהענגיק פון דעם, וויפיל דו האָסט פאַרניכטעט, וויפיל דו האָסט דערהרגעט, וויפיל דו האָסט אומגעבראַכט. דיינע באַשמירטע און באַפלעקטע הענט מיט בלוט פון די, וואָס קאָנען זיך נישט פאַרטיידיקן.

זיינען אַ הייליקייט, פאַר וועלכן מען בויגט זיך. וואָס זיי נישט אַפּ, הויב זיי אויף אין דער הויך און מען וועט דיר נאָך כבוד אָפּגעבן. וואָס מער דיינע הענט און דיין געוויסן זיינען שמוציקער — גרעסערע ליבן וועט מען דיר זינגען.

די צווייטע, באַוואונדערונגס־ווערטע אייגנשאַפט פון די דייטשן איז, אַז זיי קאָנען צווישן די מאַסן פון אַנדערע פעלקער געפינען העלפער, וועלכע, גלייך ווי זיי, זיינען מאָראַליש געפאַלענע טיפּן. אין די אידישע לאַגערן זיינען אויך נויטווענדיק אידישע תליינים, שפּיאָנען און העצער. און זיי האָבן זיי געפונען. די דאָזיקע פאַרדאַרבענע נשמות זיינען: מאַשעק פון הינטער סאַכאַטשעוו, יצחק קאַבילאַ פון וואַרשע, כאַסקל גנב פון וואַרשע און דער וואַרשעווער גנב און אַלפאַנס קובאַ.

דער צווייטער בנין צווישן דער ערשטער און צווייטער געביידע, ביי וועלכער איך האָב געאַרבעט, איז אויפגעבויט געוואָרן אין אַ זעהר שנעלן טעמפּאָ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען נייע 10 קאַמערן. די קאַמערן זיינען געווען גרעסער ווי די פריערדיקע, 7 מעטער אויף 7 מעטער, בערך 50 קוואַדראַט מעטער. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיי אויפגע־בויט, האָט מען אַריינגעשופּט אַהין 1200 - 1000 מענטשן אין איין קאַמער. די קאַמערן זיינען געווען געבויט לויט אַ קאָרידאָר־סיסטעם. פוןביידע זייטן קאָרידאָר זיינען געווען צו 5 קאַמערן. יעדע קאַמער האָט געהאַט צו 2 טירן. 1 טיר — פון דער זייט פון קאָרידאָר, דורך וואַנען מען האָט אַריינגעלאָזט די קרבנות, און 2 פּאַראַלעלע צו די ערשטע, פון דער זייט פון לאַגער, דורך וואַנען מען האָט אַרויסגעצויגן די מתים. די קאָנסטרוק־ציע פון די ערשטע און צווייטע זיינען געווען אַזוי ווי אין די פריערדיקע קאַמערן. דאָס בילד אין דער זייט פון לאַגער נומער 1 איז געווען דאָס פאָלגענדע: 5 ברייטע בעטאָן־טרעפּ. אויף די טרעפּ פון ביידע זייטן זיינען זאָרגפעליק אויסגעשטעלט געוואָרן קוישן מיט בלומען. דער קאָרי־דאָר איז זעהר לאַנג. אויפן שפּיץ דאַך, פון דער זייט פון לאַגער, איז געווען אַ מגן דוד. די געביידע האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטמאָדישער טעמפּל. ווען די געביידע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט דער הויפּט־שטורמ־פירער געזאָגט צו זיינע אונטערגעאָרדנטע: „ענדליך איז די אידן־שטאַט פאַרטיג״. די אַרבעט ביי די קאַמערן האָט געדויערט 5 וואָכן. פאַר אונז איז דאָס געווען יאָרהונדערטער. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען פון באַגינען ביז ביינאַכט אונטער קלעפּ פון נאַהאַיקעס און קאָלבעס. איינער פון די „וואַכמענער״, וואָראַנקאָוו, האָט אונז געשלאָגן און געפּייניקט אומ־ברחמנותדיק. יעדן טאָג האָט ער דערהרגעט עטלעכע אַרבעטער. אונזערע פיזישע ליידן האָבן איבערגעשטיגן די פאַנטאַזיע פון נאָרמאַלע מענטשן. אָבער נאָך מער האָבן מיר געליטן ביי דער אַרבעט — מאָראַליש. יעדן טאָג קומען אָן נייע טראַנספּאָרטן. מען הייסט זיי זיך תיכף אויסטאָן און

שפעטער פירט מען זיי צו די 3 אַלטע קאַמערן, וואו זיי דאַרפן געטויט ווערן מיט גאַז. דער וועג צו די דאָזיקע קאַמערן איז דורכגעגאַנגען דורך דעם פעלד, וואו מיר האָבן געאַרבעט. נישט איינער האָט דערקענט צווישן די דאָזיקע קרבנות זיינע קינדער, זיין פרוי, זיין משפחה. ווען אימיצער האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן, האָט ער זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און צוגעלאָפן צו זיי, איז ער אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן. אין אַזעלכע באַדינגונגען האָבן מיר געבויט די טויט־קאַמערן פאַר זיך און פאַר אונזערע ברידער. דאָס האָט געדויערט 5 וואָכען. נאָכן ענדיקן די אַרבעט ביי די קאַמערן, האָט מען מיך צוריקגענומען אין לאַגער נומער 1, וואו איך האָב איינגעאָרדענט אַ פריזיר־אַנשטאַלט. פאַרן טויט האָט מען אָפּגעשניטן די פרויען די האָר, וועלכע די דייטשן האָבן זאָרגפעליק באַהאַלטן. די דאָזיקע האָר האָבן די דייטשן באַנוצט צו עפּעס, אָבער איך ווייס נישט צו וואָס.

איך האָב געוואוינט איצט אין דעם לאַגער נומער 2, פון וואַנען מען האָט מיך צוליבן מאַנגל פון האַנדווערקער צוגענומען יעדן טאָג צו דער אַרבעט אין ערשטן לאַגער. עס פלעגט קומען צו אונז „דער אונטערשאַרפּפירער" הערמאַן. ער איז געווען בערך 50 יאָר אַלט. ער איז געווען אַ הויכער, אַ מענטשלעכער, אַ ליבנסווירדיקער. ער האָט אונז פאַרשטאַנען און מיטגעפילט מיט אונז. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אַריבערגעשטיגן דעם לאַגער נומער 2 און ווען ער האָט געזען די הויפנס דערשטיקטע מענטשן, איז ער בלייך געוואָרן און געקוקט אויף דעם אַלעמען מיט אַ צעשראָקענעם און רחמנותדיקן בליק. ער האָט מיך שנעל מיטגענומען מיט זיך, כדי נישט צו קוקן מער אויף דעם בילד. צו אונז, צו די אַרבעטער, האָט ער זיך גוט באַצויגן. אָפט האָט ער בגנבה אַרויסגעטראָגן אונז עסן פון דער דייטשער קיך. זיין בליק האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל גוטסקייט, אַז אַ מענטש האָט זיך געוואָלט פאַר אים אויסגעוויינט און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיינע קאָלעגן. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט מיט זיי, אָבער יעדע טאַט זיינע, יעדע באַוועגונג זיינע, האָט אָפּגעשפּיגלט זיין פיינע נשמה. ביי דער אַרבעט אין לאַגער נומער 1 האָב איך געזען, ווי מען האָט געפירט אונזערע ברידער אין די גאַז־קאַמערן און כ'האָב געזען זייערע שרעקלעכע ליידן, וועלכע זיי זיינען נאָך דורכגעגאַנגען פאַרן טויט. אין דער דאָזיקער צייט פלעגן אָנקומען נייע טראַנספּאָרטן. ווען אַ צוג איז פאַרפאָרן, האָט מען תיכף ומיד אַריינגעטריבן די פרויען און די קינדער אין די באַראַקן. די מענער האָט מען איבערגעלאָזט אויפן הויף. די פרויען און קינדער האָט מען געהייסן זיך אויסטאָן. נאַאיווע פרויען האָבן אַרויסגענומען האַנטיכער און זייף, מיינענדיק, אַז זיי וועלן זיך באָדן. די מערדער פאַרלאַנגען אָרדענונג און רו. זיי שלאָגן און פייניקן. קינדער וויינען. די דערוואַקס־

סענע זיפצן און שרייען. ס'העלפט אבער גארנישט. די בייטש איז שטאר־קער. די בייטש מאכט שוואכער אייניקע, מונטערט אויף אנדערע. שפעטער גייען אריין די פרויען און די מיידלעך אין פריזיר־אנשטאלט און לאזן זיך אפשערן די האר. איצט זיינען זיי כמעט זיכער, אז זיי גייען אין באד אריין. דורך דעם אנדערן אויסגאנג פירט מען זיי צום לאגער נומער 2, וואו זיי בלייבן נאקעטערהייט, אין דעם שטארקן פראסט, ווארטנדיק אויף זייער רייע, ווייל אין די גאז־קאמערן האט מען נאך נישט זיך אפגעפארטיקט מיט די פריערדיקע קרבנות. דאס אלץ איז פארגע־קומען ווינטער־צייט. דער פראסט איז א ברענענדיקער. קליינע קינדער־לעך מוזן שטיין אינגאנצן נאקעט און בארוועס אונטער דעם פרייען הימל. אזוי שטייען זיי שעהן לאנג. זיי ווארטן אויף זייער רייע. די גאז־קאמערן זיינען נאך נישט פריי. פון קעלט זיינען די פיסלעך פון די קינדערלעך צוגעוואקסן צו דער פארפרוירענער ערד. זיי שטייען, זיי וויינען, זיי פרירן. אין דער רייע שלאגן די דייטשן און אוקראינער. א געמיינע און א ווילדע בעסטיע איז געווען דער דייטש זעפף. ער האט אממיינסטן געפייניקט די קינדערלעך. ווען ער האט געשטויסן די פרויען און זיי האבן אים געבעטן ער זאל נישט שטויסן אזוי, ווייל זיי האבן אויף די הענט קינדער, פלעגט ער דעמאלט ארויסרייסן פון זייערע הענט א קינד אדער צערייסן א קינד אויף צוויי טיילן, אדער אנכאפנדיק ביי די פיסלעך, אדער מיטן קעפל א שליידער געטאן אין דער וואנט — און שפעטער אוועקגעשליי־דערט זיי טויטע. דאס זיינען נישט געווען קיין איינציקע פאלן, יעדע עטלעכע שריט זיינען פארגעקומען אזעלכע סצענעס.

די מענער זיינען דורכגעגאנגען הונדערט מאל גרעסערע ליידן, ווי די פרויען. זיי האבן זיך אויסגעטאן אויפן הויף. זיי האבן געמוזט אין ארדנונג אוועקלייגן זייערע מלבושים, אוועקטראגן זיי אויפן פלאץ און אוועקלייגן זיי צווישן די פעק פון אנדערע מלבושים און דערנאך זיינען זיי אריינגעגאנגען אין די באראקן, וואו די פרויען האבן זיך אויסגעטאן און האבן געמוזט ארויסטראגן און צוזאמענלייגן אויך די קליידער פון די פרויען. ווען זיי האבן זיך אויסגעשטעלט אין די רייען, האט מען אויס־געקליבן די געזונטע, די שטארקע און די גוט־געבויטע — און עס האבן זיך אנגעהויבן פייניקונגען. מען האט זיי געשלאגן ביז בלוט. מען האט זיי געשלאגן אויף דעם בעסטיאלישסטן אופן. צונויפגעשטעלט צוזאמען, פרויען, מענער, אלטע לייט און קינדער — רירן פון ארט אויף דעם גע־געבענעם צייכן. זיי האבן געמוזט דורכגיין פון לאגער נומער 1 דורך דעם לאגער נומער 2 צו די קאמערן. אויפן וועג איז געשטאנען א קליין גע־ביידעלע. אינעווייניק איז אימיצער געזעסן און האט אויסגערופן, מען זאל אוועקגעבן אלע ווערטפולע זאכן. און מענטשן האבן נאך געהאט אילוזיעס, אז זיי וועלן נאך לעבן און זיי האבן זיך באמת צו באהאלטן

אלץ, וואס לאזט זיך. האבן טאקע די תלינים אלץ געפונען. זיי האבן אלץ געפונען, אויב נישט פארן לעבן — איז נאכן טויט. יעדער, וואס איז דורכגעגאנגען דורך דעם קליינעם געביידעלע האט געמוזט אויפהויבן די הענט. און אזוי איז דער גאנצער טויט־קאראוואן דורכגעגאנגען שווייגנדיק מיט אויפגעהויבענע הענט צו די גאז־קאמערן. פאר די קאמערן איז געשטאנען א איד, וועמען די דייטשן האבן אויסגעקליבן אלס דעם אזוי־גערופענעם באד־מייסטער. ער האט אויפגעפאדערט אלע ארייינצוגיין אין באד אריין, ווייל דאס וואסער ווערט קאלט (אן איראניע), און אזוי האט ער אריינגעשטופט, צווישן געשרייען און קלעפ, אין די קאמערען אריין. ווי איך האב דערמאנט, איז אין די קאמערן געווען ענג. מענטשן שטיקן זיך פון בלויז ענגשאפט. דער מאטאר אין די נייע קאמערן האט שלעכט פונקציאנירט, די אומגליקלעכע האבן זיך געמאטערט שעהן לאנג, נישט קאנענדיק אומקומען. דער שטן אליין וואלט נישט אויסגעטראכט קיין שרעקליכערעליידן. ווען מען האט אויפגעמאכט די קאמערן פלעגן נאך אפט זיין א סך האלב־לעבעדיקע, וועלכע א קאלבע, א קויל, אדער א פעסטער קאפן פלעגט דערשלאגן צום טויט. אפט פלעגט מען ארייינלאזן די קרבנות אין די קאמערן אויף א גאנצער נאכט און דערביי נישט געלאזט דעם מאטאר אין באוועגונג. די ענגשאפט און די דושנעקייט האבן געטאן זייערס, הרגענענדיק א גרויסן פראצענט אין די שרעקלעכסטע ליידן. אבער א סך פון זיי זיינען געבליבן לעבן, הויפטזעכלעך די קינדער. די קינדער האבן געקאנט מער און לענגער אויסהאלטן. זיי זיינען געבליבן לעבן נאכדעם, ווי מען האט זיי ארויסגעווארפן פון די קאמערן. אבער דעמאלט האט זיי אלעמען דערשלאגן צום טויט א רעוואלווער פון א דייטש. דאס ערגסטע איז געווען דאס שטיין נאקעטערהייט אויף א ברענענדיקן פראסט, אפווארטנדיק די רייע אויף דעם גרויזאמען טויט. נישט ווייניקער שרעקלעך זיינען געווען די קאמערן אליין.

מיט א אמתן פרייד האבן די תלינים באגריסט די אויסלענדישע טראנספארטן. דארט האט מען אזוי רעאגירט אויף די דעפארטאציעס. כדי נישט ארויסצורופן דעם חשד, וואס מען וועט טאן מיט די אומגליקלעכע, האט מען זיי ארויסגעפירט אין פאסאזשיר־צוגן און דערלויבט זיי מיטצונעמען אלץ וואס איז נויטיק. די דאזיקע מענטשן זיינען אנגעקומען עלעגאנט געקליידט. זיי האבן געבראכט מיט זיך א סך עסן און א סך קליידער. אין צוג האבן זיי געהאט דינערשאפט און אפילו א רעסטאראציע־וואגאן. זיי האבן געהאט מיט זיך א סך פעטס, קאווע, טיי און אנדערע זאכן. אבער די גרויזאמע ווירקלעכקייט האט זיך זיי פלוצלינג אנטפלעקט. מען האט זיי ארויסגעשלעפט פון די וואגאנען און אלץ איז פארגעקומען אויף דעם זעלבן אופן, ווי איך האב פריער באשריבן. אויף דעם צווייטן טאג איז פון זיי שוין נישט געבליבן קיין צייכן. ס'זיינען

געבליבן נאָר קליידער, שפּייז און — אַרבעט, שווערע אַרבעט ביים באַגראָבן די טויטע. די צאָל טראַנספּאָרטן איז גרעסער געוואָרן פון טאָג צו טאָג — איצט זיינען שוין געווען 13 גאַז־קאַמערן. טיילמאָל האָט מען דערשטיקט אין די קאַמערן ביז 20,000 נפשות טעגלעך. צו אונזערע אויערן זיינען נאָר דערגאַנגען געשרייען, געוויינען און קרעכצן. די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט און וואָס זיינען דערוויל לעבן געבליבן — האָבן אין די טעג, ווען די טראַנספּאָרטן זיינען אָנגעקומען, גאָרנישט געגעסן און כסדר געוויינט. די שוואַכערע און מער פילבאַרע האָבן באַקומען אַ נערוון־דערשיטערונג און זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד — דאָס פלעגט געשען אַמייסנסטן צווישן דער אינטעליגענץ. ווען זיי פלעגן זיך צוריקקערן אין די באַראַקן אַריין נאָך דער אַרבעט ביים באַגראָבן די טויטע, מיט פולע אויערן פון די געשרייען און קרעכצן פון די קרבנות — פלעגן זיי זיך ביינאַכט אויפהענגען. און געווען זיינען אַזעלכע פאַלן 15־20 אַ טאָג. זיי האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן די פייניקונגען פון די גרופּן־פירער און פון די דייטשן און זיי האָבן מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די ליידן. אין אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט פון וואַרשע. פון דעם טראַנספּאָרט האָבן די דייטשן אַרויסגענומען אַרבעטער און באַשטימט זיי אין לאַגער נומער 2. איך האָב דאָרט דערקענט אַ סך באַקאַנטע. אָבער דאָס איז נישט געווען דער געהעריקער עלעמענט צו אַרבעטן. אַ געוויסער קושער האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן די יסורים. ער האָט זיך געוואָרפן אויף זיינע מערדער, דעם דייטש מאַטיאַס, דעם אויבערשאַרפירער פון לאַגער נומער 2. דאָס איז געווען אַ תליון און אַ רויבער. קושער האָט אים פאַרוואונדעט. דער „הויפּטשטורמפירער" איז דעמאָלט אָנגעקומען, ער האָט באַפרייט די האַנדוועקער און אַלע איבעריקע האָט מען אויסגעמאָרדעט אויפן אָרט אויף דעם שרעקלעכסטן אופן, מיט שטומפּיקע כלים. כ'האָב געאַרבעט אין וואַלד ביים אויסאַרבעטן האָלץ. דער דאָזיגער וואַלד האָט זיך געפונען צווישן דעם ערשטן און צווייטן לאַגער. דורך דאַנען זיינען דורכגעגאַנגען טראַנספּאָרטן פון נאַקעטע קינדער, פרויען, אַלטע לייט און מענער. אַ שטומער מאַרש פון טויט. מען האָט נאָר געהערט די געשרייען פון די מערדער. די אומגליקלעכע האָבן געשוויגן. נאָר פון צייט צו צייט האָט אַ קליין קינד געוויינט. ס'האָט געוויינט און איז שפּעטער שטיל געוואָרן. דעם מערדערס פינגער האָבן אַרומגענומען דאָס דאַרע העלזעלע פון קינד און האָבן דערשטיקט די לעצטע זיפצן פון קינד. אַלע זיינען געגאַנגען מיט אויפגעהויבענע הענט, נאַקעטע און הילפלאָזע.

צווישן איין לאַגער און דעם אַנדערן זיינען געווען געביידעס פאַר אוקראַינער. זיי זיינען תמיד געווען שכור. זיי האָבן אַרויסגעגנבעט פון די לאַגערן אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט און האָבן עס פאַרקויפט פאַר

בראנפן. די אנגעפרעסענע און שכורע אוקראַינער האָבן נאָך געזוכט צו באַרואיקן אַנדערע זייערע תאוות. ווען עס פלעגן דורכגיין לעבן זייערע געביידעס טראַנספּאָרטן פון נאַקעטע מיידלעך, פלעגן זיי אויסקלייבן צווישן זיי די שענסטע, פלעגן זיי אַריינשלעפּן אין זייערע געביידעס און פאַרגוואַלדיקן זיי אויף דעם בעסטיאַלישסטן אופן. דערנאָך האָבן זיי זיי אַפּגעפירט אין די טויט־לאַגערן. פאַרגוואַלדיקטע און פאַרשענדעטע דורך די מערדער האָבן זיי זיך געשטיקט צוזאַמען אין די ענגע קאַמערן. דאָס איז געווען אַ מאַרטירער־טויט. טיילמאָל זיינען פאָרגעקומען רעאַקציעס. איך וועל באַשרייבן איינעם פון אַזעלכע פאַלן. איינע פון די מיידלעך איז אַרויסגעטראָטן פון דער רייע. אַ נאַקעטע איז זי דורכגעשפּרונגען דורך אַ הויכן, דריי־מעטערדיקן פּלויט פון שטעכעדיקן דראָט און זיי האָבן אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך איר. דער ערשטער, וועלכער האָט זיך געוואָרפן אין געיעג נאָך איר, האָט נישט געקאָנט שיסן, ווייל ער איז געווען צו נאָענט צו איר. זי האָט אים אַרויסגעריסן די ביקס. עס איז בכלל געווען שווער צו שיסן, ווייל אַרום און אַרום זיינען געשטאַנען די „וואַכן" און זיי האָבן געקאָנט גלייך אימיצן פאַרוואונדן פון זיי. די רציחה האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן. זי האָט אָפּגעגעבן אַ שאָס, וועלכער האָט דערהרגעט אַ אוקראַינער — זי האָט זיך אָבער געמוזט אָמפּערן מיט אַנדערע. זי האָט אָפּגעגעבן אַ צווייטן שאָס און האָט פאַרוואונדעט אַן אַנדערן אוקראַינער. זי האָט אים אָפּגעשאָסן אַ האַנט. (נאָכן אויסהיילן זיך איז דער אוקראַינער געבליבן אין אונזער לאַגער ביז דעם לעצטן מאָמענט.) ענדלעך האָבן זיי זי געכאַפּט. זי האָט טייער באַצאָלט פאַר דעם אַלעמען. זיי האָבן איר געשלאָגן, געמאַכט סיניאַקעס, באַשפּיגן, גע־קאָפּעט און דערנאָך ערשט דערהרגעט. דאָס איז אונזער העלדין, אַ נאָמען.

ס'איז געקומען אַ טראַנספּאָרט פון דייטשלאַנד. אַלץ איז פאַרגע־קומען שאַבלאָנמעסיק. ווען די פרויען האָבן זיך אויסגעטאָן, איז אַרויס פון די רייען אַ פרוי מיט צוויי קליינע קינדער — אינגעלעך. זי האָט זיך אויסלעגיטימירט און דערקלערט, אַז זי איז אַ געבוירענע דייטשקע, וועלכע האָט זיך געפונען אין וואַגאָן נאָר על פּי טעות. אַלע דאָקומענטן זיינען אין אָרדנונג. ביידע אינגעלעך זיינען נישט געמלט. די פרוי איז אַ שיינע, אָבער פון אירע אויגן שלאָגט אַ שרעק. זי האַלט די קינדער לעבן זיך, באַרואיקט זיי און פאַרזיכערט זיי, אַז באַלד וועט זיך אַלץ אויפקלערן און זיי וועלן צוריקפאָרן אַהיים צו זייער טאַטעלע. זי טוליעט זיי צו צו זיך, קושט זיי — און אַליין וויינט זי. אַ פאַרגעפיל, אַ שרעקלעך פאַרגעפיל. די דייטשן הייסן איר אַרויסטרעטן מיט די קינדער פון דער רייע. ס'דאַכט זיך איר, אַז זי איז געראַטעוועט. זי באַרואיקט זיך אַ ביסל. אָבער וואָס פאַר אַ גרויל. ס'איז באַשטימט געוואָרן, אַז זי מוז אומקומען צוזאַמען

מיט די אידן, ווייל זי האָט צופיל געזען און זי קאָן נאָך דערציילן וועגן דעם דער וועלט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַלץ איז איינגעהילט אין אַ געהיימעניש. ווער עס האָט אַריבערגעשטיגן די שוועל פון טרעבלינקע, דער איז פאַרמשפּט אויף אומקום. די קינדער וויינען, אַזוי ווי די אידישע קינדער האָבן געוויינט. אין אירע אויגן וואוינט ד זעלבע פאַרצווייפלונג. נישטאָ קיין חילוק פון ראַסע. אין אַנבליק פון טויט זיינען אַלע גלייך. איר מאַן וועט זיכער אומקומען אויפן פראָנט. זי איז אומגעקומען אין לאַגער.

ווען איך בין געווען אין לאַגער נומער 1 בין איך געוואָר געוואָרן, ווער עס זיינען די אידן, וועלכע טראָגן די געלע לאַטע. דאָס זיינען געווען מענטשן פון פאַרשיידענע פרייע באַרופן און האַנדווערקער, וועלכע זיינען איבערגעבליבן פון די ערשטע טראַנספּאָרטן. זיי האָבן אויסגעבויט טרעבלינקע. ווען אַלץ וועט זיך ענדיקן, אפשר וועלן זיי זיך אַרויסבאַקומען אויף דער פרייהייט. דער גורל האָט אָבער גוזר געווען אַנדערש. ערשטנס, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער וואָס טרעט אַריבער די שוועל פון דעם דאָזיקן גהינום — דער מוז אומקומען. מען טאָר נישט איבערלאָזן קיין עדות, וועלכע וואָלטן געקאָנט ווייזן דער וועלט דאָס אָרט פון די באַרבאַרישע פייניקונגען. צווייטנס, האָט איין געשעעניש גורם געווען, אַז זיי זאָלן פאַרלירן דעם חסד פון זייערע מערדער און זאָלן פאַרמשפּט ווערן צום טויט. צווישן זיי זיינען געווען גאָלדשמידן. זיי האָבן סאָרטירט איידלשטיינער. און געווען זיינען זעהר אַ סך איידלשטיינער. פולע קאַסטנס. צום סאָרטירן און אויסלייגן די דאָזיקע ווערטפולע זאַכן איז געווען באַשטימט אַ באַזונדערער באַראַק. קיין ספּעציעלע וואַך איז דאָרט נישט געשטאַנען. זיי האָבן געוואוינט דעם צוטרוי, ווייל וואוהין וועלן זיי עס אַרויסטראָגן? ווען אפילו אימיצער זאָל פאַר זיך עפּעס נעמען, וואָלט עס סיי־ווי־סיי שפּעטער געוואָרן דאָס אייגנטום פון די דייטשן. די אוקראַאינער דאַגעגען זיינען פון דעם בלויזן קוק אויף דעם גאָלד — משוגע געוואָרן. זיי קענען זיך נישט לחלוטין אויף דעם. ס'איז גענוג, מען זאָל זיי ווייזן עפּעס בלישטשענדיקס און פאַרזיכערן זיי, אַז דאָס איז גאָלד. ווען עס זיינען פאַרגעקומען די דעפּאָרטאַציעס, פלעגן זיי אַריינקומען אין יעדן הויז און פאַרלאַנגען גאָלד. זיי האָבן דאָס געטאָן אַן דעם וויסן פון די דייטשן. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע זאַכן קאָנען נישט פאָרקומען אָן טעראָר. אין אַזאַ לאַגע גיט מען זיי וואָס עס לאָזט זיך און זיי כאַפּן אַלץ צו. דאָס גאָלד באַהאַלטן זיי זייער זאָרגפעלטיק. זיי באַרימען זיך פאַר זייערע משפחות, אַז זיי האָבן אַהיימגעבראַכט מלחמה־רויב. טייל שטאַמען פון די נאָענטע דערפער. אַנדערע האָבן אין דער שכנות אַ מיידל, וועלכער זיי ווילן ברענגען אַ פּרעזענט. אַ טייל אָבער פון די אוצרות האָבן זיי איינגעטוישט אויף בראַנפן. זיי זיינען געפערלעכע

שכורים. ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז אידן אַרבעטן ביים גאָלד כּמעט אָן אַ קאָנטראָל, האָבן זיי אָנגעהויבן צו צווינגען זיי צו גנבה. די אידן האָבן געמוזט גנבענען ברילִיאַנטן, גאָלד און זיי אַוועקגעבן. וואָלטן זיי דאָס נישט געטאָן — וואָלטן זיי דערהרגעט געוואָרן. טאָג איין, טאָג אויס האָבן אַ באַנדע אוקראַינער אַרויסגעטראָגן ווערטפולע זאַכן פון דעם אוצר. דאָס האָט איינמאָל באַמערקט אַ דייטש. און עס פאַרשטייט זיך, אַז באַשטראָפט זיינען געוואָרן די אידן. מען האָט זיי רעווידירט און גע־פונען ביי זיי גאָלד און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט מודה זיין, אַז זיי האָבן עס געטאָן אונטער אַ טעראָר, ווייל עס וואָלט זיי סיי־ווי־סיי ווייניק געהאָלפן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַ־טערנישן. ס'איז אויסגערונען דער גאָלדענער חלום פון דעם פייגעלע וועגן פרייהייט אין דעם שטייגל. ס'איז זיי איצט געווען ערגער ווי אַלע אַנ־דערע אַרבעטער.' עס פאַרשטייט זיך, אַז נאָך דעם פאַל — איז געבליבן פון זיי אַ העלפט. פריער זיינען זיי געווען צוזאַמען 150. די געבליבענע ביים לעבן האָבן געליטן הונגער און נויט. און אויך זייערע ליידן האָבן נישט געהערט צו די טאָג־טעגלעכע ליידן.

דער פּלאַץ איז געווען פול מיט פּעק פון פאַרשיידענע זאַכן. ס'פאַר־שטייט זיך, אַז מיליאָנען מענטשן האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך מיליאָנען פאַרשיידענע קליידער, וועש און אַנדערע זאַכן. דערביי האָט יעדער גע־גלויבט, אַז ער גייט אויף נע־ונד, אָבער נישט אויף טויט, און דעריבער האָט ער מיטגענומען מיט זיך דאָס בעסטע, דאָס מער נויטיקסטע. ס'זיי־נען געווען פולע רוק־זעק, פולע זעק און פולע וואַליזן. ס'זיינען געווען די בעסטע שפּייזן. אַלץ וואָס אַ מענטש האָט געקאָנט פאַרלאַנגען איז געווען אויפן פּלאַץ אין טרעבלינקע. אַלץ איז געווען אין גרויסע צאָלן. אַדורכ־גייענדיק האָב איך באַמערקט פולע הויפנס מיט אייביקע שרייב־פעדער, אַמתע קאַווע, אמתע טיי און אַנדערע זאַכן. דער לאַגער־הויף איז געווען פול מיט זיסע זאַכן. די אויסלענדישע טראַנספּאָרטן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ סך פעטס. די דאָזיקע מענטשן האָבן הייליק געגלויבט, אַז זיי וועלן ווייטער לעבן.

ביים סאָרטירן די זאַכן האָבן געאַרבעט אידן. זיי האָבן אַלץ צוזאַ־מענגעקלייבט; יעדע זאַך האָט געהאַט איר באַשטימונג. יעדע זאַך פון אַ איד האָט געהאַט איר ווערט און איר אָרט, נאָר נישט די אידן אַליין. די אידן האָבן געמוזט גנבענען, כּדי אַוועקצוגעבן אַלץ די אוקראַינער. ווען די אידן האָבן דאָס ניט געטאָן, האָבן די אוקראַינער אויסגעפונען פאַרשיידענע תירוצים זיי צו פאַרפייניקן צום טויט. זיינען זיי אָבער גע־כאַפּט געוואָרן ביי די גנבות — האָט מען זיי געהרגעט אויפן אָרט. דער האַנדל איז אָנגעגאַנגען ווייטער. איינער האָט איבערגעריסן, דער אַנדערער האָט אָנגעהויבן. און אַזוי האָבן געלעבט די אויסגעקליבענע גליק־

מענטשן. איינצלנע פון מיליאַנען — צווישן האמער און קאַוואדלע. איינמאָל איז געקומען אַ טראַנספּאָרט מיט ציגיינער פון הינטער וואַרשע. זיי זיינען געווען 70 נפשות. אָרימע און אָפּגעריסענע: מענער, פרויען און קינדער. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַ ביסל שמוציקע וועש, אַלטע שמאַטעס — נו און זיך אַליין. ווי זיי זיינען אַרויפגעקומען אויפן פּלאַץ האָבן זיי זיך זעהר געפרייט. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי געפינען זיך אין אַ פאַרכישופטן פּאַלאַץ. נישט וויניקער אָבער האָבן זיך געפרייט מיט זיי זייערע מערדער. זיי האָבן זיי אומגעבראַכט, אַזוי ווי זיי האָבן אומגעבראַכט די אידן. עטלעכע שעה שפּעטער האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. ס'זיינען געבליבן נאָר מתים.

כ'האָב געאַרבעט אין לאַגער נומער 1. כ'האָב זיך דעמאָלט באַוועגט פריי. הגם איך האָב דאָ אַ סך געזען, איז דאָך דאָס בילד פון די, וועלכע זיינען דערשטיקט געוואָרן אין די קאַמערן אין צווייטן לאַגער געווען אַ סך שרעקלעכער. כ'האָב געדאַרפט אַרבעטן אין דעם ערשטן לאַגער כסדר. וועגן דעם האָט זיך באַמיט דער בוי־מייסטער הערמאַן און דער טשעכי־שער סטאָלער־מייסטער. זיי האָבן איינגעזען, אַז זיי האָבן נישט אַזעלכע בעלי־מלאכות ווי איך, און איך בין זיי ציימווייליק נויטווענדיק געווען. אָבער אינמיטן פון דעצעמבער 1942 איז אָנגעקומען אַ באַפעל, אַז אַלע פון לאַגער נומער 2 זאָלן זיך מעלדן. דאָס איז געוועזן אַ באַפעל נישט צוריקצוציען, אַזוי אַז תיכף ומיד, נישט עסנדיק אפילו קיין מיטאָג, זיינען מיר אַוועק אין צווייטן לאַגער. באַלד ביים אָנהויב האָב איך געזען אַ בילד פון פריש־אומגעקומענע אין די גאַז־קאַמערן, ביי וועלכע די דענ־טיסטן האָבן אַרויסגעריסן מיט צווענגלעך די קינסטלעכע ציין. איין ווײַלע צו קוקן אויף דעם בילד איז גענוג געווען, אַז עס זאָל ביי מיר צוגענומען ווערן דער חשק צו לעבן. די דאָזיקע ציין האָבן די דענטיסטן סאָרטירט לויט זייער ווערט און האָבן זיי באַזונדער צוזאַמענגעלייגט. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָס די אוקראַינער האָבן באַוויזן צוצוגנבענען איז גע־בליבן זייער אייגנטום. אין דעם לאַגער נומער 2 האָב איך געאַרבעט אַ געוויסע צייט ביים רעמאָנטירן די קיך. דער קאָמאַנדאַנט פון דער קיך האָט אַרויסגעגעבן נייע פאַראָרדנונגען. אין דער צייט זיינען אָנגעקומען וויניק טראַנספּאָרטן און קיין נייע כוחות צו אַרבעטן זיינען נישט צוגע־קומען. דעמאָלט האָבן זיי אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די אַרבעטער פון ערשטן לאַגער נומערן. דאָס איז געווען אַ דריי־עק געמאַכט פון לעדער. יעדע גרופּע האָט געהאַט אַן אַנדער קאָליר. מען האָט זיי געטראָגן אויף דער לינקער זייט ברוסט. עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן ידיעות, אַז אויך אין דעם צווייטן לאַגער וועלן אויך זיין נומערן. דערווייל איז עס נישט געווען. יעדנפאַלס האָט איצט געהערשט אַן אָרדנונג. קיין שום פּרעמדער פון אַ טראַנספּאָרט האָט זיך נישט געקאָנט אַריינגנבענען, כדי

צו פארלענגערן די טעג פון זיין לעבן, אזוי ווי איך האב דאס געטאן. ס׳איז אונז שוין דעמאלט געווארן זעהר קאלט. זיי האבן אונז אנגעהויבן ארויסגעבן קאלדרעס. אין דער צייט, ווען איך בין נישט געווען אין דעם לאגער נומער 2, האט מען איינגעארדענט דארט א סטאלער־ווארשטאט. דער סטאלער — „פאר־ארבעטער" איז געווען א ווארשעווער בעקער. ער האט געדארפט מאכן טראג־ברעטער אריבערצוטראגן די מתים פון די קאמערן אין די קברים אריין. דאס איז געווען א זעהר איינפאך שטיק מעבל. צוויי דרענגלעד און ברעטער צונויפגעקלאפט מיט טשוועקעס.

„דער הויפט־שטורמפירער" און ביידע קאמאנדאנטן האבן מיר באַ־פוילן אויסצובויען א וועשעריי, א לאבאראטאריום און א צימער פאר 15 פרויען. די דאזיקע געביידעס האבן געדארפט געבויט ווערן פון אלטן מאטעריאל. אין דער שכנותשאפט האט מען פאנאנדערגענומען אידישע געביידעס. איך האב דאס דערקענט לויט די נומערן פון די הייזער. איך האב צוגעקליבן ארבעטער און איך האב אנגעהויבן צו ארבעטן. א טייל רויען האלץ האב איך געבראכט פון וואלד. די צייט ביי דער ארבעט איז שנעל אוועקגעלאפן. איין טאג נאך דעם אנדערן איז אוועק. דאס בילד ארום מיר איז געווארן וואכעדיק. איך בין געווארן גלייכגילטיק צו אלץ. אבער נייע זאכן האבן מיך אנגעהויבן ארויסצופירן פון גלייכגעוויכט. די דייטשן האבן דעמאלט אנגעהויבן צו רעדן וועגן קאטין. קאטין איז פאר זיי געווען א נייע פראגאנאנדא. איינמאל איז אריינגעפאלן אין אונזערע הענט א צייטונג און מיר זיינען געוואר געווארן וועגן די דאַ־זיקע גרויזאמקייטן. אין דער זעלבער צייט אונטער איינפלוס מכלומרשט פון די דאזיקע געשעענישן איז געקומען אין טרעבלינקע הימלער און האט ארויסגעגעבן א פאראָרדנונג צו פארברענען אלע טויטע קערפערס. און עס איז געווען וואס צו פארברענען. מען האט נישט געקאנט צושרייבן די דאזיקע בארבארישקייט צו אנדערע ווי צו די דייטשן, ווייל נאר די דייטשן זיינען דערוויל בעלי־הבתים פון דער דאזיקער ערד, וועלכע זיי האבן פון אונז מיט געוואלד ארויסגעריסן. זיי האבן נישט געוואלט איבערלאזן קיין צייכנס. יעדנפאלס האט מען געמוזט געפינען אן אופן פון פארניכטן אלצדינג. האט מען דעריבער אנגעהויבן צו פארברענען. און ס׳האט זיך ווידער אנגעהויבן דאס אויסגראבן און דאס ארויסטראגן פון די קברים פון אלטע לייט, קינדער, פרויען און מענער. ביים עפענען אזא קבר — האט זיך ארויסבאקומען פון דארט א געפערלעכער ריח. דער פונאנדער־פאל פון די קערפערס איז געווען א פולקאמענער. ביי דער דאזיקער ארבעט האבן מענטשן ווידער געליטן מאראליש און פיזיש. און ווידער האט זיך אומגעקערט צו אונז, צו די לעבעדיקע, א נאך גרעסערער און א נאך מער ווייטאגדיקער אומעט.

מיר האבן זיך זעהר שלעכט דערנערט. טראנספארטן האבן אויפ־

געהערט אַנצוקומען. מיר האָבן געגעסן נאָר פּאַרשימלט ברויט און נאָכ־געטרונקען וואַסער. פון הונגער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן טיפוס. אַ קראַנקער האָט נישט גענמען — נישט קיין היילונג און נישט קיין בעט. אַ קויל אין קאַרק — און דאָס לעבן איז געווען געענדיקט.

זיי האָבן אָנגעהויבן צו פאַרברענען די מתים, אָבער עס איז זיי פון אָנהויב אָזוי גרינג נישט געגאַנגען. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קערפּערס פון פרויען ברענען בעסער, ווי די קערפּערס פון מענער. האָבן זיי דעריבער גענומען די פרויען קערפּערס אויף פאַנאַנדערצוברענען דאָס פייער. די אַרבעט איז געווען זעהר אַ שווערע. צווישן די גרופּן איז פאָרגעקומען אַ געיעג, וועלכע גרופּע עס וועט פאַרברענען מער. מען האָט פאַרטיק געמאַכט טאַוולען, אויף וועלכע מען האָט יעדן טאָג איינגעשריבן די צאָל פאַרברענטע. דאָך זיינען די רעזולטאַטן געווען זעהר שוואַכע. שפּעטער האָט מען באַגאָסן די מתים מיט בענזין און אויף אַזאַ אופן זיי פאַרברענט. דאָס פאַרברענען האָט געקאָסט זייער אַ סך און דער רעזול־טאַט איז געווען אַ שלעכטער. די קערפּערס פון די מענער האָבן זיך במעט נישט געלאָזט ברענען. ווען מען האָט באַמערקט אַ עראָפּלאַן אין דער לופטן, האָט מען אָפּגעשטעלט די אַרבעט און די אַרויסגעצויגענע מתים האָט מען צוגעדעקט מיט בוימלעך, כדי מען זאָל זיי נישט באַ־מערקן פון אַן עראָפּלאַן. דאָס איז געווען אַ שרעקלעך בילד. דאָס שרעק־לעכסטע וואָס מענטשלעכע אויגן האָבן וועלן געקאָנט זען. ווען מען האָט פאַרברענט פרויען, וועלכע זיינען געווען אין אַנדערע אומשטענדן, — האָט זייער בויך געפּלאַצט, דאָס קינד האָט זיך אַרויסבאַקומען פון דער פרויס בויך — און אַזוי האָט זיך דאָס קינד פאַרברענט אויפן שויס פון דער מוטער. אויף די מערדער האָט דאָס נישט געמאַכט קיין שום איינדרוק. זיי זיינען געשטאַנען דאָרט, אַזוי ווי ביי אַ מאַשין, וועלכע פונקציאָנירט שלעכט און פּראָדוצירט ווייניק. איינמאָל איז געקומען אין לאַגער אַריין אַ „אָבערשאַרפּירער" פון ס.ס. — און דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער גהינום. דאָס איז געווען אַ מאַן בערך 45 יאָר אַלט, נידעריק אין וואוקס, שטענדיק אַ שמייכלדיקער. זיין באַליבטער אויסדרוק איז געווען — „טאַדעללאָז". מיר האָבן אים געגעבן אַ ביינאָמען: „טאַדעללאָז". זיין פּנים אפילו האָט געהאַט אַ מילדן אויסדרוק, האָט אָבער נישט אויסגע־דריקט דאָס, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין זיין געמיינער נשמה. ער האָט געהאַט אַן אמתדיקן פאַרגעניגן, ווען ער האָט געקוקט, ווי די טויטע קערפּערס ברענען. דער פּלאַם פון דעם דאָזיקן פייער איז געווען פאַר אים די טייערסטע דערשיינונג. ער האָט געגלעט מיט זיינע אויגן דעם דאָזיקן פייער־פּלאַם. ער האָט כסדר געלאַכט מיט אַ געמיינעם סאַדיסטישן שמייכל. דער גהינום האָט אויסגעזען פאָלגענד: ער האָט באַנוצט אַ מאַשין אויס־צוגראָבן די מתים. אַזאַ מאַשין האָט געקאָנט אַרויסציען מיטאַמאָל 3

טויזנט מתים. אויף די בעטאָן־פונדאַמענטן, וואָס זיינען געווען אַ 100־150 מעטער לאַנג, האָט מען אויסגעלייגט אין דער ברייט באַן־שינעס און געמאַכט דערפון אַ ריזיקן אָפענעם בראַט־אויוון (רושט). די אַר־בעטער האָבן אַרויפגעלייגט גאַנצע הויפנס פון מתים אויף דעם רושט און אונטערגעצונדן. איך בין נישט קיין יונגער מענטש. איך האָב שוין אַ סך אין מיין לעבן געזען. אָבער אַ גרעסערן גהינום איז אפילו לוציפער נישט בכוח צו שאַפן. צי קאָן זיך אימיצער פאָרשטעלן אַזאַ לאַנגן רושט און אויף אים 3000 קערפּערס פון מענטשן, וועלכע האָבן נישט לאַנג צוריק געלעבט? איר זעט פנימער און אייך דוכט זיך, אַז אין אַ וויילע אַרום וועלן זיי אויפשפּרונגען פון זייערע ערטער און וועלן זיך אויפוועקן פון אַ לאַנגן שלאָף. דאָ קומט אַ באַפעל — מען צינדט אונטער, און אַ העליש פייער צעשפּרייט זיך איבעראַל. אויב דו שטייסט נאָענט נעבען זיי, דוכט זיך דיר, אַז פון זייערע פאַרשלאָפענע מיילער רייסן זיך אַרויס זיפצן, אַז די קינדערלעך וועלן זיך אין אַ וויילע אַרום אויפרייסן פון זייערע ערטער און וועלן רופן „מאַמע". אַ שרעק און אַ ווייטאָג נעמט דיך אַרום און דאָך שטייסטו און אַרבעטסט און שווייגסט. ביי דעם אַש שטייען באַנדיטן און שמייכלען מיט זייער טייוולאַנישן שמייכל. אַ טייוולאַנישער פאַרגעניגן שפּיגלט זיך אָפּ אויף זייערע פּרצופים. דערביי זויפן זיי בראַנפן און די בעסטע ליקערן, פאַרבייסנדיק מיט גוטע זאַכן. זיי הוליען און ווילן זיך דערהיצט דורך פייער און בראַנפן. אפילו נאָך דעם טויט קאָן מען האָבן פון אַ איד געוויסע נוצן. עס איז ווינטער־צייט. זעהר אַ שאַרפער ווינטער. אָבער דאָ זעצט די היץ, ווי פון אַן אויוון. די היץ קומט פון די ברענענדיקע אידישע קערפּערס. עס וואַרעמען זיך ביי די דאָזיקע ברענענדיקע קערפּערס די מערדער. זיי זויפן, זיי פרעסן, זיי לאַכן. דאָס פייער ווערט וואָס אַמאָל קלענער. עס שטילט זיך איין. ס'איז געבליבן נאָר אַש, וועלכעס וועט באַפרוכפּערן די שווייגנדיקע ערד. מענטשלעך בלוט און אַש פון מענטשלעכן קערפּער — דאָס זיינען די זוימען פאַר דער ערד. ס'וועט זיין אַ פרוכטבאַרע ערד. זי ווייסט וועגן אַלץ און זי שווייגט. און אַזוי טאָג־איין און טאָג־אויס זיינען די אָרימע אַרבעטער געשוואָלן געוואָרן און אומגעקומען פון דער אַרבעט ביי די מתים און זיינען פון גרוים ווייטאָג געפאַלן. און אַזוי אויך טאָג־איין, טאָג־אויס, זיינען געשוואָלן געוואָרן די הערצער פון די באַנדיטן מיט פאַרגעניגן און מיט שטאָלץ, ווען זיי האָבן נאָך פולקאָמער געמאַכט דעם דאָזיקן גהינום. ס'איז געווען ליכטיק און וואַרעם. פייערן האָבן געברענט, דער לעצטער צייכן פון די אומגעקומענע ווערט אַנטריננען און אונזערע הערצער בלוטיקן. און דער „אָבערשאַרפירער", וועלכער האָט איינגעפירט דאָס דאָזיקע גהינום, זיצט ביים פייער, לאַכט כסדר, גלעט דאָס פייער מיט זיינע אויגן און זאָגט כסדר „טאַדעללאָז". ער זעט דאָך ווי אַלע זיינע

אומנאַרמאַלע, פאַרדאַרבענע ווילונגען און טרוימען, נעמען אַן הויט און פלייש, ווערן אַ ווירקלעכקייט.

דאָס ברענען פון די מתים האָט זיך לסוף גלענצענד איינגעגעבן. די דייטשן, איילנדיק זיך און וועלנדיק וואָס שנעלער פאַרענדיקן דאָס ברע־נען, האָבן אָנגעהויבן בויען רושטן, האָבן פאַרגרעסערט די מאַנשאַפט און האָבן אָנגעהויבן ברענען צו 12,000 - 10,000 קערפּערס אַ טאָג. ס'איז געווען אַן אמתער גהינום. ווען מען האָט געקוקט אויף דעם פון דער־ווייטנס, האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז אַ וואולקאַן האָט אויפגעברויזט, אַז דער וואולקאַן האָט אויפגעהויבן די דעק פון דער ערד און שפּייט מיט פייער און מיט אַ לאַווינע. דאָס פייער האָט געקנאַקט און געשטורעמט אַרום און אַרום. מען האָט נישט געקאָנט איינשטיין, אַזאַ גרויסע היץ, אַזאַ גרוים פייער, אַזאַ געדיכטער רויך איז דאָרט געווען. דאָס האָט גע־דויערט געננג לאַנג. עס זיינען דאָך דאָרט געווען מיליאָנען טויטע קער־פּערס. מיט די נייע טראַנספּאָרטן האָבן זיי געהאַט ווייניקער אַרבעט, ווייל נאָכן דערשטיקן די מענטשן מיט גאַז — האָט מען זיי באַלד פאַר־ברענט. עס האָבן אָנגעהויבן קומען טראַנספּאָרטן פון בולגאַריען. דאָס זיינען געווען רייכע מענטשן, וועלכע האָבן מיט געבראַכט מיט זיך אַ סך שפּייז, ברויט, געדרויכערט פלייש, קעז. א. אַ. וו. מען האָט זיי פּאַרטי־ליקט, ווי די אַנדערע אידן. מיר האָבן איצט באַקומען בעסער עסן. די אידן פון בולגאַריע זיינען געווען הויכע, שטאַרקע און מענלעכע. ווען מען האָט געקוקט אויף אַזאַ מענטש, האָט זיך פּשוט נישט געוואָלט גלויבן, אַז נאָך 20 מינוט זיין אין די גאַז־קאַמערן, וועט ער אויפהערן צו לעבן. די דאָזיקע אידן, וועלכע האָבן אַזוי הערלעך אויסגעזען, האָבן די מער־דערס נישט דערלויבט צו שטאַרבן מיט אַ לייכטן טויט. זיי האָבן אַריינ־געלאָזט אין די קאַמערן ווייניק גאַז און געשטיקט זיי אַ גאַנצע נאַכט. לאַנג האָבן זיי זיך געמאַטערט ביז זיי האָבן אויסגעהויכט די נשמות. אויך איידער זיי זיינען אַריין אין די קאַמערן, זיינען זיי דורכגעגאַנגען שרעקלעכע ליידן. די מערדער זיינען זיי מקנא געווען, וואָס זיי קוקן אויס אַזוי שיין, און דעריבער האָבן זיי נאָך אין אַ שטאַרקערער מאָס זיי גע־פּייניקט. נאָך די טראַנספּאָרטן פון בולגאַריע — האָבן אָנגעהויבן אָנצו־קומען טראַנספּאָרטן פון ביאַליסטאָק און גראָדנע. אינצווישן־צייט האָבן מיר געענדיקט צו בויען דעם לאַבאַראַטאָריום, די וועשעריי און דעם צימער פאַר די פרויען.

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע. מיר זיינען שוין געווען דעמאָלט פאַרשלאָסן אין אונזערע באַראַקן. האָבן דעריבער די דייטשן און די אוקראַינער, אָן אונזער הילף, פאַרנומען זיך מיט די קרבנות. פּלוצלינג הערט מען אַ קנאַקעריי, גע־שרייען און אַ שיסעריי. מען הערט אַ געדיכטע שיסעריי. מיר האָבן זיך

נישט גערירט פון ארט און מיט אומגעדולד געווארט אז דער פרימארגן זאל אנקומען. יעדער פון אונז האט געוואלט וויסן וואס ס'איז פארגע־קומען. אויף מארגן איז דאס פעלד געווען פארזייט מיט טויטע קערפערס. די אוקראינער האבן אונז דערציילט בשעת דער ארבעט, אז די אידן פון דעם נייעם טראנספארט האבן זיך נישט געלאזט פירן אין די קאמערן אריין. האט זיך אנגעהויבן דעריבער א טראגישער קאמף. זיי האבן פאר־ניכטעט אלץ ארום. זיי האבן צעבראכן די קאסטנס מיט גאלד, וואס זיינען געשטאנען אין די קארידארן פון די קאמערן. זיי האבן געכאפט שטעקנס און אנדערע זאכן און האבן זיך פארטיידיקט. נישט לאנג האט געדויערט דער דאזיקער אומגליקלעכער קאמף. קוילן זיינען געפאלן זעהר געדיכט און האבן געהרגעט א סך. אינדערפרי איז דער פלאץ געווען פארזייט מיט טויטע קערפערס. לעבן יעדן פון זיי זיינען געלעגן די זאכן מיט וועלכע ער האט זיך פארטיידיקט. זיי זיינען אומגעקומען. די איבעריקע זיינען אריינגעווארפן געווארן אין די קאמערן. סיי די, וואס זיינען דער־שלאגן געווארן צום טויט און סיי די, וואס זיינען דערשטיקט געווארן אין די גאז־קאמערן — האבן געהאט צע'ממית'טע קערפערס. א טייל פון זיי האט מען אפגעריסן שטיקער קערפערס. אינדערפרי, ווען די זון איז אויפ־געגאנגען, איז שוין געווען נאך אלעמען, די וואס האבן זיך געבונטעוועט זיינען פארברענט געווארן. און מיר האבן איצט נאך קלארער געזען, אז פאר אונז איז נישט פאראן קיין אויסוועג, אז פאר אונז איז נישט פאראן קיין רעטונג.

אין דער זעלבער צייט איז די דיסציפלין פארשארפט געווארן. מען האט אויסגעבויט א געביידע פאר דער וואך, מען האט פארגרעסערט די וואך און מען האט אינסטאלירט א טעלעפאן אין דעם לאגער נומער 2. אונזערע כוחות צו ארבעט האבן זיך אויסגעשעפט. האט מען דעריבער אנגעהויבן צו שיקן נייע מענטשן פון לאגער נומער 1. אבער אויך די זיינען נישט געבליבן לעבן. מען האט זיי אלע אומגעבראכט. ווען זיי זיינען אפגעווען א פאר טעג און ווען די דייטשן האבן געזען, אז זיי טויגן שוין נישט מער צו דער ארבעט, האט מען זיי דערהרגעט. ס'איז א שאד געווען צו געבן זיי עסן. צו מיר איז געקומען דער „שארפפירער", א טשע־כישער דייטש, א סטאלער־מייסטער, וועלכן איך האבן אויבן דערמאנט. ער האט זיך מיט מיר אן עצה געהאלטן, ווי אזוי אויפצובויען א 4־שטא־קעדיקן אבסערוואציע־פונקט, אזעלכן ווי ער האט געזען אין מיידאנעק. נאכדעם ווי איך האב אים געגעבן אלע אויפקלערונגען, איז ער געווען זעהר צופרידן. ער האט מיר דערפאר געבראכט ברויט און ווארשט. איך האב אים אנגעגעבן די מאס פון האלץ און פון די שרויפן און איך האב אנגעהויבן צו בויען. ווען איך האב אנגעהויבן עפעס א נייע ארבעט, האב איך געוואוסט דעמאלט, אז מיין לעבן איז פארלענגערט אויף עט־

לעבע וואכן. אזוי לאנג ווי זיי באדארפן מיך, וועלן זיי מיך נישט אומ־ברענגען. ווען איך האב אויסגעבויט דעם ערשטן טורעם, איז געקומען צו מיר דער „הויפט־שטורמפירער", ער האט מיר אויסגעדריקט א סך אנ־ערקענונג און האט מיר באפוילן אויסצובויען נאך אזעלכע 3 טורעמס ארום דעם לאגער נומער 2. זיי האבן פארשארפט און פארגרעסערט די וואך ארום לאגער. מען האט זיך נישט געקאנט בשום אופן ארייננבא־קומען פון איין לאגער אין דעם צווייטן. 7 מענטשן האבן זיך קאנספי־ראטיוו ארגאניזירט און מיט דער הילף פון אונטערגראבונגען האבן זיי זיך געוואלט ארויסבאקומען פון לאגער. 4 פון זיי האט מען געכאפט. א גאנצן טאג האט מען זיי געפערלעך געפייניקט. דאס איז געווען ערגער ווי דער טויט. ביינאכט, ווען אלע זיינען צוריקגעקומען פון דער ארבעט — האט מען אונז אלע פארזאמלט און מען האט זיי אין געגנווארט פון אלעמען אויפגעהאנגען. איינער פון זיי, מעכעל פוןווארשע, האט אויסגע־שריגן, איידער מען האט פארצויגן די פעטלע אויף זיין האלז: נידער מיט היטלער, זאלן לעבן די אידן!

עס זיינען געווען צווישן אונז, די ארבעטער, א סך רעליגיעזע אידן. זיי האבן געדאווענט יעדן טאג. קאראל, א דייטש, דער פארטרעטער פונם קאמאנדאנט, וועלכער איז געווען א ציניקער, האט פון דערווייטנס אב־סירווירט דאס לעבן און די מנהגים פון דעם הייפעלע, האט געלאכט און איראניזירט. ער האט זיי אפילו געבראכט צום דאווענען א טלית און תפילין. ווען אימיצער פון די ארבעטער איז געשטארבן, האט ער דער־לויבט איינצואורדענען אים א לויה און צו שטעלן אים א מצבה. מיין עצה איז געווען, מען זאל דאס נישט טאן, ווייל מען וועט זיי אויסגראבן און מ'וועט זיי באגראבן נאכדעם, ווען די דייטשן וועלן זיך אנזעטיקן מיט אזא בילד. מען האט מיך אבער נישט געפאלגט. אין א קורצער צייט ארום האט מען זיך איבערצייגט, אז איך בין געווען גערעכט.

איך האב דורכגעארבעט א גאנצן ווינטער, איך האב געזען די לײדן און דעם טויט פון מיליאנען און איך האב דערלעבט צו זען די ערשטע ווארימע זומער־שטראלן.

דאס איז געווען אין אפריל 1943. עס האבן אנגעהויבן אנצוקומען טראנספארטן פון ווארשע. מען האט אונז געזאגט, אז אין לאגער נומער 1 זיינען געבליבן ביי דער ארבעט 600 פערזאן פון ווארשע, וואס ער האט זיך ארויסגעוויזן אלס אמת. אינם ערשטן לאגער איז דעמאלט געווען פארשפרייט דער פלעקן־טיפוס. די קראנקע פלעגט מען דערהרגענען. פון דעם ווארשעווער טראנספארט זיינען געקומען צו אונז 3 פרויען און 1 מאנספערזאן. ער איז געווען דער מאן פון איינער פון די געקומענע פרויען. איבער די דאזיקע טראנספארטן האבן זיי זיך אממייסטנס איד־דעקעוועט. (באמערקונג פון ארויסגעבער: דאס איז פארשטענדלעך

דערפאר, ווייל די טראנספארטן, וועגן וועלכע דער אויטאר רעדט, שטאמען פון דער צייט ווען אין דער ווארשעווער געטא איז פארגעקומען דער קאמף.) אויף די פרויען האבן זיי זיך מער איזדעקעוועט, ווי אויף די מענער. זיי האבן אויסגעקליבן פרויען און קינדער, האבן זיי צוגעפירט צום פייער, און ווען די מערדער האבן זיך אנגעזעטיקט מיטן בילד פון די דערשראקענע פרויען און קינדער, האבן זיי זיי דערהרגעט ביים פייער און פארברענט. אזעלכע ווילדע סצענעס מיט די פרויען און קינדער פון די טראנספארטן זיינען געווען א טאג־טעגלעכע דערשיינונג. פרויען האבן גע'חלש'ט. די מערדער האבן זיי געשלעפט כמעט טויט. אין א פאנישן שרעק האבן די קינדער זיך געווארפן אין די ארעמס פון זייערע מאמעס. פרויען האבן געבעטן רחמים, פון שרעק פלעגן זיי צומאכן די אויגן, כדי צו פארגעסן אויף א ווײַלע, וואו זיי געפינען זיך. די באנדיטן האבן אויסגעקרימט זייערע פיסקעס פון פארגעניגן און האבן לאנג, זעהר לאנג געהאלטן זייערע קרבנות אין אנשטרענגונג אין אזא לאגע. ווען איין גרופע פרויען און קינדער איז געהרגעט געווארן, זיינען שוין אנדערע פרויען געשטאנען און געווארט אויף זייער רייע. טיילמאל האבן די מערדער ארויסגעריסן א וויינענדיק קינד פון דער מוטערס הענט און האבן עס אריינגעווארפן לעבעדיקערהייט אין פייער אריין. דערביי האבן זיי געלאכט, גערופן די מאמעס, זיי זאלן העלדיש אריינשפרינגען אין פייער נאך זייערע קינדער און געשפאט פון זייער פחדנות. טויזנטער אזעלכע גרוילעכע סצענעס האב איך איבערגעלעבט.

מען האט צו אונז געשיקט נאך נייע מענטשן צו ארבעטן פון ערשטן לאגער. זיי זיינען געווען זעהר דערשראקן און האבן מורא געהאט מיט אונז צו רעדן. אין ערשטן לאגער האט געהערשט א שרעקלעכע דיסציפלין. ווען זיי האבן זיך אביסל איינגעוואוינט מיט אונז, ווען זיי האבען זיך אביסל בארואיקט, האבן זיי אונז געגעבן צו פארשטיין, אז אין ערשטן לאגער גרייט זיך א בונט און אז עס וועט אויסברעכן דארט אן אויפשטאנד. עפעס איז שוין צוגעגרייט געווען. מיר האבן זיך געוואלט פארשטענדיקן מיט די מענטשן פון ערשטן לאגער, אבער עס האט זיך נישט געמאכט קיין שום געלעגנהייט דערצו. ארום אונז זיינען געווען טורעמס און עס זיינען געשטאנען וואכן. דאס עסן אין אונזער לאגער האט זיך אביסל פארבעסערט. יעדע וואך האבן מיר זיך געבאדן און אפילו באקומען ריינע וועש. זיי האבן דאך ארויפגעבראכט פרויען און איינגעארדענט א וועשעריי.

אין אנהויב פרילינג האבן מיר באשלאסן צו באפרייען זיך אדער אומצוקומען.

אין דער זעלבער צייט האב איך זיך פארקילט און בין קראנק געווארן אויף א לונגען־אנצינדונג. אלע קראנקע פלעגן זיי טויטן מיט א קויל

אָדער דורך איינשפּריצונגען. מיך האָבן זיי וואַרשיינלעך געדאַרפט האָבן. האָבן זיי מיך ווי נישט איז געהיילט. אַ סך מי האָט זיך געגעבן דער אידישער דאָקטאָר. ער פלעגט מיך אונטערזוכן יעדן טאָג, היילן און באַרואיקן. מיין דייטשער שעף, לעפלער, פלעגט מיר ברענגען עסן: ווייס ברויט, פּוטער און סמעטענע. ווען ער פלעגט צונעמען עפּעס ביי די שמוגלערס, פלעגט ער זיך טיילן מיט מיר. דער פרילינג, דער ווילן צום לעבן און די הילף האָבן געטאָן זייערס. אין די שווערע באַדינגונגען בין איך געזונט געוואָרן און געמוזט ווידער אָנהויבן אַרבעטן. כ'האָב פאַר־ענדיקט דאָס בויען די אָבסערוואַציע־טורעמס.

אין אַ געוויסן טאָג זיינען געקומען צו מיר דער „הויפּט־שטורמפירער" אין באַגלייטונג פון קאָמאַנדאַנט פון לאַגער און פון מיין שעף לעפלער. זיי האָבן מיך געפרעגט, צי איך וואָלט נישט געקאָנט אויסבויען אַ בלאָק־הויז. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ הויז פון קיילעכטיקן האָלץ און איז געווען באַשטימט אַלס אַ וואַך־הויז אין ערשטן לאַגער אַריין. ווען איך האָב אָנגעהויבן אויפצוקלערן, ווי אַזוי מען דאַרף דאָס מאַכן, האָט ער געמאַכט אַ באַמערקונג צו זיינע באַגלייטער, אַז איך האָב אים באותו רגע פאַרשטאַנען.

קיין בוי־מאַטעריאַל האָבן מיר נישט געהאַט. האָבן מיר געמוזט זעגן דאָס האָלץ. איך האָב זיי איינגערעדט, זיי זאָלן מאַכן דעם דאַך פון גאַנטע, וועלכע מיר האָבן אַליין אויסגעאַרבעט. דערמיט האָב איך אַביסל לייכטער געמאַכט אונזערע מענטשן. זיי האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן ביי די מתים און האָבן מיר געהאָלפן. איך האָב אויפגעבויט דאָס הייזל אין לאַגער נומער 2, וועלכעס מען האָט געקאָנט פונאַנדערנעמען. ס'איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. דער „הויפּט־שטורמפירער" און לעפלער האָבן זיך גערימט פאַר זייערע קאַמעראַדן, אַז זיי האָבן דאָס אַליין געמאַכט. אין אַ געוויסער צייט שפּעטער האָט מען געדאַרפט דאָס גאַנצע הויז פונאַנדער־נעמען און איבערטראָגן עס אין לאַגער נומער 1. דער בוי־מייסטער הערמאַן און דער סטאָלער־מייסטער האָבן נישט געקאָנט אַליין מאָנטירן אַזאַ הייזל. הרגענען אומשולדיקע מענטשן איז זיי אָנגעקומען לייכטער. האָבן זיי זיך ווידער געווענדט צו מיר. דאָס איז גראַד געווען זעהר באַ־קוועם פאַר מיר. איך האָב זיך געקאָנט אויף אַזאַ אופן אַריינבאַקומען אין לאַגער נומער 1 און פאַרשטענדיקן זיך מיט מיינע חברים אין אומ־גליק. צו דער אַרבעט האָב איך געדאַרפט האָבן הילף. ס'וואָלט מיר גענוג געווען 4 אַרבעטער, האָב איך דאַך גענומען 8. ווען איך בין אָנ־געקומען אין דעם לאַגער נומער 1 — האָב איך לחלוטין דעם לאַגער נישט דערקענט. עס איז דאָרט געווען זעהר ריין. די דיסציפּלין איז געווען דאָרט אַ שרעקלעכע. אַלע האָבן געציטערט ווען זיי האָבן געזען אַ דייטש אָדער אַ אוקראַינער. זיי האָבן נישט נאָר נישט געוואָלט רעדן מיט אונז,

זיי האָבן אפילו מורא געהאַט צו קוקן אויף אונז. אויסגעהונגערטע, גע־פייניקטע, — האָבן זיי דאָך געהאַט אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געאַרבעט זעהר גוט. אַלץ איז געווען אויסגעאַרבעט לויט אַ פּלאַן.

ליילייזען, אַ וואַרשעווער בעקער, וועלכער איז געווען דער קנופּ־מענטש צווישן די וואָס האָבן געמאַכט די פאַרשווערונג, האָט געאַרבעט ביים פּאַרקאַן אין ערשטן לאַגער. אויך מיט אים איז געווען שווער זיך צו פאַרשטענדיקן. אויף יעדן שריט און טריט האָט געהיט אַ דייטש אָדער אַ אוקראַינער. דער פּאַרקאַן איז געווען געדיכט אַרומגעלייגט מיט בוימ־לער, אַזוי אַז מען האָט נישט געוואוסט וואָס עס געפינט זיך אונטערן פּאַרקאַן. די אַרבעטער פונם ערשטן לאַגער זיינען כסדר געשלאָגן געוואָרן. אין פאַרגלייך מיט זיי האָבן מיר געהאַט אַ פולקאָמענע פרייהייט. אונז איז געווען דערלויבט צו רויכערן בשעת דער אַרבעט. מיר האָבן אפילו באַקומען ציגאַרעטן. די דאָזיקע פרייהייט האָבן מיר אויסגענוצט פאַר אַנדערע צוועקן. אייניקע פון אונז האָבן זיך באַמיט צו פאַרפירן אַ גע־שפּרעך מיט דעם וואַכמאַן און אַפּצולענקען זיין אויפמערקזאַמקייט, אַנ־דערע האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט די מענטשן אין לאַגער נומער 1. און אַזוי זיינען מיר געוואָרן מיטגלידער פון קאָמיטעט פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אונז געגעבן אַ געוויסע האָפענונג צו ווערן פריי אָדער צו שטאַרבן מיט אַ העלדישן טויט. דאָס אַלץ איז געווען רי־זיקאַליש, ווייל די וואַך האָט שטאַרק געהיט און אַלץ איז געווען שטאַרק באַפּעסטיקט. „פרייהייט אָדער טויט" — דאָס איז געווען אונזער לאָזונג. אין צווישנצייט האָב איך פאַרענדיקט אויפצובויען דאָס הויז. נאָכן ענ־דיקן די אַרבעט האָבן מיר באַקומען פונם „הויפּט־שטורמפירער" רום און וואורשט. מיר פלעגן באַקומען בשעת דער אַרבעט יעדן טאָג אַלס צוגאָב נאָך אַ האַלבן קילאָ ברויט.

דער טעראָר אין לאַגער נומער 1 איז, אין געגנטייל צו אונזער לאַגער, געוואָרן גרעסער. איבער די אַרבעטער האָט רעגירט פראַנץ מיט זיין הונט. דער הונט פלעגט צערייסן מענטשן לעבעדיקערהייט. ווען איך בין געווען דאָס ערשטע מאָל אין לאַגער נומער 1, האָב איך באַמערקט עטלעכע אינגלעך אין עלטער פון 14 יאָר. זיי האָבן געפּאַשעט גענז און אויסגע־פירט אַנדערע קלענערע אַרבעטן. זיי זיינען געווען די ליבלינגע פון יענעם לאַגער. דער הויפּט־שטורמפירער האָט זיך מיט זיי זאָרגפעלטיק פאַר־נומען, כמעט ווי אַ טאַטע. טיילמאָל האָט ער זיך געשפּילט מיט זיי און פאַרבראַכט מיט זיי גאַנצע שעהן. ער האָט זיי געשפּייזט, געגעבן צו טרינקען און געקליידט. ער האָט זיי אָנגעטאָן די שענסטע מלבושים. די קינדער האָבן אויסגעקוקט זעהר געזונט. אַ זאָרגפעלטיקע שוץ, גוט עסן און פרישע לופט האָט זיי גוט אַנטוויקלט. כ'האָב געמיינט, אַז זיי וועלן בלייבן לעבן, און אַז עס וועט זיי גאָרנישט געשען קיין שלעכטס. ווען

איך בין איצט געקומען אין לאַגער אַריין, האָב איך באַלד אין אָנהויב באַמערקט, אַז די קינדער פעלן. מען האָט מיר דערציילט, אַז ווען דער פירער האָט זיך מיט זיי אָנגעזעטיקט, האָט ער זיי אָפּגעשטויסן פון זיך און דערהרגעט.

נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט האָבן מיר צוריקגעקערט צום לאַגער נומער 2 פול מיט האָפענונג צו ווערן באַפרייט. אָבער דערווייל אַז קאָנ־קרעטע רעזולטאַטן. ווידער איז די פאַרבינדונג איבערגעריסן געוואָרן. אין לאַגער נומער 2 האָט מען געבערענט חדשים לאַנג די טויטע קערפּערס. עס זיינען געווען אַזוי פיל טויטע קערפּערס, אַז מען האָט זיך נישט גע־קאָנט קיין עצה געבן מיט זיי. מען האָט אַראָפּגעבראַכט נאָך 2 מאַשינען, די אַזוי־גערופענע באַגערס, אויסצוגראָבן די מתים. מען האָט אַוועקגע־שטעלט נאָך מער רושטן און מען האָט נאָך מער צוגעאײַלט די דאָזיקע אַרבעט. דער גאַנצער הויף כמעט איז געווען אַרומגעשטעלט מיט רושטן. אויף יעדן פון די רושטן האָבן געברענט טויטע קערפּערס. ס'איז געווען אין מיטן זומער און די היץ האָט געבושעוועט פון די אויוונס. אַ גהינום. מיר האָבן געזען זיך אַליין, ווי מיר ברענען אויף די רושטן. מיר האָבן געוואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם מאָמענט, ווען מיר וועלן מיט גוואַלד אויפרייסן די טויערן.

ווידער זיינען געקומען עטלעכע טראַנספּאָרטן. פון וואַנען זיי זיינען געקומען ווייס איך נישט. עס זיינען אויך געווען 2 טראַנספּאָרטן מיט פּאָליאַקן. כ'האָב זיי נישט געזען לעבעדיקערהייט און איך ווייס נישט ווי אַזוי מען איז מיט זיי באַגאַנגען ביים אויסטאָן זיי און ביים טראַנס־פּאָרטירן זיי אין די קאַמערן אַריין. מען האָט זיי דערשטיקט אין די גאַז־קאַמערן אַזוי ווי אַנדערע. מיר האָבן דערקענט ביי דער אַרבעט, אַז זיי זיינען פּאָליאַקן, ווייל זיי זיינען נישט געווען געמלט. מיר האָבן גע־הערט, ווי די מערדער האָבן גערעדט צווישן זיך, אַז די פאַרשאָלטענע פּאָליאַקן וועלן זיך שוין מער נישט בונטעווען. אונזער יוגנט אין לאַגער האָט שוין נישט געהאַט מער קיין געדולד, האָט געוואָלט אָנהויבן דעם רעוואָלט, אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך. מיר האָבן נאָך נישט באַוויזן צו אָרגאַניזירן דעם אָנפאַל און דאָס אַנטלויפן. דער קאָנטאַקט מיטן ערשטן לאַגער איז נישט געווען אָנגעקניפּט. דאָס האָט לאַנג נישט גע־דויערט און מיר האָבן ווידער געקאָנט זיך פאַרשטענדיקן מיטן ערשטן לאַגער.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג אין אַ זונטאָג איז געקומען צו מיר מיין שעף לעפּלער און האָט מיר געזאָגט, אַז דער „הויפּט־שטורמפירער" וויל בויען ביי דעם הייזל, וועלכעס איך האָב געמאַכט, אַן ענלעכן טויער צו דעם הייזל און אַז ער וויל מיר די אַרבעט איבערגעבן. ער האָט מיך גע־הייסן אָנצייכענען אַ פּראָיעקט. איך האָב געגעבן דעם „הויפּט־שטורמ־

פירער" געגוייערע אויפקלערונגען. ער האָט מיין פּלאַן אָנגענומען. איך האָב אָנגעגעבן וויפיל מאַטעריאַל מיר דאַרפן האָבן און האָב אָנגעהויבן צו אַרבעטן. כ'האָב זיך אָנגעכאַפּט אַן דער אַרבעט, ווי אַ טרינקענדיקער מענטש כאַפּט זיך אָן אין אַ גאַלמעסער. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די לעצטע געלעגנהייט אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די, וועלכע גרייטן זיך צום רעוואָלט. כ'האָב כסדר אויסגעפונען פאַרשיידענע תירוצים און האָב זיך אַריינבאַקומען אין דעם לאַגער נומער 1, וואו מיר האָבן אַרומגערעדט דעם פּלאַן מיט די חברים. זיי האָבן אונז נישט געגעבן קיין דעפיניטיוון ענטפער. זיי האָבן אונז געהייסן האַלטן זיך צוזאַמען, נישט צו פאַרלירן די האָפענונג און צו וואַרטן. ביי אונז אין לאַגער האָט מען איצט געבויט אויוונס, דאָס הייסט נאָך מער מאַסיווערע רושטן, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען נויטיק אויף יאָרהונדערטער. די יוגנט האָט זיך צו דעם אַלעמען צוגעקוקט, האָט זיך געריסן צום קאַמף. אויך מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלירן די געדולד.

אין דעם לאַגער נומער 2 האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין פּיפּטלעך (גרופּעס פון פינף). יעדעס פּיפּטל האָט געהאַט אירע אויפגאַבן צו דערפילן: אויסהרגענען די דייטשע און אוקראַינישע מאַנשאַפט, אונטערצוצינדן די געביידעס, צוגרייטן אַ וועג פאַר די וואָס דאַרפן אַנטלויפן א. אַ. וו. מיר האָבן געהאַט צוגעגרייט פאַר דעם צוועק: שטומפּיקע מכשירים, מיט וועלכע מיר האָבן געדאַרפט הרגענען די דייטשן און אוקראַינער, האַלץ אויף צו בויען בריקן און העמערס מיט בענזין אויף אונטערצוצינדן. דער טאָג פון אויסברוך פונם אויפשטאַנד איז באַשטימט געוואָרן אויף דעם 15־טן יוני. מיר האָבן ליידער געמוזט אָפּרופן דעם טערמין צוליב פאַרשיידענע סיבות. דאָס האָבן מיר געמוזט טאָן עטלעכע מאָל. די זיצונגען פון דער אָרגאַניזאַציע־קאָמיסיע פלעגן פאָרקומען נאָך דעם, ווי מען האָט אונז פאַרשלאָסן אין די באַראַקן. ווען אַלע וואָס זיינען געווען מיד פון דער אַרבעט און צעבראָכן פלעגן איינשלאָפן, פלעגן מיר זיך צונויפזאַמלען אויף דער העכערער באַנק אין אַ ווינקל פון אונזער באַראַק און אָפּהאַלטן דאָרט אונזערע באַראַטונגען. מיר האָבן געמוזט איינהאַלטן די יוגנט, וועלכע האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן און אָנהויבן די אַקציע אַפילו אָן אַ פּלאַן. מיר האָבן אָבער באַשלאָסן, אַז מיר קאָנען נישט אָנהויבן אָן דעם וויסן פון דעם ערשטן לאַגער, ווייל דאָס וואָלט באַדייט פאַר אונז אַלעמען זעלבסטמאָרד. אין אונזער לאַגער איז געווען בלויז אַ קליין הייפעלע, וועלכעס איז געווען פייאיק צום קאַמף. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז די באַציאונג צו אונז און די באַשפייזונג געווען אַ סך בעסער ווי אין ערשטן לאַגער. אין ערשטן לאַגער האָבן זיך געפונען 700 אַרבעטער, אין אונזער לאַגער בערך 300. די אַרבעטער פון ערשטן לאַגער זיינען געווען שטאַרק אויסגעהונ־

גערט און דערצו נאָך פּלעגן זיי אָפּט באַשטראָפט און געשלאָגן ווערן. די ערגסטע שטראָפֿן זיינען אויסגעטיילט געוואָרן פֿאַר דעם מסחר, וואָס איז אָנגעגאַנגען מיט די אוקראַינער. איך האָב אַליין געזען ווי די דייטשן האָבן צוגעבונדן, אין אַ הייסן טאָג, איינעם פֿון די אידן צו אַ דראָנג און אַזוי האָט ער געמוזט שטיין אָן באַוועגונג, בלויז דערפֿאַר, ווייל מען האָט ביי אים געפֿונען אַ שטיקל קאָלבאַס. ער האָט אויסגעהאַלטן די גאַנצע צייט און האָט נישט אַרויסגעגעבן דעם נאָמען פֿון דעם אוקראַינער, מיט וועלכן ער האָט געהאַנדלט. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז ווען די דייטשן זיינען געוואָר געוואָרן וועגן אַ אוקראַינער שמוגלער, פֿלעגן זיי אים אויך שלאָגן מיט אַ נאַהאַיקע. דערפֿאַר פֿלעגט זיך די אוקראַינער בלוטיק נוקם זיין אָן די אידן. אין אַזעלכע שווערע באַדינגונגען זיינען די מענטשן אויסגעשעפּט און אָפּגעשוואַכט געוואָרן. פֿראַנץ פֿלעגט זיי צושלעפּן צו די ברענענדיקע אויוונס, פֿלעגט זיי פּייניקן אויף אַן אוממענטשלעכן אופֿן, דערשלאָגן צום טויט די פֿאַרוואונדעטע און פֿאַרבלוטיקטע און זיי אַריינוואַרפֿן אין פֿייער. אין די דאָזיקע באַדינגונגען, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען, אַז דער ערשטער לאַגער וועט מאַכן אַן אויפֿשטאַנד. מיר האָבן אַלץ צוגעגרייט, מיר האָבן שטאַרק אַכטונג געגעבן מיר זאָלן נישט אַריינפֿאַלן, מיר האָבן געוואַרט אויף דעם באַפֿעל.

דערווייל איז זיך דאָס „לעבן" געגאַנגען זיין „נאָרמאַלן„ וועג. די טויטן־טאַנץ־איינפֿאַלן האָבן נישט אויפֿגעהערט. די דייטשן און די אוקראַינער האָט זיך פֿאַרגלוסט פֿאַרוויילונגען. מער האָט זיי גאָרנישט געפֿעלט. זיי האָבן איינגעאָרדענט געצוואונגענע פֿאָרשטעלונגען, קאָנצערטן, טענץ א. אַ. וו. די „אַרטיסטן" פֿלעגן באַפֿרייט ווערן אויף עטלעכע טעג פֿון דער אַרבעט דורכצופֿירן פּראָבעס. זונטאָג פֿרעגן פֿאָרקומען „פֿאָרשטעלונגען", אויף וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען אוקראַינער און דייטשן. פּרויען האָבן, אונטער דראָאונג פֿון טויט, געמוזט זינגען אין דעם כאָר. אין דעם אָרקעסטער זיינען געווען 3 מוזיקאַנטן, וועלכע זיי האָבן געצוואונגען, נאָכדעם ווי מען האָט זיי געפּייניקט, צו שפּילן יעדן טאָג אויף דער פֿאַרזאַמלונג נאָך דער אַרבעט. אויפֿן וועג צו דער אַרבעט האָבן זיי זיי געצוואונגען צו זינגען אידישע לידער. צו דער נייער פֿאָרשטעלונג האָט מען אויפֿגענייט נייע קאָסטומען. אָבער די פֿאָרשטעלונג איז נישט צושטאַנד געקומען, צוליב אונזער אויפֿשטאַנד און צוליב אונזער געפּלאַנטן אַנטלויפֿן.

פֿון 12 ביז 1 ביי טאָג פֿלעגן די דייטשן עסן מיטאָג. די אידן זיינען געשטאַנען דעמאָלט אויפֿן הויף פֿאַר דעם עסצימער און האָבן געמוזט זיי פֿאַרזיסן דאָס עסן מיט געזאַנג און מוזיק. די, וואָס האָבן געהערט צום „כאָר", האָבן געאַרבעט אַזוי שווער ווי אַלע. זיי האָבן געהאַט באַשטימטע שעהן אויף מוזיק און געזאַנג. אונזערע תלינים האָבן זיך אין

אַלגעמיין זעהר גוט געוויילט מיט דעם איבערגעבליבענעם קליינעם הייפע־לע אונזערן. זיי האָבן זיי אָנגעטאָן אין קליידער פון פּאַיאַצן און געהייסן זיי מאַכן פאַרשיידענע קונצן, וועלכע האָבן אפילו אין אונז, די פאַרוויי־טיקטע, אַרויסגערופן אַ געלעכטער.

פאַר דעם טויער פון אונזער באַראַק איז געשטאַנען אַ אידישער וואַכמאַן, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורך די דייטשן. זיי האָבן אים אָנגעטאָן ווי אַ טשערקעס, אין רויטע הויזן, אַן ענגע מאַרינאַרקע, אויף ביידע זייטן ברוסט האָט ער געטראָגן הילצענע קוילן, האָט געהאַט אַ הויך פּוטערן היטל און געהאַט אין דער האַנט אַ ל״ג־בעומר־ביקס. זיי האָבן אים געצוואונגען צו קאָמענדיאַנטישע אַרויסטרעטונגען און טענץ. זונטאָג פלעגט מען אים געבן אַנדערע מלבושים: ווייסע הויזן מיט רויטע פּאַסן, אַ ווייסע מאַרינאַרקע מיט אַ רויטן שנור. זעהר אָפט פלעגן זיי אים אַנשכורן און ווילן זיך אויף זיין חשבון. אין די שעהן פון אַרבעט איז קיינעם נישט געווען דערלויבט אַריינצוגיין אויף דעם שטח פון די באַראַקן. דער אידישער וואַכמאַן האָט געהיט דאָס טויער. זיין נאָמען איז געווען מאַריץ און ער האָט געשטאַמט פון טשענסטאַכאַוו.

אַ צווייטער ענלעכער קרבן איז געווען דער אַזוי־גערופענער „שיים־מייסטער״. זיי האָבן אים אָנגעטאָן מלבושים ווי אַ חזן. ער האָט זיך געמוזט פאַרלאָזן אַ בערדל, האָט געטראָגן אויף זיין האַלז אַ שטריקל, אויף וועלכן עס איז געהאַנגען אַ וועקזייגער. זיין אויסגאַבע איז געווען צו קוקן אויפן זייגער, ווען אימיצער איז אַריינגעגאַנגען אין בית־הכסא. קיינער האָט נישט געטאָרט דאָרט בלייבן מער ווי 3 מינוט. דער דאָזיקער צווייטער קרבן האָט געהייסן יוליאַן און האָט אויך געשטאַמט פון טשענ־סטאַכאַוו. ער האָט געהאַט אַ פאַבריק פון מעטאַל־ אויסאַרבייטונגען. ס׳איז גענוג געווען בלויז אַ קוק צו געבן אויף אים, און מען זאָל אויס־ברעכן אין אַ געלעכטער. מאַריץ פלעגט אָננעמען אַלץ פאַר גוט, ער האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען, אַז זיין אויסקוק רופט אַרויס צו אים בלויז רחמנות. דאַגעגן יוליאַן איז געווען אַ געלאַסענער און אַ רואיקער מענטש. ווען זיי פלעגן אָנהויבן מיט אים צו מאַכן די ווילסטע שפּילערייען, פלעגט ער וויינען. ער פלעגט אויך וויינען ביים אויוון. בלויז דער מלבוש זיינער, זיין אויסקוק און זיין באַשעפטיקונג האָבן באַוואויזן די מערדער צו לאַכן פון אים און צו איזדעקוועטן זיך איבער אים.

איך האָב שוין אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין ערשטן לאַגער און ביינאַכט פלעג איך צוריקקומען אין צווייטן לאַגער. איך האָב איצט גע־קאָנט לייכט און דרייסט זיך פאַרשטענדיקן מיט די חברים פון ערשטן לאַגער. מיך האָט מען וויניקער געהיט און די באַציאונג צו מיר איז געווען אַ בעסערע. עס פלעגט זיך טרעפן, אַז די אוקראַינער פלעגן מיר געבן עפּעס צו באַהאַלטן, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז מיך וועט מען

נישט רעווידירן. דער שעף אליין פלעגט מיר ברענגען עסן און האט געהיט, איך זאל זיך מיט קיינעם נישט טיילן מיטן עסן. כ'האב זיי קיינמאל נישט געחנפעט. ווען איך פלעג רעדן מיט פראנצן, פלעג איך נישט אראפנעמען דאס היטל. אז אנדערן אויף מיין ארט וואלט ער גלייך דערהרגעט. צו מיר אבער האט ער גערעדט אין אויער אריין אויף דייטש: גערענק, ווען דו רעדסט מיט מיר, דארפסטו אראפנעמען דאס היטל. אין די דאזיקע באדינגונגען האב איך זיך כמעט פריי באוועגט און ארומגערעדט אלסצדינג. איך האב אויך געהאט מיט זיך עטלעכע מענטשן.

נייע טראנספארטן זיינען שוין לאנג נישט אנגעקומען קיין טרעבלינ־קע. פלוצלינג, אין א געוויסן טאג, ווען איך האב געארבעט ביים טויער, האב איך באמערקט צווישן דער דייטשער און אוקראינישער מאנשאפט א נייעם מענטש. דאס איז געווען דער „שטאבס־שארפירער", בערך 50 יאר אלט, א נידעריקער, א דיקער, מיט א מערדערישן פנים. עטלעכע מאל איז ער אפילו ארויסגעפארן מיטן אויטא. אין דעם מאמענט האט זיך דאס טויער אויפגעעפנט און מען האט אריינגעפירט א גרופע ציגיינער (וואס איז שוין געווען דער 3־טער טראנספארט פון די ציגיינער), בערך 200 מענער, די איבעריקע פרויען און קינדער. הינטער זיי זיינען געפארן פורן מיט זייער האב און גוטס. דאס זיינען געווען שמוציקע שמאטעס, צעריסענע קישנס און אנדערע ארימע זאכן. זיי זיינען אנגעקומען נישט באוואכט. בלויז 2 אוקראינער אין דייטשע מונדורן האבן זיי געפירט. אויך די 2 אוקראינער, וועלכע זיינען מיט זיי געקומען צו פארן, האבן נישט געוואוסט וואס מיט דער גרופע וועט געשען. זיי האבן געוואלט אלץ פארמעל דערליידיקן און באקומען א באשטעטיקונג. מען האט זיי אפילו נישט אריינגעלאזט אין לאגער אריין. די דייטשן האבן אויפגענומען זייער פארלאנג מיט א סארקארטישן שמייכל. פון אנדערע אוקראינער זיינען זיי געוואר געווארן, אז זייערע געבראכטע קרבנות זיינען באשטימט פארן טויט־לאגער. זיי זיינען בלייך געווארן, האבן נישט געוואלט גלויבן און האבן ווידער געקלאפט אין טויער אריין, מען זאל זיי אריינלאזן. דעמאלט איז ארויסגעגאנגען צו זיי דער „שטאבס־שאפפירער" און האט זיי איבער־געגעבן א פאר'חתמ'עטן קאנווערט. מיט דעם זיינען זיי אוועקגעפארן. די ציגיינער זיינען אזוי ווי אלע אנדערע דערשטיקט געווארן אין גאז־קאמער און פארברענט געווארן. זיי האבן געשטאמט פון בעסאראביע.

ס'איז געווען סוף יולי. די טעג זיינען געווען הייסע, ברענענדיקע. אמשווערסטנס איז געווען די ארבעט ביי די קברים, פון וואנען עס האבן געשלאגן געפערלעכע ריחות. די מענטשן, וועלכע האבן זיך אומגעקערט פון דער דאזיקער ארבעט, האבן זיך נישט געקאנט האלטן אויף די פיס. 75 פראצענט פון די קרבנות זיינען שוין געווען פארברענט. איצט האט

מען געדאַרפֿט אויסגלייכן די ערד און ברענגען אין אַזאַ צושטאַנד, עס זאָלן נישט בלייבן קיין שום צייכנס נאָך דער בלוטיקער רציחה. דאָס אַש פֿון די טויטע האָט געשווינגן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דעמאָלט די אַרבעט ביים פֿאַרשיטן די ליידיקע קברים. מען האָט אַריינגעוואָרפֿן אין די דאַזיקע קברים דאָס אַש פֿון די פֿאַרברענטע אויסגעמישט צוזאַמען מיט ערד, כדי צו באַזייטיקן די סימנים. ס'איז געבליבן אַ פֿרייער שטח. מען האָט אים געדאַרפֿט אויסנוצן. האָט מען אַרומגערינגלט דעם דאַזיקן שטח מיט אַ שטעכענדיקן דראָט. צו דעם דאַזיקן שטח האָט מען צוגעשטוקעוועט אַן אַנדער שטיק ערד פֿונם אַנדערן לאַגער — פֿאַר פּלאַנטאַציעס. ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרוּאוו צו פֿאַרזייען עפּעס אויף דעם דאַזיקן געביט, וואו עס איז געלעגן דאָס אַש. די ערד האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פּרוכטבאַר. די גערטנער האָבן פֿאַרזייט לוביו, וועלכע איז שיין געוואַקסן. ווען מען האָט אויסגעגראָבן בערך 75 פּראָצענט פֿון דעם שטח, וואָס האָט זיך געפֿונען אין די קברים, האָט מען אַלץ פֿאַרברענט. דערנאָך האָט מען אויסגעגלייכט, פֿאַרזייט, און אַרומגערינגלט דעם דאַזיקן שטח מיט אַ הויכן פּאַרקאַן פֿון שטעכנדיקן דראָט און אַרום אים פֿאַרזעצט מיט בוימלעך. זיי האָבן זיך געגרויסט דערמיט, וואָס זיי האָבן דורכגעפֿירט און געהאַלטן, אַז זיי פֿאַרדינען דערפֿאַר אַ קליינע פּאַרוויילונג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס מען האָט די מאַשין, וועלכע האָט אויסגעגראָבן אונזערע ברידער, באַפּרייט פֿון דער אַרבעט. מען האָט זי איבערגעדרייט, אַזוי אַז זי האָט איצט אויסגעזען ווי אַ טורעם, וואָס שטרעקט זיך הויך צום הימל. זיי האָבן געשאָסן אין דער לופֿטן און דערנאָך איינגעאָרדענט אַ סעודה. מ'האָט געטרונקען, געוויצלט זיך און געווילט זיך. מיר האָבן דעמאָלט עטלעכע טעג נישט געאַרבעט. איצט זיינען מיר פֿולקאָם זיכער, אַז דער סוף פֿון אונזער לעבן דערנענטערט זיך. 25 פּראָצענט קברים און מיר אַליין — זיינען געווען די איינציקע עדות פֿון די דאַזיקע באַרבאַרישקייטן. דאָך האָבן מיר זיך געשטאַרקט און געדולדיק געוואַרט אויף אונזער באַפֿרייאונג. איך האָב איצט כסדר געאַרבעט אויפֿן שטח פֿונם ערשטן לאַגער. איינער פֿון די טורעמס איז איצט אַריבערגעטראָגן געוואָרן פֿונם צווייטן אין דעם ערשטן לאַגער אַריין. מען האָט אים געדאַרפֿט פֿונאַנדערנעמען און אַריבערטראָגן אין צווייטן לאַגער. איך האָב געאַרבעט ביי דעם מיט מיינע מענטשן. איך האָב זיך ווידער פֿאַרשטענדיקט מיט מיינע אומגליקלעכע חברים פֿונם ערשטן לאַגער וועגן דעם רעוואָלט. נאָך עטלעכע טעג הפסקה האָט מען אָנגעהויבן אויסצוגראָבן די קברים און פֿאַרברענען די לעצטע 25 פּראָצענט קרבנות. ווי איך האָב שוין באַמערקט, זיינען די היצן געווען שרעקלעך. יעדער קבר, וועלכן מען האָט אויפֿגעעפֿנט, האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך שרעקלעכע ריחות. איינמאָל האָבן אונזערע תּלינים, פֿון קאַטאָוועס וועגן, אַריינגע-

ווארפן ברענענדיקן מאַטעריאַל אין אַן אויסגעגראָבענעם קבר. נאָכדעם האָט זיך פונעם קבר אַרויסבאַקומען אַ גערדיכטער רויך, און דאָס פייער האָט אַזוי געברענט דעם גאַנצן טאָג. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אין אייניקע קברים האָט מען אַריינגעוואָרפן תיכף ומיד מענטשן, נאָכדעם ווי זיי זיינען דערשטיקט געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן. זייערע קערפּערס זיינען נאָך געווען וואַרעם. זיי זיינען איינער צום אַנדערן געליגן צונויפגעדריקט, אַזוי אַז ווען מען האָט אויפגעמאַכט אַזאַ קבר אין אַ הייסן טאָג, האָט די פּאַרע געשלאָגן פון דאָרט ווי פון אַ קעסל. איינמאָל, ווען מען האָט צו־נויפגעלייגט די טויטע קערפּערס אויפן רושט, האָט מען באַמערקט אַ האַנט, וועלכע האָט אַרויסגעשטעקט, אַן אויפגעהויבענע אין דער הויך. אַלע פינגער זיינען געווען צוזאַמענגעקאַרטשעט, נאָר דער ווייזפינגער איז גע־ווען שטייף און אויסגעצויגן הויך, אַזוי ווי ער וואָלט גערופן זיינע מערדער צו גאָטס משפּט. דאָס איז געווען אַ „געוויינלעכער" פאַל — דאָך זיינען אַלע געווען פאַרבליפט. אפילו אונזערע תלינים זיינען בלייך גע־וואָרן און האָבן נישט געקאָנט אָפּרייסן זייערע אויגן פון דעם דאָזיקן שרעקלעכן בילד, אַזוי ווי עס וואָלט באמת געשטעקט אין דעם אַלעמען עפּעס אַ העכערע קראַפט. די דאָזיקע האַנט איז לאַנג, לאַנג געווען אויס־געשטרעקט. אַ טייל פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל האָט זיך שוין פאַר־וואַנדלט אין אַש — און דאָ האָט נאָך די אויסגעשטרעקטע האַנט צום הימל גערופן נאָך גערעכטיקייט. דער דאָזיקער קליינער, ווייניק־באַדייטנ־דער פאַל, האָט פאַרשטערט אויף עטלעכע מינוט דעם גוטן הומאָר פון אַלע מערדער.

איך האָב ווייטער געאַרבעט אין ערשטן לאַגער, און ביינאַכט פלעג איך צוריקקערן אין צווייטן לאַגער. כ'האָב געמאַכט דעם פּאַרקאַן פון בערעזע. עס איז געווען אַ נידעריקער פּאַרקאַן אַרום אַ בלומען־גאָרטן. אין דעם דאָזיקן גאָרטן זיינען געווען חיות און פייגל. אַרום און אַרום איז געווען שטיל און שיין. פון ביימער האָט מען געמאַכט אָפּרו־בענק פאַר די דייטשן און אוקראַינער. שטילקייט און רו האָבן געהערשט אינם דאָזיקן אָרט. אָבער לײַדער איז דאָס געווען אַ זאַמלפּונקט פון טייוולאָ־נישע באַראַטונגען, וואו מען האָט זיכער נישט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש, נאָר וועגן פייניקונגען.

דער קאָמענדאַנט פון ערשטן לאַגער פלעגט זיך אָפט צוקוקן פון דערווייטנס, צי מען אַרבעט. ס'איז געווען פאַרבאָטן צו רעדן צו אונז. טיילמאָל האָט ער בגנבה געוואָרפן צו מיר עטלעכע ווערטער. דאָס איז געווען אַ איד בערך 65 יאָר אַלט, אַ הויכער, אַן אנגענעמער. ער האָט געהייסן גאַלעווסקי און ער האָט געשטאַמט פון לאָדז. פון בארוף איז ער געווען אַן אינזשעניר. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס „קאָמענ־

דאַנט" אין אויגוסט 1942, ווען עס איז אַנטשטאַנען די אידישע „מאַכט". ער איז געווען די שפּרינג־פעדער פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציאָנעלער באַ־וועגונג. ער איז נישט געזונקען אַזוי טיף מאָראַליש ווי אַנדערע, ער האָט זיך באַטראַכט פאַר איינעם פון אונז אַלעמען, די אומגליקלעכע, דעריבער איז ער אָפט געשלאָגן געוואָרן און גע'רודפ'ט געוואָרן גלייך ווי אַלע אַנדערע. נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען נאָך 3 טעג זיין אין תפיסה, איז ער צוגעקומען צו מיר, כדי זיך מיט מיר צו פאַרשטענדיקן. אין דער תפיסה פלעגט ער איינמאָל אַ טאָג, אינדערפרי, אויסגיין און אַרויסטראָגן אַן עמער מיט אָפּפאַל און שפּעטער איז ער צוריקגעגאַנגען אינם דאָזיקן פינסטערן לאָך. ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען קיינער איז לעבן מיר נישט געשטאַנען און ער האָט קלאָר און קאַטעגאָריש געפאָדערט, אַז די יוגנט זאָל האָבן געדולד, ווייל דער מאָמענט פון באַפרייאונג דער־נעענטערט זיך. עטלעכע מאָל האָט ער צו מיר די דאָזיקע ווערטער איבער־חזרט מיט אַ באַפעלערישן טאָן. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז באמת דער ענדגילטיקער טערמין און אַז דער רוף דערנענטערט זיך. ווען איך בין ביינאַכט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, האָב איך צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג און מיר האָבן קאָנטראָלירט, צי אַלץ איז געהעריק צוגע־גרייט. אַלע זיינען געווען אויפגערעגט. די נאַכט איז קיינער נישט גע־שלאָפן. מיר האָבן זיך שוין דעמאָלט געזען הינטער די טויערן פון גהינום. דערווייל זיינען די היצן געוואָרן גרעסער, נישט צום אַריבער־טראָגן. די היץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אַחוץ דעם האָבן שלעכטע ריחות און אַ געפערלעכע היץ געזעצט פון די אויוונס. אונזערע פייניקער האָבן באַשלאָסן דעריבער, אַז מיר וועלן אַרבעטן פון 4 אינדערפרי ביז 12 בייטאָג. 12 אַזייגער האָבן זיי אונז פאַרשלאָסן אין די באַראַקן. מיר זיינען ווידער געווען פאַר־צווייפלט, ווייל מ'האָט זיך נישט געקאָנט פון דאָרט אַרויסבאַקומען. אָבער אויך אויף דעם האָבן מיר געפונען אַן עצה. מיר האָבן זיי אויפגעקלערט, אַז ס'וועט בעסער זיין, ווען מען וועט שנעלער פאַרברענען די טויטע קערפּערס, און אַז עס זיינען פאַראַן פּריוויליקע, וועלכע וועלן פאַר אַ בע־סערער פּאָרציע ברויט אַרבעטן לענגער. זיי האָבן מסכים געווען דערצו. מיר האָבן איינגעטיילט אַלעמען אין 2 שיכטן. איין שיכט האָט געאַרבעט פון 12 ביז 3 בייטאָג, און די אַנדערע פון 3 ביז 6 ביינאַכט. מיר האָבן אויסגעקליבן פּאַסיקע מענטשן און דערוואַרט יעדן טאָג דעם סיגנאַל. נישט ווייט פון אונזער באַראַק איז געווען אַ ברונען, פון וועלכן מען האָט גענומען וואַסער פאַר דער קיך און פאַר דער וועש־שעריי. מיר האָבן אויסגענוצט אויך דאָס דאָזיקע „טירל", ביי וועלכן עס איז געשטאַנען כסדר אַ וואַך. זעהר אָפט זיינען מיר, צי מיר האָבן געדאַרפט, צי מיר האָבן נישט געדאַרפט, געגאַנגען נאָך וואַסער.

מיר האָבן דאָס געטאָן דערפֿאַר, כדי די וואַך זאָל זיך צוגעוואוינען צו דעם, אַז מיר קומען זעהר אָפֿט.

איצט זיינען נישט געווען כמעט קיין שום נייע טראַנספּאָרטן. עס זיינען נאָר פֿאָרגעקומען איינציקע עקזעקוציעס אויף באַזונדערע אידן. אָבער אונזערע תליונים האָבן דאָך נישט געקאָנט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט.

אין אַ געוויסן טאָג זיינען אַלע ווידער געווען אין אַ גוטער שטימונג. עס ווייזט אויס, — זיי וועלן ווידער אָנהויבן זייער מערדערישע אַרבעט. זיי האָבן נייע קרבנות. עס איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט פֿון וואַרשע, וועלכער האָט כלומרשט געדאַרפֿט פֿאָרן קיין אויסלאַנד. דאָס זיינען געווען פֿאַרמעגלעכע מענטשן. די טראַנספּאָרטן האָבן געציילט בערך 1000 מענטשן, מענער, פֿרויען און קינדער. מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ טראַנספּאָרט מענטשן, וועלכע האָבן באַצאָלט גרויסע געלדער דערפֿאַר, אַז מען זאָל זיי אַרויספֿירן אין אַ זיכערן אָרט. מען האָט ביי זיי אַלץ צוגענומען. ווי איך בין געוואָר געוואָרן, האָט מען זיי געהאַלטן אַלע צוזאַמען אין וואַרשע אין דעם ערשט־קלאַסיקן פּוילישן האָטעל אויף דער דלוגא גאַס. שפּעטער האָט מען זיי אַלע אומגעבראַכט אין טרעבלינקע. ווען מיר האָבן געאַרבעט ביים סאָרטירן די זאַכן, האָבן מיר דערקענט, לויט זייערע פּאַספּאָרטן, ווער זיי זיינען. זיי זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אַזוי ווי אַנדערע.

אין אַזעלכע באַדינגונגען זיינען אָנגעקומען אַנדערע אויסלענדישע טראַנספּאָרטן. מען האָט זיי איינגערעדט, אַז מען פֿירט זיי אויף אומזידלונג קיין טרעבלינקע. אויף די סטאַנציעס האָבן די דאָזיקע מענטשן אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די וואַגאָנעס און האָבן געפֿרעגט גאַנץ רואיק, ווי ווייט עס איז נאָך ביז טרעבלינקע. זיי האָבן געוואָלט, נעבעך, די דאָזיקע פֿאַרמאַטערטע, ענדלעך דערגרייכן זייער אַזיל־פּונקט, וואו זיי וועלן זיך קאָנען אָפּרוען נאָך דער רייזע. זיי זיינען אָנגעקומען און זיי האָבן אפֿילו נישט באַוויזן צו וואונדערן זיך און צו איבערלעבן שרעקלעכע טעג — זיי רוען אייביק אין זייערע קברים. היינט וואַקסט שוין גראָז אויף דעם אַש פֿון זייערע קערפּערס.

נאָך דעם טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען נאָך אַ טראַנספּאָרט פֿון דעם שטראָף־לאַגער אין טרעבלינקע. עס זיינען דאָרט געווען בערך 100 אידן, אַלע האַלב־לעבעדיקע, פֿאַרהאָרעוועטע, אויסגעמאַטערטע, פֿאַרפּייניקטע. ווען מען האָט געקוקט אויף זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי בעטן שוין אַליין דעם טויט אויף זיך. מען האָט זיי אויסגעהרגעט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע.

עס האָט אונז אויסגעדוכט, אַז עס קומט אָן דער סוף צו אונזערע ליידן. דער טאָג פֿון באַפֿרייאונג האָט זיך דערנענטערט. מיין שעף לעפּ־

לער, וועלכער האט מיך גוט באהאנדלט, איז דעמאלט אוועקגעשיקט געווארן קיין מיידאנעק. ער האט שטארק געוואלט מיך מיטנעמען מיט זיך צו דער ארבעט דארט. איך בין געווען אין א שרעקלעכער לאגע. איך האב געוואוסט, אז א זיכערער טויט ווארט אויף יעדן פון אונז. דער אורטייל איז ארויסגעגעבן געווארן. אויב איך וועל פארן קיין מיידאנעק, וועל איך אין די נייע באדינגונגען נישט קאנען אזוי שנעל געפינען א וועג, וואס וועט מיך פירן צו דער פרייהייט. עס וועט מוזן לאנג געדויערן איידער איך וועל מאכן באקאנטשאפטן מיט די נייע מענטשן. דער אויסוואל פון ארט איז אבער נישט געווען אפהענגיק פון מיר. כ'האב געמוזט מאכן דעם אנשטעל, אז איך בין צופרידן וואס לעפלער האט מיך אויסגעקליבן. צו מיין גליק האט דער „הויפט־שטורמפירער" נישט דערלויבט מען זאל מיך צונעמען פון דאנען. ער האט מיך דערווייל גענארפט. אין דער זעלבער צייט, איך ווייס נישט פארוואס, האט מען אונז געהייסן שרייבן בריוו. עס זיינען געווען אזעלכע נאאיווע מענטשן, וועלכע האבן טאקע געשריבן בריוו. זעלבסטפארשטענדלעך — נישט אלע, נאר א טייל האבן געשריבן. שפעטער האב איך אליין געזען, ווי מען פארברענט די בריוו. צי דאס איז געווען א קאפריז, א שפיל אדער עפעס אנדערש — ווייס איך נישט.

דער ענדגילטיקער טערמין פון אויפשטאנד איז באשטימט געווארן אויפן 2־טן אויגוסט. מיר האבן געהאט א פארגעפיל, אז דאס איז שוין דער לעצטער טערמין. מיר זיינען געווען שטארק פארנומען קאנטראלירנדיק, צי אלץ איז צוגעגרייט און צי יעדער געדענקט, וואס ער דארף טאן. עס האט זיך אזוי געמאכט, אז זינט א פאר טעג בין איך נישט געקומען אין ערשטן לאגער אריין. איך האב געארבעט ביי א 8־קאנטיקער געביידע מיט אן אראפהענגיקן דאך, וואס איז געווען ענלעך צו א וואך־הויז. די דאזיקע געביידע האט געדארפט דינען אלס צודעק צו א ברונעם. איך האב אויך געבויט א באוועגלעכע געביידע, וועלכע איז געווען לייכט פונאנדערצונעמען, אין דעם לאגער נומער 2. שפעטער האב איך געדארפט די דאזיקע געביידע אריבערטראגן אין דעם לאגער נומער 1. איך בין געווען שטארק אומגעדולדיק, ווייל איך האב זיך נישט געקאנט פארשטענדיקן — און דער סוף האט זיך דערנענטערט.

דער 2־טער אויגוסט 1943 איז געווען א הייסער טאג. די זון האט געשיינט און דורך די ארימע, קליינע פארצוימטע פענסטערלעך האבן זיך שטראלן אריינגעגנבעט אין אונזער באראק. א גאנצע נאכט האבן מיר נישט צוגעמאכט קיין אויג. ווען דער באגינען איז אנגעקומען — זיינען מיר אלע געווען גרייט. יעדער פון אונז האט געפילט די וויכטיקייט פון דעם מאמענט. מען האט געטראכט וועגן פרייהייט. אלץ ארום אונז איז אונז נמאס געווארן. נקמה אויף די תליונים — און פרייהייט. איך האב

אַליין געחלומט, איך זאָל קאָנען ערגעץ אין אַ וועלדל איינשלאָפן רואיק און זיך אָפּרוען. אָבער איצט האָב איך פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע מיר האָבן צו דערפילן. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, זיינען אַרום געווען אָבסערוואַציע־טורעמס. אויף די טורעמס איז געשטאַנען אַ וואַך מיט געווער. אויף יעדן שריט איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער אוקראַינער אָדער דייטש. ס'איז 12 אַזייגער בייטאָג. מיר זיינען פאַר־שלאָסן אין באַראַק. דער גאַנצער לאַגער איז אַרומגערינגלט מיט אַ סך פּאַרקאַנעס. מיר האָבן שוין געהאַט געזעגנט די אַלע ליידן, די דאָזיקע שרעקלעכע סצענעס. מיר האָבן געוואָלט מאַכן אַ סוף צו דעם אַלעמען. איך האָב זיך אויסגעקליבן אַלס ציל צו באַשרייבן אַלץ, וואָס איך האָב געזען און איבערגעלעבט. איך וויל אָנצייכענען דעם פּלאַן פון דעם אָרט פון דער רציחה — זאָל די וועלט וויסן דעם וויסן. דאָס האָט מיר צו־געגעבן כוח אין דעם קאַמף מיט די טייוולאָנים. ווען איך האָב זיך דעם דאָזיקן ציל אויסגעקליבן — איז מיר געווען לייכטער אויסצוהאַלטן אין מיין אומגליק. און איצט האָב איך געפילט און בין געווען זיכער, אַז איך וועל אַ גאַנצער און אַ פרייער אַרויסגיין פון דאַנען. מען האָט געפילט דעם שטורם, וואָס איז געהאַנגען אין דער לופטן. אַלע זיינען געווען שטאַרק אויפגערעגט. די דייטשן און אוקראַינער האָבן גאָרנישט פאַר־געפילט. זיי האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען, זיי האָבן שוין אַזאַ גרויסע רוטין — צי דאַרפן זיי מורא האָבן פאַר אַזאַ קליין הייפעלע? זיי גיבן אַרויס באַפעלן, וועלכע ווערן, אַזוי ווי תמיד, אויסגעפירט. אָבער מיר, די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע, זיינען געווען אומרואיק. אונז האָבן נאָך געפעלט די גענויע פּרטים פון דעם אויפשטאַנד. מיר האָבן נאָך נישט געוואוסט די גענויע שעה פון דעם אָנהויב. איך דריי זיך אַרום ווי אַ משוגענער. איך אַרבעט, טו אַלץ וואָס מען דאַרף, אָבער איך האָב שטאַרק מורא, אַז מיר וועלן נישט באַוויזן אָנצוקניפּן דעם קאָנטאַקט און אַז מיר וועלן אַלע אומקומען.

צום סוף האָב איך געפונען אַן אופן צום קאָמוניקירן זיך מיטן ערשטן לאַגער. מיין שעפ לעפּלער איז שוין דאָ נישט געווען. ס'איז דאָ אַ נייער שעף, וועמענס נאָמען איז מיר נאָך נישט באַקאַנט. מיר האָבן אים גערופן די „ברוינע העמד”. צו מיר האָט ער זיך גוט באַצויגן. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן ברעטער. דער מאַגאַזין פון ברעטער געפינט זיך אין לאַגער נומער 1. נישט ווילנ־דיק מיר איבעררייסן די אַרבעט, איז ער אַוועק מיט אַנדערע. מען האָט מיר געבראַכט די ברעטער. איך האָב זיי באַקוקט, געמאָסטן און צום סוף האָב איך געזאָגט, אַז זיי טויגן נישט. איך מוז לײדער אַליין גיין און זיי אויסקלייבן. איך האָב געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי דאָס וואָלט מיר נישט געווען באַקוועם. איך גיי מיט מיין שעף אין מאַגאַזין אַריין — און איך

ציטער פֿון אויפֿרעגונג. איך פֿיל, אַז אויב איך וועל נישט אויסנוצן די געלעגנהייט — זיינען מיר פֿאַרלוירן. מיר זיינען אָנגעקומען אין ערשטן לאַגער. איך קוק זיך אַרום מיר מיט אומרו. צי וועל איך האָבן די גרויסע זכיה אויסצופֿירן אַזאַ גרויסע אויפֿגאַבע? מיט מיר זיינען נאָך 3 מענטשן. דעם מאַגאַזין האָט געהיט אַ איד, בערך 50 יאָר אַלט, וועלכער האָט געטראָגן ברילן. איך ווייס גאָרנישט וועגן אים, ווייל ער איז געווען די גאַנצע צייט אין לאַגער נומער 1. ער האָט אויך געהערט צו די אויפֿשטענדלער. מיינע 3 געהילפֿן האָבן גערעדט מיטן דייטשן שעף. און איך האָב כּלומרשט אויסגעקליבן די ברעטער. איך האָב זיך בכיוון דערווייטערט פֿון אַלע אַנדערע — איך האָב געהאַלטן כּסדר אין אויסקלייבן ברעטער. פּלוצלינג הער איך, ווי אימיצער זאָגט מיר עפּעס שטיל אין אויער אַריין: ענדגילטיק היינט, 5:30 נאָכמיטאָג. איך דריי זיך אום גלייכגילטיק און פֿאַר מיינע אויגן שטייט דער דאָזיקער איד, וועלכער היט די ברעטער. ער חזרט דאָס איבער נאָכאַמאָל און גיט צו — „ס'וועט זיין אַ סיגנאַל". איך וואונדער זיך שטאַרק און גלויב אַליין נישט.

איך נעם צונויף שנעל די ברעטער, כ'היים מיינע קאָלעגן זיי צונעמען און איך גיי צו דער אַרבעט. איך ציטער אינגאַנצן. איך האָב מורא, מען זאָל נישט דערקענען אין מיר מיין אויפֿרעגונג. אַזוי איז אַריבער די צייט ביז 12 אַזייגער. 12 אַזייגער זיינען אַלע צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט. ווידער אַ קליינע באַראַטונג פֿון אונזער קאָמיסיע. איך גיב זיי איבער אַלע פּרטים, בעט אַז זיי זאָלן זיך האַלטן רואיק און געדענקען וואָס זיי האָבן צו טאָן. די יוגנט איז זעהר אויפֿגערעגט. ווען איך האָב געקוקט אויף אונער הייפֿעלע — האָב איך אָנגעהויבן צו גלויבן אין נצחון. מיר קלייבן אויס פּרייוויליקע צו דער נאָכמיטאָגדיקער אַרבעט. די ערשטע גרופּע, וועלכע מיר האָבן אויסגעקליבן, איז געווען אַ שוואַכע. זי האָט נישט קיין אויפֿגאַבן צו דערפֿילן. די דאָזיקע גרופּע איז צוריקגעקומען פֿון דער אַרבעט 3 אַזייגער. דעמאָלט זיינען געגאַנגען אונזערע פּרייוויליקע. זיי זיינען געווען אַ מאַן 30. די מוטיקסטע, די העלדישסטע, די שטאַרקסטע. זיי האָבן געדאַרפֿט ווייזן דעם וועג פֿאַר די, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אַנטלויפֿן. אויסער דעם האָט מען אויסגעקליבן געהעריקע מענטשן, זיי זאָלן שטיין ביים ברונעם. פֿאַר 5 אַזייגער איז געווען אַ גרויסער פֿאַרלאַנג אויף וואַסער. מיר האָבן אויפֿגעמאַכט אינגאַנצן דאָס טויער, וועלכעס האָט געפֿירט צו דעם ברונעם — און מען האָט פֿאַרגרעסערט די צאָל וואַסער־טרעגער. די, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די מתים, האָבן געטראָגן געצייכנטע אונטערוועש. פֿאַרן טראָגן אַן אַנצוג האָט מען באַקומען 25 קלעפּ מיט אַ נאַהאַיקע. דעם דאָזיקן טאָג האָבן זיי אָנגעטאָן די אונטערוועש אויף די אַנצוגן. פֿאַרן אַנטלויפֿן האָבן זיי געדאַרפֿט אַראָפּוואַרפֿן די אונטערוועש, ווייל אויב נישט וואָלט מען זיי דאָך דער־

קענט. מיר זיינען געבליבן אין באַראַק. מיר האָבן זיך צונויפגענומען צוזאַמען און איינער האָט געקוקט אויפן אַנדערן. יעדע ווײַלע האָט אַן אַנדערער דערמאָנט, אַז די צייט דערנענטערט זיך. ס׳איז שווער צו באַשרייבן, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט געטאָן מיט אונז. אין זיך האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דעם אָרט, וואו עס רוט דאָס אַש פון אונזערע ברידער. ליידן און וויטאָג האָבן אונז צוגעשמידט צו דעם דאָזיקן אָרט. דאָ, פון וואַנען מיר ווילן אַנטלויפן נאָך לעבעדיקע, זיינען אומגעקומען אַזוי פיל אומשולדיקע. די גרויסע רייע פון די קרבנות, דער טויט־מאַרש, זיינען לעבעדיק געשטאַנען פאַר אונזערע אויגן און האָבן גערופן נאָך נקמה. מיר ווייסן וואָס די ערד האָט איינגעשלונגען, מיר זיינען דאָך די איינציקע עדות. שטילערהייט געזעגענען מיר זיך מיט די אומגעבראַכטע קינדער פון אונזער פאָלק און מיר שווערן, אַז פון דעם דאָזיקן בלוט וועלן אויפשטיין נקמה־נעמער.

פלוצלינג הערן מיר אַ סיגנאַל: אַ שיסן אין דער לופטן. מיר רייסן זיך אָפּ פון די ערטער. יעדער פון אונז לויפט שנעל אויף זיין באַשטימטן פּאָסטן. אַלץ ווערט אויסגעפירט לויטן פּלאַן. די שווערסטע אויפגאַבע איז געווען אַראָפּצושלעפּן די אוקראַאינער פון די אָבסערוואַציע־טורעמס. וואָלטן זיי אָנגעהויבן פון אויבן צו שיסן אויף אונז מיט קוילן, וואָלטן מיר נישט אַרויס קיין לעבעדיקע. די אוקראַאינער האָבן שטאַרק ליב געהאַט גאָלד און האָבן כסדר געהאַנדלט מיט די אידן. ווען עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן דער שאָס, האָט זיך איינער פון די הענדלער דערנענטערט צום טורעם און געוויזן דעם אוקראַאינער אַ גאָלדענע מטבע. דער דאָזיקער אוקראַאינער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער שטייט אויף דער וואַך, האָט איבערגעלאָזט זיין מאַשין־געווער און איז שנעל אַראָפּגעלאָפן פון אויבן, כדי אויסצונאַרן ביים איד דעם אוצר. 2 אַנדערע אידן האָבן געוואַרט אויף אים פון דער אַנדערער זייט. מיט אַ בליץ־שנעלקייט האָט מען אים געכאַפּט, דערהרגעט און צוגענומען זיין געווער. אויך מיט דער וואַך אויף די טורעמס האָט מען שנעל געמאַכט אַ סוף. אויפן וועג האָט מען דערהרגעט יעדן, וועלכן מען האָט אָנגעטראָפן. דער אָנפאַל איז געווען אַ פּלוצלונגדיקער. זיי האָבן ניט באַוויזן זיך אָריענטירן, וואָס דאָ גייט אָן — און דער וועג איז פאַר אונז שוין געווען פריי און אָפן. פון דעם וואַך־הויז האָט מען אַרויסגעטראָגן געווער און יעדער האָט גענומען וואָס ער האָט געקענט.

באַלד נאָכדעם, ווי דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן, האָט מען דערהרגעט דעם וואַכמאַן ביים ברונעם און מען האָט צוגענומען ביי אים דאָס געווער. מיר זיינען אַלע אַרויסגעלאָפן פון באַראַק און יעדער פון אונז האָט פאַרנומען זיין פּאָסטן. במשך פון עטלעכע מינוט איז אַלץ געווען אין פלאַמען. מיר האָבן דערפילט גוט אונזער הייליקע אויפגאַבע.

איך האָב זיך געכאַפּט פאַרן געווער, איך האָב געשאָסן אַרום זיך זעהר געדיכט, און ווען איך האָב באַמערקט, אַז אַלץ ברענט און אַז דער וועג צום אַנטלויפן איז פריי, האָב איך געכאַפּט אַ האַק און אַ זעג און בין אַנטלאָפן. אין דער ערשטער מינוט האָבן מיר באַהערשט די סיטואַציע. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג נאָך אונז פון אַלע זײַטן: פון מאַלקין, קאַסאַוו און פון דעם שטראָף־לאַגער אין טרעבלינקע. זיי זײַנען געקומען צו לויפן, ווען זיי האָבן באַמערקט פײַער און ווען זיי האָבן געהערט אַ שיסערײַ. אונזער ציל איז געווען צו אַנטלויפן אין וואַלד אַרײַן. דער נאָענטסטער וואַלד איז געלעגן 2 קילאָמעטער ווײַט פון אונז. מיר זײַנען געלאָפן דורך בלאָטעס, פעלדער און גרובן. מען האָט כסדר געשאָסן אויף אונז. יעדע ווײַלע איז געווען טײַער. נאָר אין וואַלד אַרײַן, נאָר אין וואַלד אַרײַן, האָבן מיר כסדר געטראַכט, אַהין וועלן די באַנדיטן שוין נישט אַרײַנגיין. לויפנדיק אַזוי אַז אַן אָטעם האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך בין שוין געראַטעוועט. פּלוצלינג הער איך ווי מען שרײַט: „בלײַב שטיין!” איך בין געווען זעהר אויסגעמאַטערט. דאָך בין איך ווײַטער געלאָפן און נאָך מיט אַ גרעסערער שנעלקייט. דער וואַלד איז שוין זעהר נאָענט. נאָך עטלעכע טריט. איך נעם צוזאַמען אַלע מײַנע כוחות און מײַן אײנציקער געדאַנק איז אויסצוהאַלטן. און דערווײַל דער־נענטערט זיך צו מיר דער געיעג. איך הער שוין די טריט פון מײַן פאַר־פאָלגער. פּלוצלינג הער איך אַ שאָס און אין דעם זעלבן מאָמענט פיל איך אַ שטאַרקן ווייטאָג אין מײַן לינקער זײַט. איך דריי זיך אום און פאַר מיר שטייט דער וואַכמאַן פון דער שטראָף־אָפּטיילונג פון טרעבלינקע. ער צילט נאָכאַמאָל אין מיר פון זײַן רעוואָלווער. איך האָב באַמערקט, אַז זײַן רעוואָלווער האָט זיך פאַרהאַקט. איך האָב אויסגענוצט דעם דאָזיקן מאָמענט און איך האָב גענומען גיין לאַנגזאַמער. איך האָב אַרויסגעצויגן מײַן האַק. דער אוקראַאינער איז צוגעלאָפן צו מיר און האָט געשריגן אויף אוקראַאיניש: „בלײַבן שטיין, ווײַל איך וועל שיסן!” כ'האָב זיך דער־נענטערט צו אים און איך האָב אים אַ זעץ געטאָן מיט דער האַק אין דער לינקער זײַט ברוסט. ער איז געפאַלן לעבן מײַנע פיס מיט אַ געשרײ: „אַ רוח . . .” איך האָב זיך געפילט פריי. איך בין אַרײַנגעלאָפן אין וואַלד אַרײַן. אָפּגייענדיק אַ לענגערע צײַט, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט צווישן די ביימער. פון דערווײַטנס האָט מען געהערט געדיכטע שיסערײַען. די קויל האָט מיך נישט פאַרוואונדעט. די קויל האָט דורכגעלעכערט מײַנע קליידער — ס'איז געבליבן בלויז אַ צייכן. איך רו זיך אָפּ איינער אַליין.